STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05392

# TSUM EYBIKN ZIKORN

B. M. Erlich

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Rosalind Charney Kaye & Kenneth Kaye*
*in honor of*
*Rebecca Charney Fish on her Bat Mitzvah*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# ברוך מרדכי ערליך

☆

# צום אייביקן זכרון

ברוך מרדכי ערליך

# צום אייביקן זכרון

פאַרלאַג „מיכאלי"
תל־אביב, תשל"ה — 1975

# B. M. Erlich

# TZUM EIBIKN ZIKORN

©
אַלע רעכט געהערן דעם מחבר

נדפס בישראל
Printed in Israel
1975

דפוס „אור״ בע״מ, שד׳ הר־ציון 104, תל־אביב, טל. 822481

# אויפן וועג שטייט אַ בוים

## (במקום אַ הקדמה)

עס איז אַ שטאָק־פינצטערע נאַכט. איך גיי אויף אַ שמאָלער סטעזשקע, קוים וואָס איך דערזע דעם פּאָס ערד. מיט די פיס דערפיל איך די ריכטונג פון דער אויסגעטראָטענער סטעזשקע. קוים לענק איך אָפּ מיט אַ פוס אויף רעכטס אָדער אויף לינקס, דערפיל איך גלייך דעם פרעמדן באָדן. אַזוי דערטאַפּ איך אין דער שטאָק־פינצטערער נאַכט דעם וועג פאַר מיין גאַנג.

אין מיטן גאַנג קומט אָן אַ שטאַרקער ווינט, וואָס בלאָזט מיר אין די אויגן און שמייסט אין דעם פנים אַריין, גלייך ווי ער וואָלט ספּעציעל אָנגעיאָגט געוואָרן כדי מיך צוריקצוטרייבן פון מיין אויסגעטראָטענער שמאָלער סטעזשקע. איך בייג זיך איין צו דער ערד, מאַך זיך נידעריקער און קאָנצענטריר זיך אָנצוהאַלטן דעם באָדן אונטער מיינע פיס. אַזוי קעמף איך מיט דעם ווינט — זאָל ער בלאָזן איבער מיר, איך שפּאַן ווייטער איבער דער שלענגלדיקער סטעזשקע. אַ פינצטערער הימל הענגט איבער מיין קאָפּ און פרעמדע אומענדלעכע פעלדער און לאַנקעס ציִען זיך פוןביידע זייטן.

מיין שמאָלע סטעזשקע גייט זיגזאַגיק און דער בייזער ווינט יאָגט אָן פון אַלע זייטן. אָט קומט דער הוראַגאַן־ווינט הינטער מיין פּלייצע, און איך ווער לייכט ווי אַ פעדער. איך גיי שוין נישט מער, נאָר ס׳טראָגט מיך אין דער לופטן און איך מוז זיך אָנשטרענגען צו האַמעווען דעם גאַנג, כדי צו דערפילן דעם באָדן אונטער די פיס.

דער ווינט ברענגט מיט זיך אויך אַ שלאַקסרעגן. עס גיסט מיט אַ ווילדן געפּילדער. איך ווער אויסגעווייקט דורך און דורך. די אויסגעטראָטענע סטעזשקע ווערט פאַרגאָסן און קלעפּעדיק, די פיס זינקען אין דער בלאָטע און קלעפּן זיך אַרום מיטן שווערן ליים. ס׳ווערט שווער זיי צו הייבן, די קניִען ברעכן, די כוחות לאָזן זיך אויס. איך פיל, אַז איך קען שוין מער נישט ממשיך זיין דעם גאַנג און מוז זיך אַ ביסל אָפּרוען.

אָבער ווי אַזוי קען איך בלייבן שטיין אין דער פרעמדער פינצטערניש, אונטער די ווילדע הוראַגאַן־ווינטן און מבול? באין ברירה, שטרענג איך זיך אָן פאַרצוזעצן מיין וועג און אַזוי, ווי איך שלעפּ זיך אויף דער פאַר־גאַסענער סטעזשקע, פאַל איך אַרויף אויף אַ בוים!

ווי אָט דער בוים וואַלט אויסגעוואַקסן ספּעציעל ביי מיין סטעזשקע, כדי איך זאָל האָבן אין וואָס זיך אָנצוהאַלטן אין דער פינצטערער וועלט. איך שטיי און איך האַלט זיך צו. איך וויל אַזוי איבערוואַרטן די בייזע ווינטן מיט דעם שלאַקסרעגן און שפּעטער גיין ווייטער.

דער בוים אַליין איז נאַס, דאָס וואַסער גיסט זיך פון אים. זיין ברייטער קרוין מיט די צווייגן און בלעטער שליידערט זיך מיט ירגזון אין דער פינצטערער נאַכט. האַלט איך זיך אָן אַזוי, ווי איך וואָלט געוואָרן אַ טייל פון אים. דער אַרום מאַכט אַן איינדרוק, ווי די מעכטיקע פאַר־באַרגענע כוחות פון הימל און ערד וואָלטן זיך צוזאַמענגעשטויסן אין אַ פאַרמעסט. דער בוים רעאַגירט שטורמיש אויף די ווילדע ווינטן און מבול. דערווייל רופן זיך אָפּ פון די הויכע הימלען דונערן און עס רייסט זיך פון זיי אַרויס אַ פאַרבלענדנדיקער בליאַסק. די וועלט פאַלט איין אַרום מיר, אָבער כ׳בין באַשיצט פון דעם בוים מיט זיין הויכן, ברייטן קרוין.

ווען איך בין געוואָרן אַוועקגעשליידערט פון מיין שוץ־בוים, האָט דער דונער גלייכצייטיק אויך אויסגעריסן זיין הויכן געדיכטן קרוין מיט די צווייגן און בלעטער.

ס׳איז געוואָרן טאָג. איך זוך מיין שמאָלע סטעזשקע פאַרצוזעצן דעם וועג. פאַר מיינע אויגן ליגט דער אויסגעברענטער קרוין פון דעם בוים — אַ געדיכט געוועב פון צווייגן און בלעטער. איך וויל אַרויף אויף דער סטעזשקע, אָבער איך קען זיך נישט אָפּרייסן — דער אויסגעברענטער קרוינען־געוועב וועבט מיר אין מוח אַריין:

— דו ביסט דאָך אויך געווען אַ טייל פון אונדז און איצט ווילסטו זיך אָפּפרעמדן? וואָס פאַר אַ יחסן ביסטו דען?

דער טאָג גייט אויף, ס׳ווערט ליכטיקער, איך גיב אַ לעצטן קוק אויף דעם אויסגעברענטן קרוין פון בוים און לאָז זיך אין וועג אַריין. די פרי־מאָרגן־ווינטן בלאָזן און טראָגן מיט זיך דעם אַש פון די צווייגן און בלעטער אין איינעם מיט זייער געפּליסטער:

— שרייב, שרייב כאָטש וועגן אונדז...

# אין לאָדזשער געטאָ

## די הוטפאַבריק אין לאָדזשער געטאָ

פונקט ווי די שניידער־בראַנזשע און אַנדערע יידישע פאַכן, אַזוי איז אויך זינט לאַנגע יאָרן די הוט־בראַנזשע געווען כמעט לחלוטין אין יידישע הענט. פון דער זגערזשער גאַס, ניישטאַט און פיעטריקאָווער גאַס ביז דער אַנדזשעי־גאַס, זענען כמעט אין יעדן הויז געווען יידישע, גרעסערע אָדער קלענערע ווערקשטעלן פון דאַמען־ מענער־ און קינדער־היט. אין סעזאָן־צייט פלעגן קומען הורט־קונים און דעטאַל־קרעמער פון לאָדזש און דער פראָווינץ און קויפן די אויסגעאַרבעטע היט. די אַנטיסעמיטישע פרעסע און דער „קריסטלעכער סוחרים־פאַראיין", וואָס האָבן געפירט אַ באָיקאָט־פראָפּאַגאַנדע, האָבן נישט געהאַט קיין וועזנטלעכער ווירקונג אויף דער הוט־בראַנזשע. אין לעצטן יאָר פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, זענען שוין כמעט אַלע מיטגלידער פונעם קריסטלעכן סוחרים־פאַראיין אין לאָדזש געווען אָפענע נאַציס (כמעט אַלע קריסטלעכע סוחרים זענען געווען דייטשן און מיטן אויפשטייגן פון היטלעריזם אין דייטשלאַנד זענען זיי געוואָרן נאַציס). די באָיקאָט־פּראָפּאַגאַנדע איז פאַרשטאַרקט געוואָרן. אָבער נישט אין דעם איז באַשטאַנען די הויפּט־געפאַר פאַר די יידישע פּראָדוצענטן אין דער הוט־בראַנזשע, ווייל אָפט זענען אַ סך פון די זעלבע אַנטיסעמיטן, וועלכע האָבן אַליין געפירט די באָיקאָט־אַגיטאַציע געווען געצוווּנגען צו קויפן ביי יידן זייערע אויסאַרבעטונגען.

ס׳איז כדאַי צו פאַרצייכענען אַן עפּיזאָד פון מיין אייגענער דערפאַרונג. דעם זומער 1939 איז צו מיר, אויף פּיעטריקאָווער גאַס נומער 58, גע־קומען דער דייטש האָפמאַן. ער פלעגט זיין מיין קונה אין די סעזאָן־צייטן במשך פון 10 יאָר. ער האָט געהאַט אַ גאַלאַנטעריע־געשעפט אויף פּיעט־ריקאָווער גאַס לעבן גייערס מאַרק. אויך ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ פּייערדיקער נאַצי און אין די ראַמען פון זיין „קריסטלעכן סוחרים־פאַראיין" אין לאָדזש איז ער געווען איינער פון די באָיקאָט־פריידיקער,

אַט דער דייטש איז געקומען צו מיר אין שטוב באַשטעלן סחורה, אָבער ווען די פרוי האָפּמאַן האָט מיך געזען אָנקומען מיט דער באַשטעלטער סחורה, איז זי מיט אַ פאַרפלאָמטן פּנים אַרויסגעקומען צו מיר מיט געבעט:

— „הערן ערליך! קאָמען זי אין קיכע, איך ביטע אינען, קאָמען זי דורך דעם הויף, היער איזט פול מיט קונדן; וויר קאָנען דאָך מער ניכט קאָופען עפענטליך ביי יודען, זי פאַרשטייען דאָך, ניכט וואַר? אַנטשולדיגען זי מיר, איך ביטע אינען.‟

דעם זומער 1939, נאָך פאַר דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און פאַר דער דייטשער אָקופּאַציע, זענען די פּוילישע און דייטשישע אויפגעהעצטע כוליגאַנעס באַפאַלן יידישע שטובן אין באַלוט. זיי זענען אַריין אין די הייזער, געשלאָגן די מענטשן, דעמאָלירט און צעבראָכן דאָס מעבל און צעריסן דאָס בעטגעוואַנט, אַז די פעדערן זענען געפלויגן. דאָס האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל, טראָץ דער אינטערווענץ פון דעפּוטאַט לייבל מינצבערג.

דאָס גאַנצע ווירטשאַפטלעכע לעבן איז געוואָרן באַווירקט פון דעם נאַצישן געשפּענסט, עס האָט זיך געשאַפן אַן אייגנאַרטיקער קריזיס, וואָס איז נישט אַרויסגעדרונגען פון קיין עקאָנאָמישע סיבות, נאָר איז געווען אַ פּועל־יוצא פון דער קריטישער פּאָליטישער סיטואַציע, אין וועלכער פּוילן האָט זיך דעמאָלט געפונען. צוליב די דייטשישע מלחמה־דראָונגען האָבן סוחרים אָפּגעשטעלט דעם קרעדיט פאַר זייערע קונים; דער פּדיון איז געוואָרן שוואַכער און די עקאָנאָמישע סטאַביליטעט האָט זיך אַ וואַקל געטאָן.

די אומזיכערקייט האָט געהערשט יענעם גאַנצן זומער. דער זומער־סעזאָן אין דער הוט־בראַנזשע, דער סעזאָן פון די אַזוי גערופענע „פאַנטאַזי־היט‟, איז אַדורך מיט וויניקער אַרבעט און מיט אַ פאַרקלענערטן אומזאַץ. נאָך די ערשטע עטלעכע חדשים פון אומזיכערקייט און דעזאָריענטאַציע האָבן פיל יידישע סוחרים און האַנטווערקער געפּרוווט מיט דער אייגענער איניציאַטיוו נאָרמאַליזירן די האַנדל און מלאכה און מען האָט צוריק געעפנט דעם קרעדיט. דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפן. דער פּאָליטישער קריזיס איז פאַרשאַרפט געוואָרן מיט אַ שנעלן טעמפּאָ.

די אַלע קריזיסן, וואָס דאָס נאַצישע געשפּענסט האָט אַרויסגערופן אין פּוילן פאַר דער 2טער וועלט־מלחמה, זענען געווען כאין ואפס, אַ „קינדער־שפּילעכל״, אַנטקעגן דעם, וואָס איז פאָרגעקומען פונעם סאַמע אָנהייב פון דער דייטשישער אָקופּאַציע איי פּוילן. דער תהו ובהו, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן ווירטשאַפטלעכן לעבן בכלל און איבער דער הוט־בראַנזשע בפרט, האָט צו נישט געמאַכט אַלע ווירטשאַפטלעכע נאָרמעס און איינשטעלונגען. צוויי קעגנזעצלעכע ווירקונגען האָבן אויפגעטרייסלט די נאָרמאַלע ווירטשאַפט־נאָרמעס:

1) די דעוואַלואַציע פון דער פּוילישער וואַלוטע, די זלאָטע. די באַפעלקערונג פון אַלע שיכטן — פּאָליאַקן, דייטשן און יידן — האָט זיך באַמיט פּטור צו ווערן פון די פּוילישע זלאָטעס. די טענדענץ איז דעריבער געווען וואָס מער צו קויפן און וואָס ווייניקער פאַרקויפן. די „איבער־פּראָדוקציע״ איז געוואָרן איינגעשרומפּן. אָבער נאָך איידער די מענטשן האָבן באַוויזן צו פּטרן די ווערטלאָזע זלאָטעס (די וואָס האָבן דאָס פאַרמאָגט, נאַטירלעך), האָבן זיך אָנגעהויבן די דייטשישע רעקוויזיציעס אין די יידישע פאַבריקן, הורטגעשעפטן און אין די בענק. דערצו האָבן דייטשישע זעלנער אויסגעפּלינדערט די יידישע סחורות. אַזוי אַרום זענען שנעל אויסגעליידיקט געוואָרן די זאַפּאַסן פון אַלע סאָרטן אַרטיקלען. פאַרשטייט זיך, אַז די רוישטאָפן און די פאַרטיקע היט זענען נישט געווען קיין אויסנאַם.

2) פון דער צווייטער זייט זענען געקומען די דייטשישע רעפּרעסיעס: דער מבול פון „פאַראָרדנונגען״ — דיסקרימינאַציעס און אַנטי־יידישע גזרות זענען געשטיגן פון טאָג צו טאָג, און דאָס האָט תיכף פאַראַליזירט די מעגלעכקייטן פון די יידישע פּראָדוצענטן און סוחרים נאָכצוקומען די מינימאַלע פאָדערונגען פון סחורות־געברויך. צו דעם אַלעם איז נאָך צוגעקומען דאָס פאַרטרייבן פון די יידן אין געטאָ אַריין. אַפילו פון ריין־ווירטשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט איז דאָס געווען אַ געוואַלטאַקט פאַר ביידע צדדים: פאַר דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך גענייטיקט אין דער יידישער פּראָדוקציע און נאָך מער פאַר דער יידישער מאַסן־

באַפעלקערונג, וואָס אין געטאָ איז זי געוואָרן איזאָלירט, פאַרטריבן פון אירע פרנסה־באַזעס.

אויך די קאַפּעלוש־מאַכערס אין לאָדזש זענען דורכגעגאַנגען דעם פעריאָד פון ווירטשאַפטלעכער צעטרייסלונג; אויך די הוט־בראַנזשע האָט זיך געפונען אין קלעם צווישן דער גרויסער נאָכפראַגע אויף דער יידישער פּראָדוקציע מצד דער ציווילער באַפעלקערונג און צווישן די נאַצישע גזרות — ביז צום פאַרטרייבן אין געטאָ אַריין.

# די ערשטע שריט

די ווירטשאַפטלעכע אַנאַרכיע אין שטאָט האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט נאָך דעם פאַרטרייבן פון די יידן אין געטאָ. פאַרקערט, דער מאַנגל אין יידישע אויסאַרבעטונגען און סחורות האָט זיך כסדר פאַרשטאַרקט.

לאָדזשער יידן ווערן פאַרטריבן פון שטאָט און טראָגן איבער די נויטיקסטע זאַכן אין געטאָ.

די דייטשישע סוחרים אין לאָדזש — די פון פאַר דער מלחמה, ווי אויך די „פריש געבאַקענע", וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין די צוגערויבטע

יידישע געשעפטן, האָבן גישט געקאָנט נאָכקומען דעם געברויך פון דער באַפעלקערונג. זיי האָבן דעריבער אַלע געלעכצט צוצוקומען דורך די דייטשישע אַמטן צו די אויסאַרבעטונגען פון די יידן. צווישן אַנדערע האָט זיך אויך געפילט אַ גרויסער מאַנגל אין די סחורות פון די לאָדזשער היט־פּראָדוצענטן, ווייל זיי זענען שוין כמעט אַלע געווען פאַרשפאַרט אין געטאָ (אַחוץ די, וואָס האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן קיין ראַטן־פאַרבאַנד).

דאָס פאַרטרייבן אין געטאָ אַריין

אונטער דעם דרוק פון דער שטאָט־באַפעלקערונג און די דייטשישע סוחרים, האָט די נאַצישע מאַכט געפאָדערט פון דעם „עלטסטן דער יודען", מרדכי חיים רומקאָווסקין, צו אָרגאַניזירן אַרבעטס־פונקטן אין געטאָ. דער דאָזיקער פאַקט ווערט פאַרצייכנט אין רומקאָווסקיס „ביולעטין", ווו עס ווערט געזאָגט, אַז דעם 5טן אַפּריל 1940 האָט רומקאָווסקי איבערגעגעבן זיין „פאַרשלאָג" צו שאַפן אַרבעטס־פונקטן אין געטאָ און דעם 30סטן אַפּריל הייבן זיך שוין אָן צו שאַפן די געטאָ־פאַבריקן. צווישן די ערשטע פּלענער ווערט אויך געבראַכט דער פּלאַן פאַר אַ הוטפאַבריק. אין דער

אָפיציעלער געטאָ־כראָניק ווערט אָנגעגעבן, אַז די הוטפאַבריק אין לאָדזשער געטאָ איז געווען איינע פון די ערשטע 16 געטאָ־פאַבריקן.



ביי וואָס אָנהייבן ?

## קאָרנמעל און גאַזקיכן

אָט די צוויי אויבנדערמאָנטע זאַכן זענען נויטיק ביי דער אויס־אַרבעטונג פון היט. קאָרנמעל איז נויטיק געווען פאַר די הוטמאַכערס צו מאַכן שטערקע (קראָכמאַל), אַז די שטאָפן זאָלן זיין שטייף, האַלטן דעם פאָרעם און דעם פאַסאָן פון די היט. ביי די גאַזפלאַמען האָט מען געפאָרעמט די רענדער און די קעפּ.

דעריבער איז די הוטפאַבריק באַשטימט געוואָרן אויף זגערזשער גאַס, ווו עס זענען נאָך פון פאַר דער מלחמה געווען אינסטאַלירט גאַזרערן און ווו די הוטמאַכערס האָבן געקענט איינשטעלן די אַרבעט. דאַקעגן

קאָרנמעל אויף שטערקע איז אויפן אָרט נישט געווען און אויך פון דער אָפּטיילונג פון דער געטאָ־אַפּראָוויזאַציע האָט די הוטפּאַבריק דאָס אַרטיקל נישט באַקומען. מען האָט עס געדאַרפט דערהאַלטן דירעקט פון באַלוטער פּלאַץ, פון דער געטאָ־פּאַרוואַלטונג. די לייטונג פון דער הוטפּאַבריק האָט געשיקט אַ שליח, יאַקוב אַבראַמאָוויטש, מיט אַ באַשטעלונג פון עטלעכע קילאָגראַם קאָרנמעל.




מיין אַרבעטס־קאַרטע

ביידע אַרטיקלען זענען געווען גרויסע יקר־המציאות אין לאָדזשער געטאָ. דער הונגער האָט אָנגענומען די פאָרמען פון אַלץ שטאַרקערע לײדן און דערפירט מענטשן צו אַ קאָמפּלעטער פיזישער דערשעפּונג און גייסטיקער דעפּרעסיע. אויך די באַהייצונג איז אין לאָדזשער געטאָ געוואָרן אַ לעבנס־פראַגע — אַפילו אָפּצוקאָכן אָדער אָנצוואַרעמען דאָס ביסל וואַסערדיקע געטאָ־זופּ איז נישט געווען מיט וואָס.

ווען די פּראָבלעמען פון דערנערונג און באַהייצונג האָבן אָנגענומען אַזעלכע שאַרפע פאָרמען, האָבן די קאַפּעלוש־מאַכערס „אַנטדעקט”, אַז אַט

די צוויי אַרטיקלען קענען נוצן פֿאַר נאָך אַ צוועק, אויסער דער היט־פּראָדוקציע.

די הוטמאַכערס און די מאָדיסטקעס האָבן טאַקע אָנגעהויבן אויס־צונוצן דאָס קאָרנמעל און די גאַזקיכן אויף צו שטילן זייער הונגער. די סאַמע ערשטע איז געווען די משפחה מילנער. די מילנערס זענען געווען אַ גרויסע משפחה, וואָס האָט פֿאַר דער 2טער וועלט־מלחמה פֿאַר־מאָגט אין לאָדזש אַ פֿאַבריק פֿון היט. זיי זענען אויך געווען פֿון די ער־שטע גרינדער פֿון דער הוטפֿאַבריק אין געטאָ און דריי ברידער פֿון דער משפּחה — יאַנקל, סרוליק און משה — האָבן דאָרט געאַרבעט.

דער עלטסטער ברודער, יאַנקל מילנער, איז געווען די „רעכטע האַנט" פֿון נאַכטשטערנען — דער ווירטשאַפֿט־לייטער פֿון דער פֿאַבריק. אַלע צודאַטן פֿאַר דער היט־אויסאַרבעטונג, ווי שעלאַק, בענזין, ברענשפּירט, קאָרנמעל א״אַ זענען געווען אונטער זיין אויפֿזיכט. ער האָט געהאַט די איניציאַטיוו צו שיקן די באַשטעלונג פֿאַר די אַלע צודאַטן, אויף דעם באַלוטער מאַרק. אַז דער הונגער אין געטאָ איז געוואָרן גרויס, האָבן די הוטמאַכערס אָנגעהויבן צו פֿאַרברויכן מער קאָרנמעל אויך צו לינדערן אַ ביסל דעם הונגער.

ווען יאַקוב אַבראַמאָוויטש האָט געבּרענגט פֿון דעם באַלוטער מאַרק דעם בייטל מעל, האָט יאַנקל מילנער גלייך אַריינגעשיט אין זיין טעפּעלע עטלעכע לעפֿל קאָרנמעל און פֿאַרשטייט זיך, אַז אויך דעם שליח האָט ער געגעבן צו געניסן פֿון דער „שטערקע". די רעשט האָט ער פֿאַרשלאָסן אין שענקל. איינציקווייז, אַז „קיינער זאָל נישט זען", זענען צוגעקומען זיין ברודער סרוליק, אַ ביסל שפּעטער — משה, נאָך שפּעטער — אַן אַנדער קאָפּעלוש־מאַכער. אויך מאָדיסטקעס האָבן געוואָלט געניסן פֿון דעם „קראָכמאַל" און יעדעס מאָל האָט יאַנקל מילנער זיך אַרומגעקוקט, פֿאַר־זיכטיק אויפֿגעשלאָסן דאָס שענקל און אָנגעשעפּט אַ לעפֿל אָדער אַ האַלבן לעפֿל מעל פֿון בייטל און אַריינגעשיט אין יענעמס טעפּעלע אַריין.

די בלעכענע באַניעס מיט וואַסער זענען געשטאַנען אויף די גאַז־פֿלאַמען און געבלאָזן מיט הייסע פּאַרע, ביי וועלכע די קאָפּעלוש־מאַכערס האָבן געפּרעסט די וועלור־געווענטן נאָכן שטייפֿן. ביי אַנדערע פֿלאַמען

האָבן די הוטמאַכערס אַרויפגעשטעלט זייערע טעפּעלעך קאַרטאָפל, גע־ברענגטע פון דער היים און צוגעשיט דאָס ביסעלע קאָרנמעל. פאַרשטעלט מיט אַ פאָרם, האָבן זיך געקאָכט די טעפּעלעך. די פּאַרע פון דעם צע־לאָזענעם שערלאַק און פון די געפּרעסטע װעלור־טיילן האָט זיך אויס־געמישט מיט די שמעקעדיקע ריחות פון געקעכטס.

— קינדער, זייט פאַרזיכטיק! — זאָגט יאַנקל מילנער, װען ער קומט אַריין אין צימער פון די קאַפּעלוש־מאַכערס. ער ציט מיט דער נאָז, דער־פילט דעם ריח פון געקעכטס. — מען קען נאָך אומגליקלעך װערן, די גאַנצע הוט־אָפּטיילונג קען מען פאַרמאַכן צוליב אייך.

אויך כאַלופּסקי דערפילט דעם ריח פון דעם װאַרעמען געקעכטס, װען ער קומט אַריין אין צימער, אויך ער װאַרפט אָן אַ שרעק, ער איז דאָך אויך פון די ערשטע גרינדער פון דער הוטפאַבריק און האָט זיך אויך דערשלאָגן צו זיין נאַכטשטערנס אָן „אַדיוטאַנט”. ער לויפט נאָך דעם פאַבריק־לייטער, שאָקלט מיט די הענט, גלייך װי ער װאָלט געװען דער „דירעקטאָר”.

אָבער נאַכטשטערן אַליין „זעט נישט” די טעפּעלעך און „פילט נישט” דעם טעמעדיקן ריח פון געקעכטס, װען ער קומט אַריין אין צימער. ער זעט נאָר װי די קאַפּעלוש־מאַכערס אַרבעטן. פון שטיקער װעלור־שטאָף מאַכן זיי שיינע װעלורהיט, זיי ציִען, ביי דער הייסער פּאַרע, די קעפּ און די רענדער אויף די פאָרמען.

אַז דער הונגער אין געטאָ איז געװאַקסן און דער פאַרלאַנג פאַר „נאָך אַ לעפעלע מעל” האָט זיך אָפטער געהערט, האָט יאַנקל מילנער איבערגעטראָגן דאָס שענקל מיט די „צודאַטן” אין אַן אַנדער צימערל און דאָס שליסעלע האָט ער געהיטן אין זיין טעשל. שטיל און ערנסט, אַזוי װי אין אַ קדשי קדשים, פלעגט ער דאָרט אַלץ אָפטער אויפשליסן דאָס שענקל און שעפּן אַ האַלב, אָדער אַ מאָל אַפילו אַ גאַנץ לעפעלע „שטערקע”.

װאָס מער „שטייף־מאַטעריאַל” יאַנקל מילנער האָט געפאָדערט אין זיינע באַשטעלונגען צום באַלוטער מאַרק, אַלץ װייניקער קאָרנמעל צו „שטייפן די היט” האָבן זיי געשיקט. די דייטשן זענען געװען „קאָנסעק־װענט” אין זייער באַשלוס אויסצוהונגערן דאָס געטאָ. אויך פאַר דער

היט־פּראָדוקציע האָבן זיי געשיקט ווייניקער מעל. דעמלט האָט יאַנקל מילנער דראַסטיש באַשרענקט די לעפּעלעך אין די טעפּעלעך אַריין.

מיין משפּחה פאַר דער מלחמה: פון לינקס צו רעכטס — אין דער ערשטער ריי — מיין עלטערע טאָכטער גיטעלע, דער מחבר, דאָס יינגסטע קינד ישראל, דער זון שמואל, דער שוועסטערס טאָכטער דבורה־גיטל. אין דער צווייטער ריי — מיין פרוי מרים, שוועסטער יענטע־רייזל, און מיין טאָכטער שיינדעלע.

## דוד נאַכטשטערן — ווי איך האָב אים געזען

זינט איך בין אָנגעקומען אין דער „הוט־אָפּטיילונג" אין לאָדזשער געטאָ — אין סוף יאָר 1940, ביז דער ליקווידאַציע פון געטאָ אין אויגוסט 1944, האָב איך נישט אויפגעהערט צו באַוווּנדערן דעם לייטער פון דער פאַבריק — דוד נאַכטשטערן.

דוד נאַכטשטערן איז אָנגעקומען אין געטאָ ווען ער איז געווען אין עלטער פון עטלעכע און דרייסיק יאָר, אָבער זיין „בן שלושים לכוח" איז נישט אָפּגעשטאַנען פון זיין „בן ארבעים לבינה" ווייל אָט דיביידע אייגנשאַפטן האָבן זיך האַרמאָניש באַהאַפטן אין זיין כאַראַקטער. אַ מיטל־וווּקסיקער, מיט אַ רונדן פּנים און גלי‏ענדיקע שוואַרצע אויגן, איז ער געווען געבענטשט מיט פאַראַנטוואָרטלעכקייט און ענערגיע. זיין פאַכמע־

נערישקייט, זיין שנעלע אָריענטאַציע און רירעוודיקייט האָבן אים געניצט כדי צו העלפן זיין משפחה און זיינע מיטאַרבעטער. די ליבע און רחמנות צו די געטאָ־מענטשן האָבן אים געגעבן די כוחות צו ראַנגלען זיך, כדי צו דערפירן דעם הוט־רעסאָרט צו דערלייזונג. ביז דער פּאַטאַלער ליק־ווידאַציע האָט ער נאָך אַלץ געהאָפט, אַז זיין שטרעבונג וועט פאַרווירק־לעכט ווערן.

ער האָט זיך געהאַלטן ווי אַ גלייכער מיט אַלע אַרבעטער אין זיין ביוראָ — די ליטונג פון דער פאַבריק איז שטענדיק געווען אָפן פאַר אַלע אַרבעטער און מען האָט זיך קיין מאָל נישט געדאַרפט ביי קיינעם אָנמעלדן, כדי צו רעדן מיטן לייטער. ער איז שטענדיק גרייט געווען אויסצוהערן יעדן אַרבעטער און צו העלפן מיט אַלע זיינע כוחות. איז טאַקע זיין ביוראָ אָפט געווען פול מיט מענטשן, וואָס זענען געקומען בעטן זיין ראָט און טאַט. ער האָט מיטגעפילט יעדן אין זיין נויט און אויסגענוצט זיין מעמד כדי צו העלפן אויף וויפל זיינע מעגלעכקייטן האָבן געגרייכט. ער אַליין, מיט זיין גאַנצער משפחה, מיט כמעט אַלע אַרבעטער פון דער הוטפאַבריק אין געטאָ, איז דערמאָרדעט געוואָרן — נישט דער לעצטער, נאָר גלייך מיט אַלע.

ווי דורך אַ נביאישן גייסט, איז דער טייטש פון זיין נאָמען געוואָרן אויך ווי אַ סימבאָל פון זיין ראָלע אין דעם לאָדזשער געטאָ — אַ נאַכט־שטערן אין דער פינצטערער תקופה פון דעם יידישן לעבן.

די געטאָ־באַפעלקערונג, ווי אַ זעלבשטענדיקער פאַקטאָר, האָט זיך נאַטירלעך באַמיט פון דער אייגענער איניציאַטיוו, צו שאַפן אַרבעטס־פונקטן, וועלכע זאָלן דינען פאַר אַ פּרנסה־קוואַל אַנשטאָט יענע, וואָס זענען געבליבן אויסער דעם געטאָ.

אויך די קאָפּעלוש־מאַכערס זענען זיך צוזאַמענגעקומען כדי זיך צו אָרגאַניזירן. די, וואָס האָבן מיטגעברענגט זייער פאַבריק־אינווענטאַר אין געטאָ, האָבן זייערע מאַשינען, פּרעסן, קעסלען א״אַ איבערגעפירט אויף זגערזשער גאַס נומער 4, אין דעם לאָקאַל, וווּ עס איז געגרינדעט געוואָרן די היט־אָפּטיילונג אין דעם לאָדזשער געטאָ. ווי דער הויפּט־קערן פון דער הוטפאַבריק זענען באַשטימט געוואָרן די צווייגן פון מענער־ און דאַמען־

היט. צו אָט די צווייגן האָבן געהערט די לאָדזשער הוטמאַכערס מיט זייערע לאַנגיאָריקע טראַדיציעס פון פאַכקענטניש. ווען זיי זענען זיך צוזאַמענגעקומען כדי אויסצווויילן אַ לייטער, אַ „ראש המדברים", וועלכער זאָל אויך אָנקניפּן קאָנטאַקטן מיט רומקאָווסקין און יאַקובאָוויטשן — מיט דער ליִיטונג פון די געטאָ־פאַבריקן — האָבן אַלע געשטימט פאַר דוד נאַכטשטערנען, פאַר אָט דעם ערנסטן און ענערגישן פאַך־קאָלעגע, דעם קלוגן און פאַראַנטוואָרטלעכן געזעלשאַפטלעכן עסקן, דעם פּועלי־ציון־חבר. ער האָט זיך תיכף אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט, און זיין גאַנצע טעטיקייט האָט געטראָגן דעם צייכן פון זיין פּאָזיטיוון צוגאַנג צום לעבן און פון זיין טיף־יידישן אויסדויער. ער האָט גענומען אויף זיך דעם עול, געטראָגן דעם שווערן יאָך ווי דער שליח פון חברים־קאָלעקטיוו און שפּעטער אויך געגאַנגען צוזאַמען מיט אַלע זיינע מיטאַרבעטער דעם וועג פון דער דייטשישער „טאָטאַלער ענדלעזונג".

## ווייסער צוקער און שוואַרצע אייער

די דייטשישע סוחרים, צו וועלכע עס זענען אָנגעקומען די סחורות פון די יידישע פּראָדוקציעס פון דעם לאָדזשער געטאָ בכלל און פון דער הוט־אָפּטיילונג בפרט, האָבן דערפון געצויגן אַ לייכטן און גרויסן רווח. צוליב דעם, וואָס די נאָכפראַגע אויף אַלערליי פּראָדוקטן האָט זיך כסדר געשטאַרקט און קונים זענען געווען לרוב, האָבן די סוחרים באַקומען פעסטע, הויכע פּרייזן פאַר די ביליקע אויסאַרבעטונגען פון די יידישע געטאָ־קנעכט. צווישן די דייטשישע סוחרים איז אָנגעגאַנגען אַ קאָנקורענץ־געיעג אָנצוקומען דורך די דייטשישע אַמטן צו דער געטאָ־פאַרוואַלטונג, כדי צו קויפן די יידישע סחורות. אויך אויף די אויסאַרבעטונגען פון דער הוט־אָפּטיילונג איז געווען אַ גרויסע נאָכפראַגע.

אין פרילינג 1941 האָט מען צו וויסן געגעבן, אַז עס וועלן קומען אין דעם הוט־רעסאָרט עטלעכע דייטשישע סוחרים, כדי צו באַקענען זיך מיט דער קאָלעקציע מוסטערן פון פאַרשידענע מענער, דאַמען־ און קינדער־היט, אויך מיט אַלע אַנדערע אַרטיקלען וואָס די הוט־אָפּטיילונג פּראָדו־

דער עלטסטער פון די יידן אין ליצמאַנשטאַט

№ 6

פרייז 10 פעניג

אדרעס פון רעדאַקציע:
דזשאַרסקאַ 1

אינטערעסאַנטן ווערן אָנגענומען
יעדן דינסטאָג פון 5 ביז 7 אָוונט

# געטאָ=צייטונג

## פאַר אינפאָרמאַציע, פאַראָרדענונגען און באַקאַנטמאַכונגען

Litzmannstadt-Getto, den 11. April 1941

ליצמאַנשטאַט געטאָ, פרייטאָג, ערב פסח, 11 אַפּריל 1941

# הויפּטפאַך=קאָמיסיע פאַר אינדוסטרי און אַרבעט אין געטאָ

דעם פאַרגאַנגענעם זונטאָג האָט דער פרעזעס ה׳ רומקאָווסקי גערופן א גרעסערע קאָנפערענץ, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט די ה״ה: יוסף ריבקאָווסקי, ד. וואַרשאַווסקי, צ. ליטווין, א. יאַקאָבאָוויטש, כ. קליגער, ד. ראַדזשעיעווסקי, מ. ביקעס, ב. קאַפּעל, ה. ליבשיץ, כ. באַהאַריער, מ. קאַץ, א. דיאַמאַנט, ז. זאַנאַבענד, י. ציכאָווסקי, אינזש. י. נוסבאַם, ל. גלאַזער, ז. ליובלינסקי, כ. אבזעל, אינזש. ז. ווײַנבערג, ד. נאַכטשטערן און ג. פייוויאָוויטש.

אין זיין אריינפיר וואָרט האָט דער פרעזעס קודם באַגריסט די פאַרזאַמלטע און דערקלערט דעם ציל פון דער קאָנפערענץ.

„מיר זיינען שוין איבער א יאָר צייט אין געטאָ

> אַלע מיינע שוועסטער און ברידער
> אין געטאָ ווינטש איך א גוטן יום-טוב.
> **מרדכי חיים רומקאָווסקי**

מאַטעריאַלן וועלן מיר, האָפנטלעך, באַקומען מחוץ דעם געטאָ.

קאָנקרעט, זאָגט דער פרעזעס, לייג איך פאָר צו שאַפן: א הויפּטפאַך-קאָמיסיע, וואָס זאָל באַשטיין פון: 1) א פרעזידיום פון 6 פערזאָן, פון די ה״ה: ד. וואַרשאַווסקי, יוסף ריבקאָווסקי, צ. ליטווין, א. יאַקאָבאָוויטש, כ. קליגער און ד. ראַדזשעיעווסקי,

ביי דערקלערט ער, אז די אויפגאַבע פון דער נייער געשאַפענער קערפּערשאַפט באַשטייט נישט נאָר בלויז אין אויסזוכן נייע אַרבעטס-פעלדער און פלעצער נאָר אויך אין דער פאַרבעסערונג און פאַרגרעסערונג פון די שוין עקזיסטירנדיקע אַרבעטס-רעסאָרטן, ווי עס איז נאָך דאָ א סך אויפצוכן.

ה׳ ציכאָווסקי האַלט, אז די נייע קערפּערשאַפט מוז אומעטום אריינקוקן און העלפן צו באַזייטיקן די פעלערן, וואָס שטעקן אין די פאַרשיידענע רעסאָרטן.

ה׳ ליטווין דריקט אויס זיין באַוואונדערונג פאַר די גרויס-צוגיקע פלענער און אַרבעטן פון פרעזעס, דער איינציקער קענער פון געטאָ פּראָבלעמען. מיט דער פּראָגראַם רעדע פון ה׳ פרעזעס איז די

צירט, מיטן צוועק צו מאַכן באַשטעלונגען. ביים צוגרייטן אַן אויסשטעלונג פון די מוסטערן האָבן די מייסטערס פון די צווייגן אַרויסגעוויזן זייער אַ הויכן ניוואָ פון פאַכמענערישקייט. נאָך מער פון די מענער האָבן די פרויען אין דער הוטפאַבריק, די מאָדיסטקעס, באַוויזן אַן אויסערגעוויינ־לעכע פאַכמענערישע אינטויִציע און אַ באַזונדערע פעיִקייט צו מאַכן „אַ יש מאַין". פון פאַרשידענע קליינע רעשטלעך שטאָף, אָפּפאַלן אָדער קאָלירטע שטיקלעך זייד, פעדערן און שטרוי־געפלעכט, האָבן זיי אויסגעאַרבעט מאָדעלן פון פּרעכטיקע דאַמען־ און קינדער־היט.

מען האָט אין אַ פּאַרטער־צימער איינגעשטעלט די אויסשטעלונג. יעדער פון די הוט־אַרבעטער, וואָס איז אַריין אין צימער באַקוקן די אויסשטעלונג, איז קודם כל איבערראַשט געוואָרן פון דעם „לעבעדיקן אָדלער", וועלכן די מאָדיסטקעס האָבן אָוועקגעשטעלט מיט צעשפּרייטע פליגל, אַזוי ווי ער הייבט זיך צום פלי. זיי האָבן צונויפגעקלעפּט און איינגעשטעלט דאָס ווערק פון צוגעפּאַסטע קאָלירטע פעדערן און עס האָט צוגעצויגן דאָס אויג גלייך ביים עפענען די טיר. אויף פאַכן און טישן, אויף שאַכטלען און פאַרמעס, האָבן זיי אויסגעשטעלט די פאַרשידענע פאַסאָנען פון היט, אַ קאָלעקציע פון אַלערליי מוסטערן. יעדער מאָדעל איז געווען אָריגינעל און מיט געשמאַק אויסגעטענדיקט. דאָס אַלץ איז געמאַכט געוואָרן פון „גאַרנישט", פון געפּאַרבטע צודאַטן.

ווען די דייטשן זענען אַריינגעקומען אין אַט דעם אויסשטעלונג־צימער, האָבן זיי אויך באַוואונדערט די שיינע היט־פאַסאָנען און זיי האָבן אויפן אָרט געמאַכט באַשטעלונגען פון אַ גאַנצע ריי מוסטערן.

דער פּרייז־קוראַנט פאַר די פאַרשידענע פאַסאָנען פון היט איז באַ־שטימט געוואָרן אויף אַן אַנדער אָרט. דער דעקונגס־בילאַנס פאַר די היט־סחורות איז, פונקט ווי פון אַלע געטאָ־פאַבריקן, אַריינגערעכנט געוואָרן אין דעם חשבון פון אַלגעמיינעם געטאָ־בודזשעט. אָבער נאָכט־שטערן האָט באַלד אויפן אָרט פאַרלאַנגט פון די דייטשישע סוחרים, אַחוץ די באַשטימטע פּרייזן — די סומעס פאַר די באַשטעלטע היט, בלויז „אַ קליינע" קאָמפּענסאַטע פאַר די הוט־אַרבעטער. די דייטשישע סוחרים, וועלכע זענען, ווייזט אויס, נישט געווען קיין „קאָנסעקווענטע"

נאַצים און האָבן נישט אַזוי מקפּיד געווען אויף די טאָטאַלע אויסראָטונגס־צילן פון היטלער־רעזשים, האָבן צוגעזאָגט אַריינצושיקן פאַר יעדן אַרבעטער אין דער הוט־אָפּטיילונג 1 קילאָגראַם ווייסן צוקער.

כאָטש ס׳איז דעמאָלט פאַרביי בלויז אַ יאָר זינט דעם פאַרמאַכן פון געטאָ, איז שוין דער הונגער געווען זייער גרויס. צוקער איז געווען אַ יקר־המציאות. אויפן פרייען מאַרק איז עס לגמרי נישט געווען צו קויפן און אויפן שוואַרצן מאַרק האָט אַ ביסל צוקער געקאָסט פאַנטאַסטישע סומעס געלט. מען האָט געמוזט אויסקומען מיט די 100—150 גראַם געלן צוקער, וואָס זענען צוגעטיילט געוואָרן פון דער געטאָ־אַפּראָוויזאַציע אויף 2 וואָכן צייט.

אין אַזאַ צייט איז דאָס באַקומען „אַ גאַנצן" קילאָ צוקער פאַר יעדן הוט־אַרבעטער געווען אַ לעבנס־וויכטיקע דערגרייכונג.

אין אַ קליין צימערל ביים טויער פון דער פאַבריק אויף זגערזשער גאַס נומער 4 זענען געווען קאָנצענטרירט די פּראָוויאַנט־צוטיילונגען פאַר די הוט־אַרבעטער. עס האָט דאָרט געאַרבעט אַ פעיִקער יונגערמאַן — קזשעפּיצקי. ער האָט יעדן איבערגעגעבן זיין באַשטימטע צוטיילונג. אַזוי ווי איך האָב שוין דעמאָלט געאַרבעט צוזאַמען מיט מיין זון, האָב איך באַקומען 2 ק"ג ווייסן צוקער. אַז איך האָב עס געברענגט אין שטוב, איז דאָס געווען גלייך ווי מיר וואָלטן אויף אַ מאָל באַגליקט געוואָרן מיט אַ גרויס געווינס. די שכנים האָבן אונדז מקנא געווען.

— ער אַרבעט ביי נאַכטשטערנען, — האָט איין שכנטע געזאָגט צו דער צווייטער, אַנווייזנדיק אויף מיר.

— ווער איז דאָס נאַכטשטערן?

— איר ווייסט גאָר נישט? דאָס איז דאָך דער הוט־רעסאָרט, ווו מען גיט אַ קילאָ ווייסן צוקער אויף אַ קאָפּ.

איך בין אָבער מיאוס אַדורכגעפאַלן אַן אַנדערש מאָל — ווען די דייטשן האָבן אַריינגעשיקט פאַר די פאַבריק־אַרבעטער אין געטאָ צו אַן איי „אויף אַ קאָפּ". עטלעכע טעג, איידער מען האָט נאָך געטיילט די דייטשישע גאָב, האָט מען שוין דערפון גערעדט, אין פאַבריק און אין דער היים, מיט אַ גרויסער פרייד. מיין פרוי האָט אַריינגעקלערט און געמאַכט

פלענער, ווי אַזוי אויסצונוצן דאָס גרויסע „לוקסוס", אַז יעדער פון די פינף פערזאָן פון אונדזער משפחה זאָל גלייך געניסן דערפון. זאָל זי אויסקאָכן די צוויי אייער און צעטיילן, וועט פאַר יעדן אָנקומען אַ קליין שטיקעלע איי — איז דאָס „נישט אַהין און נישט אַהער". זאָט קען מען דערפון נישט ווערן, עס קען בלויז מאַכן אַפּעטיט צום עסן. מיר האָבן אַזוי לאַנג אַריינגעקלערט און פּלאַנירט וועגן דעם גרויסן אוצר, וואָס איך וועל ברענגען פון פאַבריק, ביז מיר האָבן באַשלאָסן אויסצונוצן די צוויי אייער — על צד היותר טוב: אַזוי ווי אייער אין געטאָ זענען זייער טייער (מען האָט נאָך ביז דעמאָלט לגמרי נישט געגעבן קיין אייער אין געטאָ), וועל איך זיי פאַרקויפן פאַר ברויט, וועט פאַר יעדן פון אונדז סטייען כאָטש אַ שטיקל ברויט.

אַז איך האָב אָפּגענומען אין פאַבריק די צוויי אייער, בין איך גלייך אַריין צו אַ געטאָ־קרעמער זיי צו פאַרקויפן (ס'האָבן נאָך דעמאָלט עקזיס־טירט קליינע, פּריוואַטע, געהיימע שפּייזקרעמער, וואָס זענען נישט געווען קיין קריפּאָ־אַגענטן) דער קרעמער האָט געוואָלט די סחורה קויפן, אָבער ווען ער האָט דורכגעקוקט די אייער, האָט ער נישט געוואָלט נעמען מער ווי איין איי. איך בין געבליבן שטיין פאַרוווּנדערט:

— פאַר וואָס ווילט איר נישט קויפן דאָס איי אויך? איז דאָס שוין גאָרנישט ווערט?

האָט ער נאָך אַ מאָל דורכגעקוקט און ווידער צוריקגעגעבן איינס פון די אייער, פאַר קיין שום פּרייז נישט געוואָלט קויפן. בין איך אַהיימגע־גאַנגען בלויז מיט איין פּאַרציע ברויט און איין איי. דעם גאַנצן וועג האָב איך נישט געקענט פאַרשטיין, פאַר וואָס דער קרעמער איז אַזאַ שלעכטער מענטש — אין געטאָ זאָל מען נישט וועלן קויפן קיין איי? אָבער ווען איך בין געקומען אין שטוב און מיין פרוי האָט געעפנט דאָס איי, האָט זי דאָס גלייך געמוזט אַרויסוואַרפן...

דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל, וואָס מען האָט געטיילט פאַר די געטאָ־אַרבעטער צו אַן איי „אויף אַ קאָפּ". מער האָבן מיר, במשך פון די פיר יאָר מיט פיר חדשים פון דעם געטאָ־לעבן, קיין איי נישט געזען פאַר די אויגן.

די ריי נאָך אַ „רעסאָרט־זופּ" ביי דער קיך פון דער הוט־פּאַבריק אויף לאַגעווניצקע 8 (אין צענטער, דאָס יינגל, איז מיין זון)

# קאַרטאָפּל־שאָלן פאַר נאַכטשטערנען

איין מאָל, אין זומער 1943 איז מיר אויסגעקומען צו זיין אויפן לאָדזשער בית־עלמין. פון דער ווייטנס האָב איך דאָרט באַמערקט צוויי פּרויען אַריבערגעבויגענע איבער אַ קבר, און ווען איך האָב זיך דערנענטערט, האָב איך דערזען, אַז זיי רייסן פון דעם בערגל ערד די גרינע בלעטער־גראָזן. איך בין געבליבן שטיין אַ פאַרוווּנדערטער ביז וואַנען איינע פון די פּרויען האָט זיך פאַרענטפערט פאַר מיר אין דייטש:

— דאָס איזט גוט! דאָס איזט שפּינאַק!

אין דער אויסשפּראַך האָב איך דערקענט, אַז דאָס זענען די יידישע פּרויען פון דייטשלאַנד, פון די צוואַנציק טויזנט פּליטים, וואָס די דייטשן האָבן אַריינגעשיקט אינעם לאָדזשער געטאָ. דער שווידערלעכער געטאָ־הונגער האָט זיי געטריבן צו רייסן דעם „שפּינאַק" פון די קברים־בערגלעך אויף דעם לאָדזשער בית־עלמין, כדי צו ראַטעווען זיך פון דעם הונגער־טויט.



די ריי ביי דער געטאָ־קיך נומער 452

אויך נאַכטשטערנס משפּחה האָט, ווייזט אויס, געליטן פון אַזאַ שאַרפן הונגער. מיר איז עס קלאָר געוואָרן, ווען איך בין אַ מאָל פאַרבייגעגאַנגען

ביי דער קיך פון דער פאַבריק און באַמערקט, אַז עמעצער גייט פון דאָרט אַרויס מיט אַ פולן קוישל, פון וועלכן עס רינען אַרויס שמוציקע טראָפּנס. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער טראָגט אַרויס קאַרטאָפל־שאָלן און האָב וועגן דעם איבערגעפרעגט אַ קיך־אַרבעטער. איך האָב באַקומען אַן ענטפער, אַז אָט די קאַרטאָפל־שאָלן טראָגט מען אין נאַכטשטערנס שטוב.

## נאַכטשטערן — דער פריינד אין נויט

געוועזן איז דאָס אין מערץ 1941, ווען רומקאָווסקי האָט שוין געהאַט געשלאָסן די געטאָ־שולן און אונדזער זון איז געבליבן אין דרויסן, נישט באַווייזנדיק אַפילו צו ענדיקן די 7טע קלאַס פאָלקסשול. נאָך ערגער איז געווען דאָס, וואָס צוזאַמען מיט דעם אָפּשטעלן פון דער שול־לערע פאַר די געטאָ־קינדער, איז פון זיי אויך אַוועקגענומען געוואָרן דאָס ביסל וואַסערדיקע געטאָ־זופּ, וואָס זיי פלעגן באַקומען אין דער שול.

דעמאָלט איז ביי אונדז רייף געוואָרן דער געדאַנק, אַז איך זאָל אַריינעמען דעם זון אַרבעטן צוזאַמען מיט מיר, אין דער הוטפאַבריק. אין יענע שוידערלעכע באַדינגונגען פון הונגער איז נישט געגאַנגען אַזוי פיל אין דעם לוין פאַר דער אַרבעט, ווי אין דער „רעסאָרט־זופּ", אין דעם וואַרעמען געקעכטס, וואָס יעדער רעגיסטרירטער אַרבעטער האָט באַקומען מיטאָגצייט, ביים פענצטערל פון דער פאַבריק־קיך.

איך בין אָבער נישט געווען זיכער, צי נאַכטשטערן וועט מסכים זיין, אַז איך זאָל אַריינעמען צו דער אַרבעט דאָס „יינגל", וואָס איז קוים 14 יאָר אַלט.

איך אַליין האָב דעמאָלט געהאַט געאַרבעט אין דער הוטפאַבריק ערשט אַ קורצע צייט און אָנגעקומען דאָרט בין איך אַ דאַנק דער רעקאָ־מענדאַציע פון חבר עמנואל וואָלינסקי, ווי אַ געניטער פאַכמאַן פון מיין צווייג. דערפאַר האָב איך אָנגעהויבן דאָרט צו אַרבעטן ווען די פאַבריק איז נאָר־וואָס אַנטשטאַנען, און האָט באַשעפטיקט אַ קנאַפּע הונדערט אַרבעטער.

איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט, אַריין אין דער ביוראָ נאָך דעם

ווי איך האָב אויסגעקוקט אַ מאָמענט ווען דער לייטער איז געווען דאָרט אַליין און אָנגעהויבן:

— איך וואָלט געוואָלט אַריינעמען מיין יינגל צו דער אַרבעט, ער זאָל אַרבעטן צוזאַמען מיט מיר.

מער האָב איך נישט באַוויזן צו זאָגן. איך האָב געוואָלט נאָך רעדן וועגן די סיבות פון מיין פאַרלאַנג, וועגן דער סיטואַציע און וועגן מיין פּריוואַטער לאַגע. אָבער ווען איך האָב אַרויסגערעדט די ערשטע ווערטער, האָט נאַכטשטערן אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי ער וואָלט מיר נישט געקענט קוקן אין פּנים און איך האָב בלויז געקוקט ווי געפּלעפּט אויף זיין פּנים, וואָס האָט אויסגעדריקט בושה און רחמנות צוליב דעם אכזריותדיקן געטאָ־לעבן.

— נעמט אים אַריין צו דער אַרבעט — האָט נאַכטשטערן מיר גע־ענטפערט, אַ פאַרשעמטער.

איך בין אַהיימגעגאַנגען מיט אַ סאַטיספאַקציע פון דער דערגרייכונג פאַר מיין אייגענער משפחה, ווי אויך מיט דער פולער אָנערקענונג פאַר נאַכטשטערנען ווי אַ מענטש, וואָס איז נישט געוואָרן פאַרטויבט און פאַרדאָרבן צוליבן זיין מעמד, ווי טייל אַנדערע פאַבריק־לייטער.

## די קאָנפליקטן צווישן רומקאָווסקין און נאַכטשטערנען

די אַרבעטער פון דער הוטפאַבריק האָבן געוווסט צו דערציילן, אַז ס'האָט זיך געשאַפן אַ קאָנפליקט צווישן רומקאָווסקין און נאַכטשטערנען און אַז רומקאָווסקי טראָגט אַ שנאה צו אים.

די הויפּט־סיבה איז געווען אין דעם, וואָס נאַכטשטערן איז נישט געוואָרן, אַזוי ווי געוויסע אַנדערע פאַבריק־לייטערס, קיין געהאָרכזאַם־בלינדער דינער פון רומקאָווסקין און פון די דייטשישע אינטערעסן. אים איז נישט געגאַנגען אין דעם, ער זאָל פאַרזענלעך געניסן פון זיין שטעלע. ער איז געווען אַן אַלטער געזעלשאַפטלעכער טוער מיט פעסטע אידעיִשע פּרינציפּן, און זיין ציל איז געווען צו העלפן דעם כלל פון די יידישע

אַרבעטער. אַלס דער לייטער פון דער הוט־אָפּטיילונג, איז ער געקומען אין קאָנטאַקט מיט רומקאָווסקין, יאַקובאָוויטשן, מיט די לייטערס פון די אַנדערע געטאָ־פאַבריקן און אַפילו מיט דער דייטשישער „געטאָ־פאַרוואַל־טונג" אויפן באַלוטער פּלאַץ, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך גענומען אַן אַנטייל אין די אומלעגאַלע קאָלעקטיווע טעטיקייטן פון די לינקע פּועלי־ציון. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך טרעפן מיט עמנואל וואָלינסקין און שמועסן וועגן די אַקטועלע געטאָ־ענינים, ווי די אומ־גלויבלעכע דערשיינונגען פון הונגער, פּיין און אויסזידלונגען. אָט די דאָזיקע געשפּרעכן האָבן אין אים נאָך מער געשטאַרקט דעם אינערלעכן כּוח צו פירן דעם קאַמף פאַר די אַרבעטער. אויפן באַלוטער פּלאַץ, ווו מען האָט באַשטימט די פּרייזן פאַר די פּראָדוקציעס און „בילאַנסירט" די חשבונות פון הוט־רעסאָרט און אויף די קאָנפערענצן פון די פאַבריק־לייטערס אין געטאָ — ביי יעדער געלעגנהייט איז נאַכטשטערן אַרויסגע־טראָטן און פאַרטיידיקט די אַרבעטער, געפאָדערט גרעסערע שכירות און — דער עיקר — פאַרלאַנגט מער שפּייז, צו לינדערן דעם גרויסן הונגער.

מיין פּאָסטקאַרטל, געשיקט צו מיין פאָטער, שוועסטער און שוואָגער קיין בראַזיל

ווען רומקאָווסקי האָט זיך איבערצייגט, אַז נאַכטשטערן איז מער נוטה צו קעמפן פאַר די אַרבעטער־אינטערעסן, ווי נאָכצופאָלגן אים און די דייטשן, האָט ער דעם לייטער פון הוטרעסאָרט געוואָלט באַזייטיקן. אין געטאָ האָט מען געוווּסט, אַז טאָמער פאַרלייגט זיך רומקאָווסקי אויף עמעצן, איז יענעמס גורל שוין אַ געחתמעטער. די הוטפאַבריק האָט אָבער אַריינגעברענגט גרויסע פּראָפיטן פאַר די דייטשישע סוחרים און ליקווידירן זי האָט ער נישט געקענט, אפילו ווען ער וואָלט דאָס געוואָלט מאַכן. ער האָט געוואָלט בלויז טוישן דעם לייטער אויף אַ פּאַסיקערן „רעאַליסט״. דערפאַר האָט ער קודם־כל אַריינגעשיקט אין דער קאַנצעלאַריע פון דעם הוטרעסאָרט אַ קאָנטראָלער פונעם „ניק״ (דער העכסטער קאָנטראָל־קאָמער), דעם הער שקאָלניק. יעדן טאָג איז געקומען הער שקאָלניק צו דער „אַרבעט״ און פאַרנומען אַ פּלאַץ ביי זיין טיש. אַז דאָס האָט נישט געגעבן פאַר רומקאָווסקין קיין געווּנטשענע רעזולטאַטן, האָט ער אַריינגעשיקט נאָך אַ לייטער, דעם הער טשאַמאַנסקי. אָבערביידע צוזאַמען האָבן נישט געקענט פאַרטרעטן נאַכטשטערנען. ביידע זענען זיי געזעסן

אין טיפן באַלוט קלויבט מען שטיקלעך הייץ־מאַטעריאַלן

אויף די פּאָטעלן דעזאָריענטירט, אין דער צייט ווען נאַכטשטערן האָט באַוויזן צו זיין אויף אַלע שטאָקן, אין אַלע אָפּטיילונגען.

דער הוטרעסאָרט האָט געהאַלטן אין אַ כסדרדיקן צעוואַקסן זיך. עס זענען פאַרגרעסערט געוואָרן די עקזיסטירנדיקע אָפּטיילונגען און צוגעקומען נייע, פון פאַרשידענע קרובישע פאַכן און גאַלאַנטעריע־צווייגן. אַחוץ די אָפּטיילונגען פון מענער, דאַמען־ און קינדער־היט האָט מען אויפגעשטעלט אויך די אָפּטיילונגען פון: פאַרבעריי, שפּריצעריי, בלומען, פאַסקעס, שטאַמסעריי א״אַ. צוויי גרויסע, דריישטאָקיקע הייזער האָבן יעדן טאָג אַריינגענומען אַ היפּשע פּאָר הונדערט אַרבעטער אין דער הוטפאַבריק. זיי זענען געקומען מיט די „מענאַזשקעס״ אין די הענט, כדי צו שטעלן זיך מיט זיי צוועלף אַ זייגער ביי דער פאַבריק־קיך נאָך דער געטאָ־זופּ און זיי זענען אַלע געבליבן אין „נאַכטשטערנס רעסאָרט״ ביז 4 אַ זייגער נאָך מיטאָג.

איין מאָל בין איך אַריינגעקומען אין דער קאַנצעלאַריע פון דער פאַבריק ווען נאַכטשטערן איז דאָרט נישט געווען. ביים צווייטן טיש זענען געזעסן די הערן שקאָלניק און טשאַמאַנסקי און איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענצטער אָבסערווירן וואָס עס קומט פאָר אין ביוראָ. עס איז אַריינגעקומען מאַנטשניק — דער אינסטרוקטאָר פון גאַלאַנטעריע:

— נאַכטשטערן איז נישטאָ? — האָט ער געפרעגט שקאָלניקן.

— ניין, ער איז איצט נישטאָ. וואָס האָט איר געוואָלט?

— איך האָב אים געוואָלט ווייזן דאָס פּאַסעקל, ער זאָל מיר זאָגן אויב די קענטלעך זענען נישט אַ מאָל צו דיק און צי די לענג איז גענוג.

שקאָלניק האָט אַ קוק געגעבן אויף טשאַמאַנסקין, ביידע האָבן גענומען דאָס פּאַסעקל, באַקוקט, באַטאַפּט, לסוף האָט שקאָלניק געזאָגט:

— וואַרט אַ פּאָר מינוט, באַלד קומט נאַכטשטערן צוריק.

דערווייל איז אַריינגעקומען די מאָדיסטקע לענאַ בייגעלמאַן:

— ווו איז נאַכטשטערן? איך האָב אים געוואָלט ווייזן די צוויי פאַסאָנען, וועלכעס איז שענער, דאָס לודקאָווע אָדער דאָס באַליסטע, וועלכעס זאָל מען מאַכן?

ווידער האָבן זיך די ביידע „דירעקטאָרן״ איבערגעקוקט, גענומען די

דאַמען־היט פון האַנט צו האַנט, פאַרקנייטשט די שטערנס, פּאַסמאַקעווע און אויפגעריסן אויגן, מעשה פּאַכמאַן:

— שיין, זייער שיין!ביידע היט זענען שיין, — און צוגעגעבן — וואַרטן זי צו אַ ביסל, באַלד קומט ער.

אַ מיטליעריקער מאַן, שיין געקליידט, האָט געעפנט די טיר מיט געלאַסענע טריט.

— וואָס מאַכט איר עפּעס, פּאַניע האַרצשטאַרק? — באַגריסט אים טשאַמאַנסקי, — ווי אַזוי גייט עפּעס די טאַמבוראַציע?

— נאַכטשטערן איז נישטאָ? איך האָב טאַקע וועגן דעם געוואָלט רעדן מיט אים.

די הויכע, שלאַנקע פרײלין אַרבוז, די אינסטרוקטאָרין פון די מיידלעריש קינדערהיט, איז אויך אַריינגעקומען, אַרומגעקוקט זיך, געזען אַז נאַכטשטערן איז נישטאָ, האָט זי גאָרנישט געזאָגט, נאָר צוגעגאַנגען צום פענצטער וואַרטן.

אַזוי זענען איינציקווייז אַריינגעקומען: יאָכימעק, מאַיאַרעק, פּאָזנאַנסקי, לאַניע שפּינדלער, לאַסקעראַוואַ, ווײנבערג, דאָמבראָווסקי א"אַ. זיי אַלע האָבן געוואַרט אויף נאַכטשטערנען. פון די שטיגן האָט מען דערהערט אַ רעש און ווען דאָס קול האָט זיך דערנענטערט, האָט מען דערקענט כאַלופּסקיס הויכע רייד:

— מען האָט דאָך אייך שוין געזאָגט, גענוג! טשעפּעט זיך אָפּ! — דאָס האָט ער אַזוי גערעדט צום קאַפּעלוש־מאַכער קאַפּוסטאַ, וואָס האָט געבעטן פון נאַכטשטערנען אַ טאַלאָן אויף „קאַלאַציעס".

כאַלופּסקי, אַ יונגער בחור וואָס האָט געקלעפּט ביי נאַכטשטערנען אַזוי ווי אַ פליג אין האָניק, איז געלאָפן פאַרויס און געשריגן הויך אויפן קול:

— נאַכטשטערן גייט, נאַכטשטערן גייט!

אָט דעם קאַפּעלוש־מאַכער — דוד נאַכטשטערן — איז רומקאָווסקין נישט געלונגען צו באַזייטיקן פון דער לייטונג פון דער הוט־אָפּטיילונג ביז דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון לאָדזשער געטאָ.

רומקאָווסקי האָט אָבער ביזן סוף נישט געוואָלט שלום מאַכן מיטן

**Bekanntmachung Nr. 352.**

Auf behördliche Anordnung gebe ich hiermit bekannt, dass

**jeglicher Postverkehr der ein- u. ausgehenden Post**
vorübergehend
(bis auf Widerruf)

**GESPERRT IST.**

Geldsendungen
nach dem Getto
kommen weiterhin an und werden, wie bisher, durch meine
**Post- oder Bank-Abteilung**
**ausgezahlt.**

Der Empfang der eingehenden Beträge wird von **MIR** bei den zuständigen Gemeinden bestätigt.

Litzmannstadt Getto, den 8. Januar 1942

(-) CH. RUMKOWSKI
Der Aelteste der Juden in Litzmannstadt

**באַקאַנטמאַכונג נר. 352**

אויף דער פאַראָרדענונג פון דער מאכט
טייל איך מיט, אז יעדער מין

**פּאָסט=פּאַרקער,**

סיי אין און סיי אויס,
ווערט צייטווײַליק (ביז אפרוף)

**אָפּגעשטעלט.**

געלד-איבערווייזונגען פאַרן געטאָ
קומען ווייטער אָן
און וועלן, ווי ביז איצט,
**אויסגעצאָלט ווערן**
דורך מיין
**פּאָסט** אָדער **באַנק.**

דער דערהאַלט פון די אָנקומענדיקע געלדער
פון די באַזונדערע קהילות,
ווערט דורך **מיר** באַשטעטיקט.

(–) מרדכי חיים רומקאָווסקי

באַקאַנטמאַכונג נומער 352: אָפּגעשטעלט דעם פּאָסט־פּאַרקער פון 8טן יאַנואַר 1942

פאַקט, אַז נאַכטשטערנען קאָן מען נישט טוישן. ער האָט עקשנותדיק געשיקט כסדר פון „זיינע מענטשן", אַזוי אַז אַחוץ די פּאָליציאַנטן, פייער־לעשער און סתם נאַכט־היטערס, זענען אויך אַריין אין הויט־אָפּטיילונג אַ סך קריפּאָ־אַגענטן. אין פאַבריק האָבן די אַרבעטער געוווּסט אַנצווייזן ווער זיי זענען.

## מאָטל גרינבערג

מאָטל גרינבערג איז נישט געווען קיין פרעמדער אין דער הויטבראַנזשע. ער האָט נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געהאַט אין לאָדזש אַ הויט־ווערקשטעל און אין דעם געטאָ איז ער געווען איינער פון די ערשטע גרינדער פון דער הויט־אָפּטיילונג.

אין קעגנזאַץ צו דוד נאַכטשטערן, איז מאָטל גרינבערג געווען, ווי מען זאָגט, „אַריינגעטאָן אין זיך" — זיך אין גאַנצן אָפּגעגעבן מיט זיין פּריוואַטן לעבן, מיט דעם טאָגטעגלעכן געראַנגל און געווען ווייט פון די

געזעלשאַפֿטלעכע ענינים אין געטאָ, אין די הונגער־יאָרן האָט ער אָפּ־געהיטן און איינגעהאַלטן דאָס לעבן פֿון זיין משפחה בלויז מיט זיינע אייגנאַרטיקע איינפֿאַלן און מיטלען, און נישט אָפּשטעלנדיק זיך פֿאַר קיין שום אָנשטרענגונג אין דעם טאָגטעגלעכן לעבן, האָט ער געקעמפֿט מיט אויסדויער פֿאַרן עצם קיום.

אויפֿן ערשטן בליק האָט ער געמאַכט אַ רושם פֿון „אַ ייד פֿון אַ גאַנץ יאָר", פֿון די „פֿאָלקס־מענטשן", פֿון וועלכע עס איז באַשטאַנען דאָס רוב אויך פֿון דער געטאָ־באַפֿעלקערונג. דאָך איז מאָטל גרינבערג געווען, ווי שוין געזאָגט, אייגנאַרטיק מיט זיין שטייגער לעבן און באַזונדערס מיט זיין מאָראַליש־מענטשלעכער און יידישער האַלטונג. אין די צייטן פֿון דער גרעסטער נויט האָט ער זיך אויפֿגעפֿירט לויט די העכסטע אידעאַלן פֿון ברודערשאַפֿט. ער האָט באַקומען ביי די עלטערן אַ פֿרומע דערציִונג, און די חסידישע מנהגים האָט ער נישט אַוועקגעוואָרפֿן ווען ער אַליין איז שוין געוואָרן אַ פֿאַמיליע־מענטש. אויך אין משך פֿון די געטאָ־יאָרן און אין די טויט־לאַגערן איז ער געבליבן דער זעלבער טראַדיציאָנעלער ייד.

אין לאָדזשער געטאָ גופֿא איז נאָך נישט געווען אַזוי בולט זיין ברידערלעכע איבערגעגעבנקייט, ערשט אין די דייטשישע קאַצעטן האָט זיך אַנטפּלעקט פֿאַר זיינע נאָענטע זיין אמתער כאַראַקטער מיט זיין מאָראַלישער קראַפֿט.

אין קעגנזאַץ צו אַ סך מענטשן, וועלכע זענען אין יענע צייטן געוואָרן מאָראַליש אויסגעהוילט און הפקרדיק, איז מאָטל גרינבערג, גראָד אין די יסורים און פּיין, געלייטערט געוואָרן מיט מיטלייד און רחמנות צו זיינע נאָענטע. די דאָזיקע אייגנשאַפֿט האָט ער איינגעהיטן ביז דער לעצטער מינוט פֿון זיין לעבן.

## דער ערשטער סאַבאָטאַזשניק

אַ שטורמישער קאַמף איז אָנגעגאַנגען אין דעם לאָדזשער געטאָ צווישן דער געטאָ־באַפֿעלקערונג און די אָרגאַניזירטע אַרבעטער־געזעלשאַפֿטן — פֿון איין זייט, און דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע מיט רומקאָווסקין און

גערטלערן בראש, מיט זייערע געטאָ־פּאָליציי און זאָנדער־פּאָליציי, וואָס האָבן זינלאָז און פֿאַרברעכעריש געדינט דער נאַצישער מאַכט — פֿון דער צווייטער זייט. אין פֿאַרלויף פֿון די 4 יאָר און 4 חדשים צייט פֿון דער עקזיסטענץ פֿון לאָדזשער געטאָ, האָט דער קאַמף אָנגענומען פֿאַרשידענע פֿאָרמען און זיך פֿאַרשפּרייט אויף אַלע געביטן פֿון געטאָ־לעבן. אין די ערשטע צייטן האָבן די קאַמפן געטראָגן אַ מער עפּנטלעכן און שטורמישן כאַראַקטער, מיט גאַסן־דעמאָנסטראַציעס און שטרייקן. אין דעם לעצטן יאָר, ווען אַלע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, ווי אויך קולטורעלע צוזאַמענטרעפֿן, זענען געוואָרן שטרענג אומלעגאַל, האָט זיך פֿאַרשפּרייט אין געטאָ די טאַקטיק פֿון פּ. פּ. *). די אַגיטאַציע פֿאַר די אַרבעט־סאַבאָטאַזשן איז אָנגעפֿירט געוואָרן פֿון דער קאָמוניסטישער געטאָ־יוגנט.

מאָטל גרינבערג האָט אָבער נישט געוואַרט ביז די אַלגעמיינע נויט וועט דערוועקן און אָנווענדן דראַסטישע אַקטיוויטעטן קעגן די דייטשן. זיין געוואַגטער שריט איז געקומען אין רעזולטאַט פֿון זיין אייגענער נויט, פֿון דעם הונגער, וואָס זיין משפּחה האָט געליטן. געטריבן פֿון זיינע אייגענע יסורים און מיט זיין אייגענער איניציאַטיוו, האָט ער באַנוצט דעם מעטאָד פֿון אַרבעטס־סאַבאָטאַזש נאָך אין די ערשטע יאָרן אין לאָדזשער געטאָ.

אַרבעטנדיק אין דער הוט־אָפּטיילונג, האָט ער, אַזוי ווי אַלע הוט־אַרבעטער, באַקומען אַ וועכנטלעכן אַרבעטסלוין פֿון בערך 20 געטאָ־מאַרק. די סומע האָט אַפֿילו נישט געסטייעט אויף אויסצוקויפֿן די מאָגערע שפּייז־צוטיילונגען, די „ראַציעס", פֿון די געטאָ־קאָאָפּעראַטיוון. ער האָט דעריבער שטיל און „אויף דער אייגענער האַנט" אָנגענומען שריט קעגן דעם הונגער: ער איז, אויפֿן חשבון פֿון זיין אַרבעטס־צייט, געוואָרן אַ הענדלער.

דער פּריוואַטער האַנדל אין געטאָ האָט שוין דעמאָלט לגמרי נישט עקזיסטירט אויף קיין לעגאַלן אופֿן. ס'איז אויך שוין נישט געווען מיט וואָס צו האַנדלען. נישט בלויז קיין „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען", נאָר אַפֿילו קיין ברויט, קאַרטאָפֿל, הערינג און אַנדערע שפּייז־אַרטיקלען, האָט מען שוין נישט געזען. די דייטשן האָבן אויסגעזידלט די געטאָ־„סוחרים" — די סטראַגאַן־הענדלער. בלויז איין שפּייז־אַרטיקל איז אין קליינעם מאָס־

*) פּראָצאָוואַטש פּאָוואָלי — אַרבעטן פּאַמעלעך.

שטאַב געוואָרן געהיים פּראָדוצירט: צוקערלעך. כאָטש מאָטל גרינבערג איז נישט געווען קיין הענדלער, האָט ער גראָד אין געטאָ זיך גענומען האַנדלען מיט דער זיסער סחורה. און געהאַנדלט, מיט דעם קליינעם פּאַפּירענעם בייטעלע אין דער האַנט, האָט ער דווקא אין דער הוט־אָפּטיילונג. ער האָט „אויסגעטון דאָס שעם־היטל" און מיט אַן ערנסטער עקשנות געגאַנגען איבער די אָפּטיילונגען פון דער פאַבריק, רעקלאַמירט און אויסגערופן זיין סחורה:

— גרויסע, זיסע צוקערלעך, „גאַנצע קלעמער", ביליק און גוט!

די הונגעריקע אַרבעטער האָבן ביי אים געקויפט די צוקערלעך און דערמיט זיך געקוויקט דאָס האַרץ־חלשות.

די קאַפּעלוש־מאַכערס און אַלע אַרבעטער אין דער הוטפאַבריק האָבן שטילערהייט געפילט מיטלייד, דרך־ארץ און סימפּאַטיע פאַר דעם „סאַבאָ־טאַזשניק". מאָטל גרינבערג איז דעריבער געגאַנגען איבער די אַרבעט־צימערן דרייסט און זיכער. ער האָט זיך נישט אויסגעהיטן און נישט קרעמפּירט פאַר דעם פאַבריק־לייטער, ווייל נאַכטשטערן איז דאָך געווען זיין „פאַך־קאָלעגע" פון פאַר דער מלחמה. אויך נאַכטשטערן האָט געהאַט פאַרשטענדעניש און סימפּאַטיע פאַר דעם דאָזיקן געטאָ־הענדלער אין דער הוט־אָפּטיילונג.

## איך האָב זיך „אַריינגעצויגן" צו נאַכטשטערנען

ווען ס'איז מיר אויסגעקומען צו רעדן מיט נאַכטשטערנען וועגן אַריינגענומען מיין עלטערע טאָכטער גיטעלע צו דער אַרבעט אין דער הוט־אָפּטיילונג, בין איך שוין געווען דרייסטער: איך האָב שוין געוווּסט, אַז ער וועט מיר נישט אָפּזאָגן.

שפּעטער בין איך געבליבן שטיין פאַר נאָך איינעם אַ נסיון. מיין פרוי מרים איז געבליבן אַרבעטלאָז. זי האָט פריער געאַרבעט אין דער שיילעריי פון דער קיך אויף בערקאַ יאָסעלעוויטשאַ גאַס נומער 16.

ביי הונדערט פרויען האָבן געאַרבעט אין די צוויי פּועלי־ציון־קיכן: אויף בערקאַ יאָסעלעוויטשאַ און אויף פליסאַצקאַ גאַס. וואָס מער דער

הונגער איז געוואַקסן אין געטאָ, אַלץ מער מענטשן פלעגן קומען אין די קיכן געניסן פון אַ ביליקער זופּ. די קאַרטאָפל־שיילערקעס האָבן דעריבער געאַרבעט נאַכטאַרבעט, זיי האָבן צוגעגרייט די קאַרטאָפל אויף אינדערפרי צום קאָכן. אין די געטאָ־באַדינגונגען האָט מען געקענט זיין צופרידן פון אַזאַ אַרבעט, ווייל די קאַרטאָפל־שיילערקעס האָבן, טראָץ דעם נידעריקן לוין, אויך באַקומען אַ וואַרעמע זופּ.

מיין פרוי האָט דערציילט אַ כאַראַקטעריסטישן פאַר יענער צייט עפּיזאָד פון איר אַרבעט. אין דער צייט, ווען די דייטשן זענען באַפאַלן ראַטן־פאַרבאַנד, האָט מען געהאָפט אויף אַ גיכער מפּלה פאַרן היטלעריזם. אין מיטן נאַכט, ווען די שיילערקעס זענען געזעסן אין גרויסן קאַמער ביי דער אַרבעט, האָבן זיי געהערט אַן אָנפלי פון אַעראָפּלאַנען. זענען זיי אַרויס אין פינצטערן הויף, אַרויפגעקוקט אויפן הימל און געטאַנצט פאַר פרייד, ווייל זיי זענען געווען זיכער, אַז די סאָוויעטישע אַעראָפּלאַנען מאַכן אַ קאָנטער־אַטאַקע אויף די דייטשן. אין די ווייטערדיקע טעג איז אָבער געקומען די אַנטוישונג.

די שוועריקייטן זענען געקומען נישט בלויז מצד די דייטשן. פון דעם געטאָ־„עלטעסטן" מרדכי חיים רומקאָווסקי זענען געקומען כסדרדיקע אָנ־פאַלן אויף די געטאָ־אַרבעטער בכלל און אויף די געזעלשאַפטלעכע קיכן בפרט. אין יענע טעג האָט ער אויפגעדעקט זיין ברוטאַלן פּרצוף: אויף זיין באַפעל האָט די געטאָ־פּאָליציי אַרעסטירט עטלעכע און צוואַנציק אַרבעטער, פון די דערמאָנטע קיכן. אַ ביסל שפּעטער האָט רומקאָווסקי אין גאַנצן געשלאָסן די קיכן. אַזוי אַרום זענען אַלע קיכן־אַרבעטער אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער אַרבעט, צווישן זיי אויך מיין פרוי מרים.

די נויט איז כסדר גרעסער געוואָרן און דער הונגער האָט געמאַטערט. איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו טאָן כדי צו ראַטעווען אונדז פון דעם הונגער־טויט, וועלכער האָט געווילדעוועט איבער די געטאָ־שטובן.

דעמאָלט האָב איך זיך ווידער געווענדט צו נאַכטשטערנען, דאָס מאָל מיט אַ טאָפּלטע ביטע: אַריינצונעמען צו דער אַרבעט אין מיין אַרבעטס־צווייג מיין פרוי און אונדזער יינגסטע טאָכטער. נאַכטשטערן איז אויך דאָס מאָל מיר אַנטקעגנגעקומען. אַזוי אַרום האָבן מיר שוין אַלע געאַרבעט

אין דער הויט־אָפּטיילונג. יעדן פרימאָרגן פלעגן מיר פאַרשליסן די שטוב און זיך „אַריינצוּזען אין רעסאָרט פון נאַכטשטערנען".

## „נאַכטשטערן, ראַטעוועט מיך!"

דעם פאַרצווייפלטן געשריי האָט נאַכטשטערן דערהערט ווען ער איז געווען אויפן באַלוטער פלאַץ, צוליב די טאָגטעגלעכע אינטערעסן פון דער הויט־אָפּטיילונג. ער האָט דערקענט דעם קול פון דעם שטילן יונגן משה מילנער.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָבן אין דער הויט־אָפּטיילונג געאַרבעט דריי ברידער מילנער: יאַנקל, סרוליק און משה. זיי האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך, אין זין פון פערזענלעכע אייגנשאַפטן, דריי באַזונדערע וועלטן. יאַנקל מילנער איז געווען שטיל און ערנסט, פּאַרזיכטיק און ענערגיש. סרוליק איז געווען אַ הויכער און אַ הויך־רעדנדיקער. דאָס צימער פון די מענער־היט איז געווען זיין מלוכה, דאָ פלעגט ער געבן זיינע פאַכמענערישע אינסטרוקציעס מיט זיכערקייט און דרייסטקייט. אין הויף האָט מען געקענט הערן, ווי ער האָט יעדן איינעם געוויזן און איבערגעגעבן זיי פאַכמענערישע דערפאַרונג אין דער בראַנזשע. אין גאַנצן אַנדערש איז געווען דער יינגסטער, משה מילנער. ער האָט קיין מאָל זיך נישט געאיילט, תמיד געווען אַ רויִקער און באַגלייט מיט אַ לייכט שמייכעלע אַלע דערשיינונגען. ער פלעגט אָפט זיך אַוועקשטעלן ביים טיש מיטן פנים צו די קאָפּעלוש־מאַכערס און אָבסערווירן זיי שווייגנדיק מיט זיינע גוטע, מילדע אויגן. אָט אָ דער משה מילנער איז געפאַלן אויף אַ „נאַרישער קרענק" — ער איז קראַנק געוואָרן אויף מערידן. אַזוי ווי אין געטאָ זענען געווען אַלע יידישע גוטע כירורגן אין די שפּיטאָלן און קיין געלט האָט עס אים נישט געדאַרפט קאָסטן, איז ער אַריין אין שפּיטאָל זיך אָפּערירן. די אָפּעראַציע איז, נאַטירלעך, געלונגען. נאָך דער אָפּעראַציע איז ער געווען עטלעכע טעג אין שפּיטאָל, כדי אַלץ זאָל זיך פאַרהיילן, און ער איז אַראָפּ אין ביוראָ פון שפּיטאָל זיך אויסשרייבן און גיין אַהיים. אַזוי ווי קיינער איז

נישט געווען אינעם ביורא, האָט ער דאָס אָפּגעלייגט אויף דעם אַנדערן פרימאָרגן.

צו מאָרגנס גאַנץ פרי איז געוואָרן אַ טומל אין שפּיטאָל: די דייטשן זענען אַריין און אָנגעהויבן צו לאַדעווען אין זייערע לאַסטאויטאָס די



רומקאָווסקי שטייט אונטערטעניק פאַרן דייטשישן „אַמטס־לייטער" האַנס ביבאָוו

קראַנקע. כאָטש משה מילנער איז שוין געווען געזונט און געדאַרפט אַרויס פון שפּיטאָל, האָבן די דייטשן נישט געוואָלט אים אַרויסלאָזן.

— איך בין גאַנץ געזונט, געזונט! — האָט ער זיך געבעטן ביי די דייטשישע רוצחים. אַנשטאָט אַן ענטפער האָבן זיי אים אָנגעשלאָגן און אַרויפגעטריבן אויף דעם לאַסטוואָגן, צוזאַמען מיט אַלע קראַנקע. די לאַסט־וואָגנס מיט אַלע קראַנקע האָבן די דייטשן דורכגעפירט דורך דעם באַלוטער פלאַץ. דאָ האָט זיך אָפּגעשפּילט די טראַגישע, לעצטע טרעפונג פון משה מילנער מיט דוד נאַכטשטערנען.

— נאַכטשטערן! ראַטעוועט מיך! — האָט ער עטלעכע מאָל געשריגן

פון דעם לאַסטאויטאָ. נאַכטשטערן האָט דערהערט דעם פאַרצווייפלטן געשריי פון שטענדיק שווייגנדיקן משה מילנער און גלייך דערזען זיין געל דערשראָקן פנים. ער האָט אויך דערזען דעם דייטשישן ס. ס.־רוצח, וואָס איז געשטאַנען אויף דער לעצטער קלאַפּע פון דעם ראַלוואָגן מיטן פנים צו די קראַנקע, מיט איין האַנט זיך צוגעהאַלטן אין דער אייזערנער שטאַבע פון דער מאַשין און אין דער צווייטער געהאַלטן אַן אָנגעלאָדענעם רעוואָל־ווער, מיטן פינגער אויפן צינגל, אַ גרייטער יעדע רגע צו שיסן אויף די קראַנקע. נאַכטשטערן איז בליצשנעל צוגעלאָפן צום שאָפער:

— דער מאַן איז פאַר־אַרבייטער, וואַרטן זי אַ קליין ביסכע צייט, איך רוף גלייך דעם אָמטס־לייטער דאָס געטאָ.

דער שאָפער האָט אָפּגעשטעלט די מאַשין און נאַכטשטערן איז בליצ־שנעל אַריינגעלאָפן אין ביוראָ פון אַמטס־לייטער ביבאָוו און באַוויגן אים אַרויסצוגיין צו דער לאַסטמאַשין כדי אָפּצוראַטעווען דעם „פאַראַרבייטער" פון דער הויט־אָפּטיילונג, משה מילנער. אָבער ווען זיי זענען אַרויסגעקומען איז דער ראַלוואָגן מיט די אַלע יידישע קראַנקע און מיט דעם געזונטן משה מילנער שוין נישט געווען.

דאָס איז פאָרגעקומען דעם 1טן סעפּטעמבער 1942, און געווען נאָר אַ „פאָרשפּיל" צו דער „שפּערע", וואָס די דייטשן האָבן אין עטלעכע טעג שפּעטער דורכגעפירט אין דעם לאָדזשער געטאָ.

## אַ מינוט — אַן אייביקייט

די ידיעה, אַז די דייטשן זענען אַריין אין געטאָ און פירן אַוועק די קראַנקע פון די שפּיטעלער, האָט זיך בליצשנעל פאַרשפּרייט אין אַלע פאַבריקן אין געטאָ. אויך אין דער הוטפאַבריק האָט די ידיעה אַרויס־גערופן אַ פּאַניק.

איך געדענק גענוי די פריערדיקע „ווישעדלעניעס". אין די ערשטע חדשים אין געטאָ האָט מען דאָס נישט אָנגערופן „ווישעדלעניע". די דייטשן האָבן בלויז „געדונגען" די יונגע, געזונטע מענער פון געטאָ, ווי לוין־אַרבעטער, און זיי אַוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט. די משפּחות

אין געטאָ, די איבערגעבליבענע נאָך די פאַרשיקטע, האָבן באַקומען „געהאַלט" — 12 מאַרק חודשלעך פאַר יעדן אַרבעטער.

אונדזערס אַ שכן איז אַריין אין געטאָ מיט 2 דערוואַקסענע זין. אויסגעוואָרצלט פון די פּרנסה־קוואַלן, האָבן די צוויי בחורים זיך פאַרשריבן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד, כדי זייערע עלטערן זאָלן באַקומען דאָס געהאַלט און זיך קאָנען אויסלעבן. וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט פון דעם? אין משך פון אַ קורצער צייט זענען די צוויי יונגע, געזונטע זין אויסגעשעפּט געוואָרן פון דער פיזיש שווערער אַרבעט און פון די אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען, און די עלטערן אין געטאָ האָבן מער שוין נישט באַקומען די דאָן שוין ווערטלאָזע מאַרקן. שפּעטער איז געקומען די אויסזידלונג פון די „12ער מאַרקן" און די עלטערן זענען אויך געוואָרן „ווישעדלעט" פון געטאָ.

איך געדענק אויך די ערשטע „ווישעדלעניע" פון די „דריי פייען", (די אויסזידלונג פון די פליישערס, פישערס און פורמאַנעס); אויך די אויסזידלונג פון די „9ער מאַרקן" ליגט מיר גוט אין זכרון. דאָס זענען

רומקאָווסקי האַלט אַ רעדע, אַרומגערינגלט מיט געטאָ־פּאָליציי און אונטער דער „אויפזיכט" פון דייטשישן „אַמטס־לייטער" (אין הינטערגרונט, אין ציוויל־הוט — האַנס ביבאָוו).

געווען די, וואָס האָבן עטלעכע חדשים באַקומען שטיצע צו 9 מאַרק אַ חודש. די מאַרקן האָבן שנעל פאַרלוירן זייער ווערט, מען האָט שוין גאַרנישט געקענט קויפן פאַר דעם געלט. אָבער פאַרן „חטא", וואָס די מענטשן האָבן זיך רעגיסטרירט צו באַקומען אונטערשטיצונג פון דער געטאָ־קאַסע זענען די מענטשן געוואָרן אויסגעזידלט פון געטאָ. דאָס איז געווען די „ווישעדלעניע" פון די „9ער מאַרקן".

דאָס אַלץ איז ביז איצט דורכגעפירט געוואָרן אינעווייניק, אין געטאָ, דורך רומקאָווסקין און זיין אַדמיניסטראַציע, מיט דער געטאָ־פּאָליציי. מען האָט דאָס אָנגערופן מיט פאַרשידענע נעמען, פאַרבונדן מיט „לויף־אַרבעט", מיט ווידערשטאַנד (די 3 פייען), מיט ווערטלאָז דייטשיש ממון און יידיש דמים, מיט 12ער און 9ער מאַרקן. אָבער איצט, דעם 1טן סעפּטעמבער 1942, האָבן די דייטשן אַראָפּגעוואָרפן אַלע מאַסקעס, זיך מער נישט פאַרלאָזן אויף רומקאָווסקין מיט זיין פּאָליציי, און זיי אַליין זענען, מיט די אייגענע הענט, באַפאַלן די שוואַכסטע, די קראַנקע פון די שפּיטעלער.

איך קען זיך קיין אָרט נישט געפינען, איך גיי פון דער פאַבריק אַהיים. מיר האָבן דעמאָלט געוווינט אין טיפן באַלוט, אויף דוואָרסקאַ גאַס נומער 60.

אַהיימגייענדיק, קוק איך זיך צו צו די מענטשן אין די געטאָ־גאַסן: אומעטיקע, צעשראָקענע פּנימער. אַלע סימנים ווייזן, אַז די פינצטערע בשורה איז די ווירקלעכקייט פון היינטיקן טאָג. מיט אַ שווער האַרץ קום איך אין שטוב אַריין. אויך מרים זיצט שטיל, מיט אַן אומעטיק געמיט. ס׳איז שטיל אין שטוב און שטיל אויף דער דוואָרסקאַ גאַס, אין טיפן באַלוט־געטאָ. אָבער פּלוצלינג דערהער איך אַ רעדער־רעש פון דער גאַס, אַ רעש פון אַ שווערער מאַשין מיט אַ שנעלן און שטאַרקן אָפּהילך. איך גיי צו צום פענצטער מיט אַ שרעקעוודיק האַרץ, זען וואָס ס׳טוט זיך אויף דער גאַס. איך וואָלט איצט געוואָלט זיין אַ רואה ואינו נראה. איך וויל זען מיט מיינע אויגן וואָס ס׳טוט זיך אין דרויסן, אָבער גלייכצייטיק האָב איך מורא אַרויסצוקוקן פון פענצטער, אין געטאָ, איך וויל זיך נישט

טרעפן מיט די דייטשן אויג אויף אויג; שטעל איך זיך אין דער זייט פון פענצטער און קוק אַראָפּ צו דער גאַס.

די לאַסטמאַשין קומט אָן פון דאָרט, פון סוף דוואָרסקאַ גאַס, פונעם שפּיטאָל. אין דער מינוט טאַקע פאָרט זי פאַרביי מיין פענצטער. איך קוק אַריין אין אָפענעם לאַסטוואָגן. מיט מיינע אויגן זע איך די מענטשן, וואָס פילן דאָרט אויס דעם וואָגן אין דער לענג און אין דער ברייט: פרויענקעפּ מיט שוואַרצע און ווייסע פלאַנטערס האָר, מיט אויגן פאַרגאָסן מיט שרעקעוודיקע אָנמאַכט־קלעמען; פאַרמעט־פּנימער מיט צעוויטיקטע ליפּן, די אייגענע ציין־וואָרצלען בייסן זיך אין זיי, די געלע הויטן טרייסלען זיך פון שוידער.

אין דער זעלבער מינוט כאַפּט אויף מיין בליק אויך אים, דעם דייטש. ער שטייט אויף דער אונטערשטער קלאַפּע פון דער לאַסטמאַשין, — אַן אויסגעצויגענע שטראָם־פיגור, מיטן פּנים צו די אָנגעוואָרפענע קראַנקע אין דער מאַשין. מיט דער לינקער האַנט האַלט ער זיך צו אין דער אייזערנער שטאַבע פון דער לאַסטמאַשין און מיט דער רעכטער האַנט האַלט ער אויסגעצויגן דעם אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער, מיטן פינגער אויפן צינגל, צו קענען יעדע סעקונדע שיסן אויף די קראַנקע יידישע פרויען.

אַז די מאַשין איז פאַרביי מיין פענצטער, האָב איך נאָך אַלץ נאָכגעקוקט, אַזוי לאַנג ווי מיין בליק האָט געקענט דערגרייכן.

דאָס פאַרבייפאָרן פון דער לאַסטמאַשין דורך מיין פענצטער האָט געדויערט, ווי געזאָגט, בלויז אַ מינוט; אָבער די מינוט איז געוואָרן ביי מיר אַן אייביקייט. דאָס בילד פון די אָנגעוואָרפענע קראַנקע אויף דער לאַסטמאַשין און דער הויכער מאַן, געקליידט אין דייטשישן זעלנערישן „פראַכט" מיט דעם אויסגעצויגענעם אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער, — אַט דאָס בילד האָט זיך איינגעזאַפּט אין מיין האַרץ אויף אייביק.

# אויג אויף אויג מיטן נאַצישן מערדער

מיטוואָך, דעם 2טן סעפּטעמבער 1942, זענען מיר געגאַנגען מיט אַ שווער האַרץ אין פאַבריק אַריין. אויב נישט אַרבעטן, זאָל מען כאָטש טרעפן זיך מיט מענטשן; הערן וואָס ס'טוט זיך, דערוויסן זיך פּרטים פון נעכטיקן אומגליק און די לאַגע פון היינטיקן טאָג. מען איז געזעסן ביי די טישן און זיך דערציילט די טרויעריקע געשעענישן.

אַזוי איז געווען די לאַגע נישט בלויז אין דער הוטפאַבריק, נאָר אין גאַנצן געטאָ. די געטאָ־באַפעלקערונג, וואָס האָט אין יענע טעג געציילט איבער הונדערט טויזנט פּערזאָן, איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויג אויף אויג דירעקט מיטן דייטשישן מערדער. דער איבערפאַל איבער די 6 געטאָ־שפּיטעלער, וואָס איז פאָרגעקומען נעכטן, איז געווען בלויז דער אָנהייב, אַן אַריינפיר צו ווייטערע „אַקציעס" פון דעם סאָרט. פון רומקאָווסקיס



די בריק, וואָס איז אין די טעג פון דער „שפּערע" געוואָרן אָפּגעשלאָסן פאַר דער באַפעלקערונג

אַדמיניסטראַציע האָט מען יעדן טאָג געמאָלדן אין די פאַבריקן טרויעריקע פּראָגנאָזן. דריי טעג זענען די געטאָ־מענטשן אַרומגעגאַנגען מיט צעשרויפטע נערוון און וואָס אַ טאָג איז די דעפּרעסיע געוואָרן טיפער.

ס'איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, אַז רומקאָווסקי רופט די באַפעלקערונג

צו אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג אויף פרייטיק, דעם 4טן סעפּטעמבער, אויף לוטאָמיערסקי גאַס 13, אויפן פּלאַץ פון די געטאָ־פייערלעשער. די מעלדונג אַליין האָט שוין אַרויסגערופן אַ שרעק ביי די מענטשן. בלויז איינצלנע מענטשן זענען אים געגאַנגען הערן, אָבער דער אינהאַלט פון זיינע ווערטער האָט זיך בליצשנעל פאַרשפּרייט און יעדערן האָט דאָס געשטאָכן אין מוח:

— יידן, ראַטעוועט דאָס געטאָ, גיט אָפּ די קינדער...

אויף די געטאָ־ווענט האָט זיך באַוויזן די אָפיציעלע פאַראָרדענונג פון דער „שפּערע"... אַלע יאָרן האָט רומקאָווסקי צוגעזאָגט די געטאָ־אַרבעטער אין די פאַבריקן, אַז ווער ס'וועט אַרבעטן, דעם וועט נישט געשען קיין שלעכטס; איצט פאַרשליסט ער אַליין די פאַבריקן. אַלע יאָרן האָט מען זיך געקענט באַהאַלטן כאָטש אינעווייניק, אין דעם איזאָלירטן געטאָ, און איצט איז שוין די געטאָ־ערד, די געשלאָסענע טורמע, אויך פאַרווערט פאַר אונדז?! מוז מען בלייבן איינגעזעצט אין די געטאָ־שטיבלעך, וועלכע זענען אויסגעליידיקט פון די לאַנגע הונגער־יאָרן, אָן אַ טראָפּן שפּייז? ווי לאַנג? ווי לאַנג וועט די שטוב זיין אַן אייגענער טורמע־קאַרצער? נישטאָ ביי וועמען צו פרעגן, קיינער אין געטאָ וועט דאָס נישט פאַרענטפערן. וואָס טוט מען? ווי אַזוי קאָן מען זיך ראַטעווען?

אַ טאָג פאַר דער „שפּערע" זענען מיר געגאַנגען צו די קאָאָפּעראַטיווע געוועלבער אָפּנעמען די קאַרגע ראַציעס — ברויט און אַנדערע פּראָדוקטן. ביי די קראָמען האָבן זיך געשאַפן גרויסע רייען. שווער איז אונדז אָנגעקומען אָפּצונעמען עפּעס פון די ראַציעס. מאָרגן וועט שוין זיין אַלץ געשלאָסן, און היינט קאָן מען נישט אָנקומען אין קראָם אַריין. נאָך מער, מען זעט מיט די אייגענע אויגן, ווי די געטאָ־פּאָליציי און פייערלעשער גייען כסדר אַריין אויסער דער ריי און באַזאָרגן זיך יאָ מיט שפּייז־אַרטיקלען אויף דער שפּערע־צייט.

נאָך ערגער איז געווען ביי די גרינס־פּלעצער. אויף יונה פּילצערס פּלאַץ זענען געלעגן אָנגעגרייט קאַרטאָפל פאַר דער קאַרטאָפל־ראַציע פון 8 ק"ג פאַר אַ פּערזאָן. מיר זענען געגאַנגען אָפּנעמען די קאַרטאָפל־ראַציע פון 40 ק"ג פאַר אונדזער משפּחה, אָבער אויפן פּלאַץ זענען געווען לאַנגע רייען פון טויזנטער און טויזנטער מענטשן און די רייען האָבן זיך נישט

גערירט פון אָרט. די פּאָליציי־לייט ביים אַריינגאַנג צום פּלאַץ האָבן יעדער ווילע אויפגעמאַכט דאָס טויער און אַריינגעלאָזט נעמען קאַרטאָפל, אָבער נישט די מענטשן פון דער ריי, נאָר בלויז פּאָליציי־לייט, זאָנדער־פּאָליציי,

אויף יונה פילצערס פּלאַץ נאָך קאַרטאָפל

פייערלעשער און ווייסע גוואַרדיע. יענע האָבן אַ גאַנצן טאָג אַרויסגעטראָגן זעק קאַרטאָפל, דאַקעגן דאָס געטאָ־פאָלק, די טויזנטער מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אין דער ריי, האָבן נישט געקענט אָנקומען אָפּצונעמען זייערע קאַרטאָפל־ראַציעס. איך און מיין פרוי און קינדער זענען אין די שפּעטע שעהען, ווען מען האָט שוין פאַרשלאָסן דאָס טויער פון יונה פילצערס פּלאַץ, אַהיימגעגאַנגען אַנטוישטע, פאַרצווייפלטע, אָן די קאַרטאָפל. דאָס איז געווען דער אַריינפיר צו דער שפּערע.

## אַלע גייען אַרונטער

דער 5טער סעפּטעמבער 1942. דער ערשטער טאָג פון דער „שפּערע". אַ טאָג, אַזוי ווי אַלע טעג פון דער צייט — אַ שיינער, אַ זוניקער. אָבער פון באַלד אין דער פרי, זינט ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן, קען איך שוין נישט

שלאָפן; די געדאַנקען נורטעווען אין דער שוידערלעכער ווירקלעכקייט. די האָפענונג פאַר אויסדויער רינט אויס און עס בלייבט אַ שוואַרצע ליידיקייט אין האַרץ, אין מוח: וואָס קומט פאַר אין געטאָ? וואָס טוט זיך איצט אויף די געטאָ־גאַסן? נאָך ענלעכע שעה, אין גרויסן טאָג אַריין, גיי איך מיט מרימען אַרויס אויף דער גאַס, מען קוקט זיך אַרום — ליידיק, אַלץ איז פאַרמאַכט ווי אין מיטן נאַכט. מיר שאַרן זיך ביי די ווענט מיט פחד. דערוויל איז די „שפּערע” אַ טייוולאַניש רעטעניש, וואָס קיינער ווייסט נישט וועגן דעם גענוי, ווייל די „שפּערע” קומט פאַר אין קליינעם געטאָ, איבער יענער זייט בריק, און די בריק איז אויך געשפּערט. קיינער קען אַהין נישט אַריבער, און פון יענער זייט קען אויך קיינער נישט אַהערקומען. דער קליינער געטאָ האָט זיך פלוצלינג פאַררוקט ערגעץ ווייט, ווייט אין אַן אומבאַקאַנטער וועלט. ערשט ווען דאָרט האָט זיך די „שפּערע” אין דער ערשטער רונדע, פאַרענדיקט, האָט זיך די גיפטיקע שלאַנג באַוויזן אין גרויסן געטאָ.

ווען די דייטשן קומען אַריין אין אַ הויף, גיבן זיי אָפּ עטלעכע ביקס־שאָסן, באַלד דערויף רופן זיי אויס דעם באַפעל צו די געטאָ־קרבנות, וואָס זענען פאַרשפּאַרט אין די אייגענע קאַרצער־שטובן:

— אַלע גייען אַרונטער! אַלע גייען אַרונטער!

אָט אָ דאָס איז די „שפּערע”. דאָ הייבט זיך אָן דער דירעקטער קאָנטאַקט פון יידישן געטאָ־מענטש, דעם אומבאַוואָפנטן, אויסגעהונגערטן, צעווייטיקטן ייד, מיט דעם באַוואָפנטן דייטשישן תלין. דער מערדער באַקוקט זיינע קרבנות, יידן — אַלטע און יונגע, פרויען און קינדער. ער שפּילט זיך מיט זייער לעבן, מיט זיין בלויזן בליק, מיט יעדער סעקונדע וועגט זיך דאָס אייביקע לעבן פון יידישע דורות: אַהער אָדער אַהין, לחיים או למוות; יעדע סעקונדע איז אַן אייביקייט. מערסטן טייל איז דער גזר־דין פון די דייטשן געפאַלן אויף קינדער, זקנים און שוואַכע, דערשעפּטע פון הונגער. אָבער נישט אומעטום, געווען זייער אַ סך פאַרקערטע פאַלן, אַז די קינדער, זקנים און שוואַכע האָבן זיך געראַטעוועט, און די יונגע, געזונטע מענטשן זענען אַריינגעפאַלן. דאָס איז געשען דערפאַר, ווייל די ערשטע האָבן זיך געשראָקן אַראָפּצוגיין אין הויף און האָבן פאַרט

אויסגעפונען ערטער ווו צו באַהאַלטן זיך. דאַקעגן די יונגע מענטשן זענען געווען זיכער, אַז די דייטשן וועלן זיי נישט באַשטימען צו דער אויס־זידלונג, און אַז די דייטשן האָבן נישט געהאַט קיין קינדער און זקנים, האָבן זיי גענומען צו דער אויסזידלונג יעדערן ווער ס'איז געקומען אין הויף, אַפילו יונגע און געזונטע.

געווען אויך פאַלן פון משפחה־סאָלידאַריטעט: ווען די דייטשן האָבן אַרויסגענומען איינעם פון דער משפּחה, האָבן אַלע אַליין זיך צוגעשטעלט צו דער אויסזידלונג. אין אַזעלכע פאַלן האָבן די דייטשישע מערדער מיט צופרידנקייט אויסגעריסן דעם גאַנצן יידישן משפּחה־שטאַם...

## „גייט אַוועק פון שטוב!"

אין די שיינע, וואַרעמע און ליכטיקע טעג פון סעפּטעמבער 1942 האָבן די מענטשן אין געטאָ זיך געפונען דווקא אין דעם סאַמע פינצטערסטן און ביטערסטן מצב זינט דער דייטשישער אָקופּאַציע.

ס'איז דערקלערט געוואָרן די „שפּערע", דאָס האָט געהייסן, אַז יעדער מוז זיין ביי זיך אין שטוב און טאָר זיך נישט באַווייזן אויף דער גאַס. די פאַבריקן זענען געוואָרן געשלאָסן, במילא איז שוין אָנגעווירן געוואָרן די געטאָ־זופּ. מען איז געבליבן אונטער אַ הויז־אַרעסט ווי אין אַ קאַרצער פונעם געטאָ — דער גרויסער תפיסה. אַלע געטאָ־גאַסן זענען געוואָרן אויסגעליידיקט און טויט־שטיל. ווען מען האָט אַרויסגעקוקט אין מיטן העלן טאָג, איז מען אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ שרעק צוליב דעם געפיל, אַז אין די גאַסן לויערט שוין דער טויט. מען איז געזעסן אין שטוב און מען האָט געוואַרט, קוקנדיק אויף די פיר ווענט, אַ טאָג און צוויי, דריי און פיר. מען האָט נישט געוווּסט ווי לאַנג דאָס קאָן דויערן, און דערווייל איז אין דער שטוב נישט געוואַקסן קיין שפּייז אויף די ווענט. ווי לאַנג האָט מען געקענט ראַנגלען זיך מיטן הונגער־טויט? אָבער אין יענע טעג איז שוין דער לאַנגזאַמער „נאַטירלעכער" הונגערטויט נישט געווען דאָס ערגסטע אינעם געטאָ. אין די געטאָ־גאַסן האָט שוין „שפּאַצירט" אַ שנעלערער און גרויזאַמערער טויט — אַ

„שפערע־טויט". און דאָס איז געווען אַ מאַסן־מאָרד פון די איזאָלירטע ייִדן אינעם געטאָ.

איך האָב דעמאָלט געוווינט אויף דוואָרסקאַ גאַס נומער 60, אין טיפן געטאָ. ביי דעם הויז, אויף ראָג דוואָרסקאַ און די מאַרישינער גאַסן, האָט נאָכטשטערן געהאַט אַ „דזיאַלקע" — עטלעכע בייטן מיט גרינצייג. דעם 6סטן טאָג פון דער „שפערע", ווען איך בין געשטאַנען אין הויף פון מיין הויז, האָב איך אים דערזען. ער איז געגאַנגען מיט אַ געלער לענטע אויף דער האַנט. ווי אַ פאַבריק־לייטער האָט ער געקאָנט באַוועגן זיך אין די געטאָ־גאַסן אין די „שפערע"־טעג.

— וואָס הערט זיך אין געטאָ? — האָב איך אים געפרעגט.

ער איז צוגעגאַנגען נאָענט צו מיר און זיך צוגעבויגן צו מיינע אויערן:

— גייט אַוועק פון שטוב!

איך האָב אים אָנגעקוקט. זיין רונדיק פּנים איז געווען בלאַס, די ליפּן האָבן זיך געטרייסלט. איך האָב זיך געהאַלטן ביי מיין פראַגע:

— אָבער וואָס הערט זיך אין געטאָ?

ער האָט זיך אויך געהאַלטן ביי זיין ענטפער:

— גייט אַוועק פון שטוב!

איך בין גלייך אַרויף אין שטוב, איבערגעגעבן מיין פרוי נאָכטשטערנס ווערטער. זי האָט אויך מסכּים געווען דערויף. גלייך האָט זי גענומען אַ קיישעלע, אַריינגעלייגט די רעשטלעך שפּייז, וואָס זענען נאָך געווען אין שטוב, און מיר האָבן גענומען אונדזערע דריי קינדער, פאַרשלאָסן די טיר און אַוועק. די גאַס איז שוין געווען אַרומגעשטעלט מיט דער געטאָ־פּאָליציי און צוגעגרייט צו דער „שפערע־אַקציע" וואָס איז געווען פּלאַנירט אויף צו מאָרגנס. זענען מיר ווידער געבליבן פאַרצווייפלט. אַלע אונדזערע ביטעס, אַז די געטאָ־פּאָליציי זאָל אונדז לאָזן אַריבערגיין דעם ברוק, האָבן נישט געהאַט קיין ווירקונג.

די דייטשן, וואָס האָבן דורכגעפירט די „שפערע־אַקציע", האָבן געאַרבעט נאָרמאַלע „אַרבעט־שטונדן", גלייך ווי אַרבעטער אין אַ פאַבריק. זיי האָבן אָנגעהויבן די „אַרבעט" אין דער פרי און געענדיקט אין די

אויסזידלונג

נאָכמיטאָג־שעהען. יעדן טאָג האָבן זיי „אָפּגערייניקט" עטלעכע גאַסן־בלאָקן פון די „איבעריקע" טויזנטער יידישע לעבנס. דער איינציקער וועג זיך צו ראַטעווען וואָלט געווען אַריבערגיין אויף דער צווייטער זייט, ווו די „אַקציע" איז שוין פאָרגעקומען. אויך דאָס איז נישט שטענדיק געלונגען, אָבער טייל מאָל האָט זיך עס דאָך איינגעגעבן.

נאָך דעם ווי די געטאָ־פּאָליציי האָט אונדז פאַרהאַלטן, זענען מיר געבליבן שטיין און געוואַרט. מיר האָבן שוין געזוכט אַן אַנדערן וועג, איז אָבער אין בין־השמשות געשען דער נס — די פּאָליציאַנטן זענען גערופן געוואָרן אויף אַ קורצער אינסטרוקציע־באַראַטונג קיין מאַרישין. אין די עטלעכע מינוט, וואָס די גאַס איז געווען פריי, זענען מיר אַריבער אויף דער צווייטער זייט, וועלכע איז שוין געווען נאָך דער אַקציע.

מיר זענען אַריין אין אַ שטוב צו אַ פרעמדער פרוי און דערציילט וועגן דער סיבה פון אונדזער אַריינבלאָנדזשען אויף דער זייט גאַס. זי האָט אונדז געראָטן, מיר זאָלן אַרויפגיין אין אַ ליידיקן צימער אויבן. ווען מיר זענען דאָרט אַריין, איז שוין געווען פינצטער, און מאַכן ליכטיק האָט מען נישט געטאָרט, ווייל די פענצטער זענען נישט געווען פאַר־

האַנגען. האָבן מיר זיך אַלע אַנידערגעזעצט אויפן דיל און אַזוי איבער־געגעכטיקט.

ווען עס איז געוואָרן ליכטיק, האָבן מיר ערשט דערזען ווו מיר געפינען זיך. קיין מעבל איז אין דעם צימער נישט געווען, מסתמא האָבן די איינוווינער עס פאַרנוצט אויף הייצונג און צום קאָכן, איידער די דייטשן האָבן זיי „ווישעדלעט". אויף דער „פאָדלאָגע" זענען געווען צעשפּרייט און אויסגעמישט: וואַש־סאָדע מיט פעדערן פון צעריסענע דעקן, צעריבן שטרוי און צעריסענע אַלטע מלבושים, שטיקלעך קופער פון אַ שבת־לייכטער, אַ פאַרזשאַווערטער, צעבויגענער חנוכה־לאָמפּ און שיימעס פון סידורים און מחזורים. אין אָט דעם בילד האָבן מיר אַלע דערזען די פאַרווירקלעכונג פונעם יידישן חורבן.

גלייך האָט מען דערהערט אַ רעש פון אַ גרויסער באַוועגונג אויף יענער זייט גאַס. מען האָט דייטלעך געהערט דעם דייטשישן באַפעל:

— אַלע אַרונטער! אַלע אַרונטער!

מיר זענען געבליבן אינעם חורבן־צימער ביז נאָך מיטאָג, ביז די „אַקציע" האָט זיך דאָרט פאַרענדיקט.

ווען מיר זענען צוריקגעקומען אין אונדזער שטוב, האָט מיר נאָך אַלץ געקלונגען אין די אויערן דוד נאַכטשטערנס ווערטער:

— גייט אַוועק פון שטוב!

## מענטשן אָן שפּייז און שפּייז אָן מענטשן

נאָך דעם ווי די „אַקציעס" זענען אַדורך דעם גאַנצן געטאָ, זענען זיי נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט געוואָרן אין אַ שנעלן טעמפּאָ. געווען אַזעלכע הייזער, ווו די דייטשישע „געסט" זענען דאָרט געווען 3 — 4 מאָל. אַ סך מענטשן, וואָס זיי איז געלונגען זיך צו ראַטעווען אין יענע הייזער־בלאָקן דאָס ערשטע מאָל, זענען אַריינגעפאַלן דאָס צווייטע אָדער דריטע מאָל.

די „אַקציעס" אין די „שפּערע־טעג" האָבן די דייטשן נישט באַ־גרענעצט בלויז מיט אויסזידלונגען, נאָר אויך מיט דערמאָרדן אויפן

אָרט, כמעט אין יעדן הויף האָבן די דייטשן געשאָסן מענטשן אויפן אָרט. ווי אַ ביישפּיל איז כדאי צו דערמאָנען דאָס 13־יעריקע יינגל ראָזענבלום פון דער זגערזשער גאָס נומער 3. ער האָט זיך באַהאַלטן אין מיסט־קאַסטן, אין ווינקל הויף. פאַר דעם דאָזיקן „פאַרברעכן", וואָס ער האָט געוואָלט ראַטעווען זיין יונג לעבן, האָט דער דייטש אים געשאָסן אין הויף, אין קעגנוואַרט פון אַלע מענטשן. אָדער די עלטערע פרוי שע־ראַדסקאַ פון זגערזשער גאָס 38: זי איז נישט געווען געהאַרכזאַם דעם היטלער־באַנדיט און נישט געגאַנגען אין דער זייט ווו ער האָט איר אָנגעוויזן. זי האָט באַוויזן צו מאַכן בלויז עטלעכע שפּאַן, און דער דייטש האָט זי געשאָסן אויפן אָרט. דאָס זענען נישט געווען קיין איינצלנע געשעענישן אין יענע טעג. אין טייל ערטער האָבן די מאָרדן אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער.

די גרויסע מערהייט מענטשן אין געטאָ האָבן נישט אַרויסבאַקומען די שפּייז־ראַציעס פאַר דער „שפּערע", די מענטשן האָבן איבערגעלעבט קאָנוולסיווע הונגער־מאַטערנישן אין שטובאַרעסט אין די שפּערע־טעג. ס'זענען אָבער אויך געווען פאַלן פון פאַרקערטן גורל: געווען מענטשן וואָס זיי האָט זיך איינגעגעבן, מיט שווערער מי און מאַטער, אָפּצונעמען די שפּייז־ראַציעס אין לעצטן טאָג פאַר דער „שפּערע", — די 8 ק״ג קאַרטאָפל אויף אַ פּערזאָן און אַנדערע שפּייז־צוטיילונגען פאַרן געטאָ. אָבער דאָס מזל האָט זיי נישט צוגעשפּילט צו קענען זיך ראַטעווען פון דער אויסזידלונג; די מענטשן זענען אויסגעריסן געוואָרן פון זייערע היימען און אין שטוב זענען געבליבן ליגן זייערע שפּייז־אַרטיקלען — אָן די מענטשן...

## די לײדיקע באַנק

יעדן טאָג פלעגן די צוויי שוועסטער קאַלין קומען אין דער הוט־פאַבריק צו דער אַרבעט. זיי האָבן שוין געהאַט זייערן אַ שטענדיקן אָרט צו זיצן אויף דער באַנק ביי דער שמאָלער זייט פון טיש. לויט דעם מוסטער פון דעם היטעלע מיטן אויפגעשטעלטן רענדל, וואָס די אינסטרוקטאָרקע

האָט אַליין געמאַכט, האָבן די צוויי שוועסטער געאַרבעט אויף די הילצערנע קעפּ וואָס זענען געשטאַנען אויפן טיש, אַרויפצוגעבן די שטיקלעך שטאָף, אַ פּעלבעלע הינטן, צוויי פּעלבעלעך אין די זייטן, געצייט מיט אונטערשטעך, ביז פון די שמאַטקעס זענען אויסגעוואַקסן שיינע קאַפּעלושלעך. זיי פלעגן קומען צוזאַמען און 12 אַ זייגער ביי טאָג פלעגן זיי אויף זייער פּלאַץ צוזאַמען עסן די רעסאַרט־זופּ.

קיינער האָט נישט געוווּסט ווער די צוויי שוועסטער זענען און פון וועלכער שטאָטגאַס זענען זיי געקומען אין געטאָ. זיי פלעגן זיצן גאַנצע טעג שטיל און באַשיידן, מיט די נאָדעלעך אין די בייגעוודיקע פינגער, ביז זיי פלעגן פאַרלאָזן צוזאַמען די פאַבריק און גיין אַהיים. זיי האָבן קיין מאָל נישט פאַרפעלט קיין טאָג אַרבעט און אויך נישט פאַר־שפּעטיקט.

דעם ערשטן טאָג נאָך דער „שפּערע”, ווען אַלע פאַבריקן אין געטאָ האָבן זיך אויף ס׳ניי געעפנט, ווען אויך די הוט־אָפּטיילונג איז געעפנט געוואָרן, איז געשען צום ערשטן מאָל, אַז די באַנק פון די צוויי שוועסטער קאַלין איז געבליבן ליידיק.

פון די פּלאַקאַטן אין די געטאָ־גאַסן האָט דער „לייטער פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג” האַנס ביבאָוו אַליין באַפוילן, מיט גרויסע אותיות: אַ ל ע מ ו ז ן אַ ר ב י י ט ע ן!

זענען טאַקע די אַרבעטער פון דער הוטפאַבריק געקומען צו דער אַרבעט. אַרבעטן אָבער האָט מען נישט געקענט — ס׳איז געווען שווער צו קומען צו זיך נאָך דעם, וואָס מען האָט איבערגעלעבט, זייענדיק איזאָלירט אין די אייגענע שטובן אין משך פון דער „שפּערע”. זיצן די מאָדיסטקעס אַרום דעם טיש און קוקן אויף דער ליידיקער באַנק פון די צוויי שוועסטער קאַלין. פון אַן אַנדערן טיש קומט צו אַ מאָדיסטקע און סודעט זיך מיט דער פרוי אַרבוז — דער אינסטרוקטאָרקע פון די צוויי שוועסטער. די מאָדיסטקע איז אַ שכנה פון די קאַלינס, זי וווינט אויך אין דעם קליינעם געטאָ איבער דער בריק, פון יענער זייט זגערזשער גאַס, ביי דער לוטאָמיערסקאַ גאַס. תיכף גייט דער סוד איבער פון מויל צו מויל און אַלע ווייסן שוין, אַז די צוויי שוועסטער קאַלין האָבן געהאַט נאָך

צווײ שוועסטער, אַ ברודער און עלטערן און אַז די משפּחה איז געווען
אַזוי צונויפגעבונדן, אַז יעדערער פון איר איז גרייט געווען צו געבן
זיין לעבן פאַר די אַנדערע.

דעם ערשטן טאָג פון דער „שפּערע", ווען די בריק איז געווען פאַר־
שלאָסן, און דאָס קליינע געטאָ איז געווען אין גאַנצן אָפּגעשניטן, אַזוי,
אַז מען האָט נישט געוווּסט וואָס דאָרט טוט זיך, האָבן די דייטשן גראָד
פון דאָרט אָנגעהויבן די „אַקציעס". ווען זיי האָבן גערופן אין דעם הויף
פון די קאַלינס „אַלע אַרונטער! אַלע אַרונטער!" זענען אויך די קאַלינס
אַרויס אין הויף, די דייטשן האָבן באַפוילן דעם אַלטן טאַטן מיט דער
מוטער און איינער פון די טעכטער זיך צו שטעלן אויף „יענער" זייט.
דאָס האָט אויפגעשוידערט אַלע פון דער משפּחה.

— אויב איר נעמט צו אונדזערע עלטערן, טײלן מיר אַלע זייער
אומגליק... — האָבן אַלע פון דער משפּחה דערקלערט און זיך געבעטן
צו באַגנעדיקן די דרײ צוגענומענע. אָבער אין ענטפער אויף זייערע
תחנונים האָבן די דייטשן באַפוילן, אַז די גאַנצע משפּחה זאָל גיין „צוזאַמען"
אויף „יענער" זייט. אַזוי האָבן זיי געטאָן.

די באַנק פון די שוועסטער קאַלין אין דער פאַבריק איז שוין געבליבן
אַ ליידיקע.

## אַ מאַמע אין געטאָ

ווי שוין געזאָגט, האָט קיינער אין דער הוטפאַבריק נישט געאַרבעט
דעם ערשטן טאָג נאָך דער „שפּערע". מען האָט בלויז דערציילט
וועגן די שוידערלעכע געשעענישן אין די „שפּערע"־טעג, און יעדע
דערציילונג האָט דערוועקט טרויער נאָך די קרבנות, וואָס די „שפּערע" האָט
פאַרשלונגען. די הענט האָבן זיך נישט געלייגט צו קיין אַרבעט, מען האָט
אויך נישט געקענט איינזיצן אויף אַן אָרט און מען איז געגאַנגען פון
איין צימער אין צווייטן, פון איין אָפּטיילונג אין אַן אַנדערער, אומעטום
דערוויסנדיק זיך פון די אומגליקן אין די פאַרשידענע געטאָ־הייף.

אַז די פרוי טשאַמאַנסקי האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם אומגליק

מיט ראַדאָשיצקיס טאָכטער האָט זי אַרויסגעלאָזן אַ היסטעריש געשריי:

— ראַדאָשיצקיס טאָכטער מיט איר קינד!

אַלע פון דער בראַנזשע אין לאָדזש, סיי די קאַפּעלוש־מאַכערס און סיי די מאָדיסטקעס, האָבן געקענט די פרוי טשאַמאַנסקי (וועלכע האָט פאַר דער מלחמה געהאַט אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס אַ געשעפט פון צודאַטן צו היט) אַלס אַ סוחרטע אָן סענטימענטן. דעריבער האָבן אירע רייד אַרויסגערופן וווּנדער און שרעק. זי האָט געזען אַז אַלע קוקן אויף איר מיט פאַרשנדיקע בליקן, האָט זי צוגעגעבן:

— זי איז דאָך געווען דעם אַלטן לעמאַנס אַן אייניקל!

— ווער איז דאָס געווען דער אַלטער לעמאַן? — פרעגט איר די פרוי לאַסקער.


ARBEITSAMT-GETTO
Legitimations-Karte
Arbeiter Nr. 13224
Name: Ehrlich
Vorname: Mojsze
geb. 1926
wohnh. Hohensteiner 16/27
ist in dem Betrieb Nr. 61
als Lehrling
Arbeitsamt-Getto
Kontrolliert durch
Unterschrift d. Ausweisinhabers
Unterschrift d. Betriebsleiters
Litzmannstadt-Getto, den 194
WEG AM TRANSPORT — MIT PUS. Nr.

די אַרבעטס־לעגיטימאַציע פון אַ שילער אין פּאַפּיר־רעסאָרט, משה ערליך (מיין ברודערס זון)

— דער פאָטער פון די לעמאַנס, פון דער פּיעטריקאָווער גאַס 79. ער האָט איבערגעלאָזט דאָס הויז ירושה פאַר זיינע קינדער. דאָס איז נישט קיין הויז, נאָר אַ גאַנצע גאַס, מען גייט אַריין אין הויף פון

פיעטריקאָווער 79, מען גייט אַדורך דעם לאַנגן הויף און מען קומט אַרויס אויף אַלעע קאָשטשושקי 22. זיינע קינדער האָבן געהאַט מיט וואָס זיך צו טיילן נאָך אָט דער ירושה. יעדערער פון זיי איז געוואָרן אַ גרייטער ווירט און גענומען דירה־געלט ביי לאָקאַטאָרן. אויך דעם אַלטן לעמאַנס איידעם, טאַקע דער זעלבער ראַדאָשיצקי, האָט געהאַט אַ חלק אין דעם הויז, פונקט אַזוי ווי אברהם און יאַנקל לעמאַן און אַלע פון דער גרויסער משפחה. פון אַזאַ גוטער, פרומער היים, פון אַזאַ רייך הויז, פון דעם רייכסטן, שענסטן שטאָט־צענטער איז זי נעבעך געקומען אין געטאָ.

די פרוי לאַסקער שלאָגט איר איבער די רייד, זי וויל, צוליב איר יונג מיידל וואָס זיצט לעבן איר, אַ ביסל פאַרטושן דעם טרויער:

— זי איז, ליידער, נישט געווען די איינציקע, אין יעדן געטאָ־הויף זענען געשען אַזעלכע אומגליקן — די „שפּערע" האָט צוגענומען און מען ווייסט נישט...

— די „שפּערע" האָט זי נישט צוגענומען! — זאָגט די טשאַמאַנסקי מיט אויפרעגונג — דער דייטש האָט זי געשאָסן אויפן אָרט, יאָ, אויפן אָרט דערשאָסן.

— פאַר וואָס? פרעגט איר די פרוי לאַסקער.

— ווייל זי האָט געהאַט אַ מוטער־האַרץ, ווייל זי איז צוגעגאַנגען צום דייטש און געוויינט פאַר אים, זיך געבעטן רחמנות — נעמען זי נישט צו, מיין קינד, ליבערשט שיסן זי מיך איידער מיין קינד צונעמען.

— וואָלן זי איך זאָל איינעם שיסן? — האָט דער דייטשישער מערדער מיט קאַלטבלוטיקן חוזק־שמייכל איר געענטפערט, און ער האָט מיט צוויי פינגער אויפגעהויבן אירע האָר פון קאַרק און אַריינגעשאָסן איר אַ קויל אין מוח אַריין. אַזוי איז ראַדאָשיצקיס טאָכטער געבליבן ליגן טויט אויפן אָרט.

# אוריש האַמערמעש

ער איז געווען דער עלטסטער זון פון דער משפחה האַמערמעש, וועלכע האָט אַ מאָל געהאַט פאַרלאָזט די פּראָווינץ־שטאָט סטאַשעוו און זיך באַזעצט אין לאָדזש. נאָך ווי אַ יוגנטלעכער איז אוריש געווען אַקטיוו אין די אומלעגאַלע אַרבעטער־באַוועגונגען. ווען די צאַרישע מאַכט האָט אין 1905 ברוטאַל פאַרפאָלגט די רעוואָלוציאָנערע אַקטיוויסטן, זיי מאַסנ־ווייז אַרעסטירט און פאַרשיקט, איז אויך דער יונגער אוריש געוואָרן אַרעסטירט און אָפּגעזעסן אַ לענגערע צייט אין די תפיסות.

אין די גרינדונגס־יאָרן פון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי איז ער געוואָרן אַן אַקטיווער חבר אין דער באַוועגונג. אַט די פּאַרטיי איז אויך געווען אומלעגאַל און די טרעפונגען פון די חברים פלעגן פאָרקומען אין אַ שטרענגער קאָנספּיראַציע. ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן אין דעם לאָדזשער געטאָ האָט אוריש נישט פאַרלאָזט די באַוועגונג.

פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט אוריש האַמערמעש געוווינט אין לאָדזש אויף דער ווסכאָדניאַ גאַס נומער 1 צוזאַמען מיט זיינע פרוי און קינדער. פון פאַך אַ טריקאָטאַזשניק, האָט ער געאַרבעט ביי זיך אין שטוב און זיך שוין געהאַט דערוואָרבן עטלעכע שטריק־מאַשינדלעך. אין די ווינטער־סעזאָנען איז געווען פולע באַשעפטיקונג, דאַקעגן זומערצייט איז דאָס לעבן געווען בדוחק. און אַזוי האָט ער געלעבט ביז די דייטשישע „אָרדנונג" האָט אים טעראָריזירט און פאַרטריבן אין געטאָ, אַזוי ווי אַלע יידן.

אין געטאָ האָט ער באַנייט זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. אין יאָר 1940 האָט ער געאַרבעט אין דער „טייהאַלע" אויף דער פראַנצישקאַנער גאַס 85 און אויך אין דער „ברויט־פאַרטיילונג" — ער איז געווען איינער פון די, וואָס פלעגן גיין אין די געטאָ־שטובן פונאַנדערטיילן בחינמדיק ברויט פאַר די נויט־באַדערפטיקע. דערנאָך, ווען רומקאָווסקי האָט ליקווידירט די אונטערשטיצונגס־אינסטיטוציעס, האָט אוריש האַמערמעש געאַרבעט אין דער צווייטער פּועלי־ציון־קיך אויף דער פּליסאַצקאַ גאַס.

וואָס גרעסער דער הונגער איז געוואָרן, אַלץ ווייניקער פּראָדוקטן

האָט די געטאָ־אָפּראָוויזאַציע צוגעשטעלט פאַר די קיכן. דער געראַנגל פון די געזעלשאַפטלעכע טוערס מיט רומקאָווסקין און זיין אַדמיניסטראַציע איז געוואָרן אַלץ שאַרפער. געהיימע אַרבעטער־באַראַטונגען און פאַרזאַמ־לונגען זענען פאַרגעקומען אין פאַרשידענע ערטער אין געטאָ. אויף איינער אַזאַ פאַרזאַמלונג, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אויף די פאַרמיטאָג־שעהען אין אַ בוידעם־שטוב אויף דער פליסאַצקאָ גאַס, זענען געקומען 24 פּועלי־ציון־חברים און קיכן־אַרבעטער. די אַגענטן פון דער געטאָ־פּאָליציי האָבן זיך דערוווּסט וועגן אָט דער געהיימער פאַרזאַמלונג און עס האָט זיך אויף איר באַוויזן דער פּאָליציי־שעף הערצבערג מיט אַ גרויסן פּאָליציי־כּוח. די אַלע 24 חברים האָט מען אַרעסטירט, צווישן זיי — אויך אוריש האַמערמעשן און אויך מיינע גוטע חברים סאַמעלזאָן און מאַנעלאַק. אוריש האַמערמעש האָט פאַרזוכט אויך די געטאָ־תּפיסה. נאָך דעם אינצידענט האָט רומקאָווסקי אין גאַנצן אָפּגעשטעלט די אַפּראָוויזאַציע פאַר די פּאַרטייִשע אַרבעטער־קיכן. די דאָזיקע ברוטאַלע האַנדלונג האָט אַרויסגערופן אין געטאָ פאַרבי־טערטקייט, פּראָטעסטן און אַפילו אַרבעטער־שטרייקן. נאָך צוויי וואָכן אַרעסט האָט רומקאָווסקי באַפרייט די 24 אַרעסטירטע און זיי „באַגנעדיקט", כּדי צו באַרויִקן די געטאָ־אַרבעטער. שיקאַנעס זענען אָבער ווייטער אָנגעווענדט געוואָרן קעגן די חברים, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין יענער פאַרזאַמלונג. צום מערסטן האָט געליטן אוריש האַמערמעש. די געטאָ־הערשער האָבן אים נישט צוגעלאָזט צו קיין שום אַרבעט און דעריבער האָט ער נישט באַקומען קיין זופּ. ער איז געשטאָרבן פון הונגער און דערשעפּונג און זיין טויט איז געוואָרן אַן אומדירעקטער מאָרד, באַגאַנגען דורך רומקאָווסקין און זיין אַדמיניסטראַציע־אַפּאַראַט.

# ... און זיין שוועסטער

אוריש האַמערמעשס שוועסטער איז אין די יונגע יאָרן געווען אַ צעפּיעשטשעטע בת־יחידה ביי אירע עלטערן, וועלכע האָבן חוץ איר געהאַט בלויז זין. אין לאַדזשער געטאָ האָט זי שוין אַליין געהאַט אַ צעפּיעשטשעט טעכטערל, אַן איין־און־איינציק 7־יעריק מיידעלע. זי איז געווען אי שיין אי קלוג.

דאָס דאָזיקע מיידעלע האָט נאַטירלעך זיך געוואָלט אַרויסרייסן פון דעם פאַרמאַכטן קלעם פון דער געטאָ־עקזיסטענץ. זי האָט נישט געקענט באַגרייפן די געפאַר, וואָס האָט איר געדראָט אין די טעג פון די דייטשישע אַקציעס.

אין דעם טאָג פון דער „שפּערע" האָט אויף דער גאַס ווו זיי האָבן געוווינט, געהערשט אַ טויט־שטילקייט, מען האָט נישט געזען קיין מענטשן, און די הייזער זענען געשטאַנען מיט פאַרמאַכטע טירן און פענצטער. דער טאָג איז געווען אַ ליכטיקער און דאָס האָט נאָך מער פאַרפינצטערט דאָס געמיט. די צייט האָט זיך געצויגן לאַנגזאַם אין דער געשפּאַנטקייט און דעם קינד איז געווען לאַנגווייליק. זי איז געלעגן באַהאַלטן אין אַ ווינקל און זיך געטולעט צו דער מאַמען. אין סאַמע מיטן טאָג האָט זי, ווייזט אויס, געוואָלט איבעררייסן דאָס אומעטיקע אויסבאַהאַלטן זיך — און האָט זיך שטילערהייט אַוועקגעשאַרט פון דעם ענגן ווינקל, ווו די מוטער איז געזעסן פאַרשמאַכט און געדרימלט. זי איז אַרויס פון שטוב און געוואָלט אַריבערגיין די גאַס.

אפשר האָט זי זיך געוואָלט זען מיט איר חבר משהלען, וואָס האָט געוווינט אויף יענער זייט גאַס. זיי פלעגן זיך שטענדיק שפּילן צוזאַמען און זינגען דאָס פּאָפּולערע געטאָ־ליד:

רומקאָווסקי חיים גיט אונדז קלייען,
ער גיט אונדז גרויפּן,
ער גיט אונדז מן.
אָמאָל האָבן יידן געגעסן מן,

היינט עסט יעדער איינער מן,
רומקאָווסקי חיים האָט גוט געטראַכט,
געאַרבעט שווער ביי טאָג, ביי נאַכט,
געמאַכט אַ געטאָ און אַ דיעטע
און ער שרייט — ער איז גערעכט.

אַזוי ווי דאָס קינד האָט פאַרלאָזט די שטוב, האָט די מוטער זיך האַסטיק אויפגעוועקט, זיך געטאָן אַ ריס פון אָרט און גלייך אַרויס אַהיימ־נעמען איר טאָכטערל. זי איז געלאָפן אויף די שפּיץ פינגער, אַז מען זאָל זי נישט הערן, און דאָך האָט דער אָפּקלאַנג פון אירע טריט אַזוי ווי געפּויקט אין דער טויט־שטילער גאַס. זי האָט שוין דעריאָגט איר טאָכטערל און זיך אויסגעדרייט אויף צוריק אַהיים, זיי זענען שוין ביידע געווען אַריבער דער שאָסיי, בלויז אַ צוויי טריט פון דער שטוב, ווען עס זענען אָנגעלאָפן די דייטשן און זיי ביידע צוגענומען. אַזוי איז אין אַ „שפּערע"־טאָג אומגעקומען אוריש האַמערמעשס שוועסטער מיט איר קינד.

## נאָך פון מיין אייגענעם נסיון פון געטאָ־הונגער

אין קאָרידאָר זענען פאַראַן 9 טירן פון 9 צימערן. אין יעדן צימער וווינט אַ משפחה. דאָס איז אַ הויז אין טיפן באַלוט, אויף דוואָרסקאַ גאַס נומער 60. פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן דאָ געוווינט פּוילישע פאַבריק־אַרבעטער, איצט, אינעם געטאָ, וווינען די פאַרטריבענע יידן פון שטאָט. זיי קומען פון די שטאָטישע דירות אין די איינצלנע צימערן אין טיפן באַלוט אַריין. סוף יאָר 1939 האָב איך, מיט מיין משפּחה פון 5 פּערזאָן, אויך זיך אַריינגעצויגן אין איינעם פון די צימערן, אין קאָרידאָר פון דער לינקער זייט.

דאָס געטאָ האָט שנעל פאַרזונקען די מענטשן אין אַ תהום פון גערענגל פאַרן פיזישן קיום, אין פּשוטן זין פון וואָרט. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, קוים אַ יאָר, ביז די געטאָ־איינוווינער זענען דערגאַנגען צום סאַמע דנאָ, צו שוידערלעכע פאַרמעסטן צווישן זיך פאַר חיי־שעה. טייל מאָל האָט דער

מצב דערפירט צו אַ קאָמפּלעטער משפּחה־דעגענעראַציע, ווי עס האָט פּאַסירט מיט אונדזערע שכנים.

איין מאָל, אויף די שטיגן, הער איך פון אַ טיר פון דער רעכטער זייט קאָרידאָר, געשרייען אויף יידיש. געווּוּסט האָב איך, אַז דאָרט רעדן זיי פּויליש. קומענדיק אין מיין צימער, דערצייל איך וועגן דעם מיין פרוי, ענטפערט זי מיר:

— איך האָב שוין עטלעכע מאָל געהערט די „אינטעליגענטן" זיך קריגן אויף יידיש־לשון. רעדן רעדן זיי טאַקע פּויליש, אָבער אַז מען קריגט זיך, איז דאָס אויף יידיש.

געווען זענען זיי אַ משפּחה פון פיר פּערזאָן, די עלטערן און צוויי דערוואַקסענע טעכטער. די ערשטע צייט פלעגן זיי גיין אָנגעטאָן עלעגאַנט, אַפילו די הענטשקעס צוגעפּאַסט צום סעזאָן און צום קאָמפּלעט פון דער הלבשה. זיי האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון שטילע און האַרמאָניש צונויפגעלעבטע מענטשן. כאָטש די טעכטער זייערע זענען געווען אין דעם זעלבן עלטער וואָס אונדזערע קינדער, האָבן זיי זיך מיט אונדז נישט געחברט. די „שולדיקע" זענען געווען מיר, איך און מיין פרוי, ווייל ביי אונדז אין שטוב האָבן אַלע גערעדט „פּראָסט" יידיש, מאַמע־לשון.

דער פּאַרדרוס פון מרים און די קינדער אויף זייער אָפּגעזונדערטקייט און הויכשטאַפּלעריי איז אָבער שנעל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין רחמנות.

נאָך אין דעם ערשטן געטאָ־יאָר איז אין יענער שטוב פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש אין דעם משפּחה־לעבן. אַז דער הונגער האָט זיי באַהערשט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער מאָראַלישער גייסט איז ביי זיי צו נידעריק אויף איינצוהאַלטן די האַרמאָנישע משפּחה־אייניקייט און גובר צו זיין דעם הונגער. האָט דער מאַן „גענומען" אַ שטיקעלע ברויט פון דער פּרויס פאָרציע, איין שוועסטער האָט געגנבעט ביי דער צווייטער. אַזוי האָט זיך דאָס אַנטוויקלט אין אַ קעגנזייטיקן קאַמף צו שטילן דעם אייגענעם הונגער אויפן חשבון פון אַן אַנדערן משפּחה־מיטגליד. דאָס איז געווען די סיבה, וואָס כמעט יעדן טאָג האָט מען געהערט פון זיי ביטערע געשרייען, מענערישע זידלערייען און ווייבערישע געוויינען:

— מערדער! דאָס לעצטע שטיקל ברויט מיינס, איך וועל דאָך אויסגיין פאַר הונגער.

די שנעלע משפחה־איבערקערעניש אין אונדזער שכנס שטוב איז נישט געווען קיין אויסנאַם אין יענער צייט. ס׳האָט זיך אין אַ גאַנצער ריי געטאָ־שטובן באַוויזן די ווייטיקלעכע, דערנידערנדיקע דערשיינונג פון נישט קענען זיך באַהערשן און גנבענען ביים נאָענטסטן פון דער משפחה עפּעס צו לינדערן דעם הונגער. נאָר אין די משפחות, אין וועלכע די עלטערן זענען געווען קאָנזעקווענט אָפּגעהאַרטעוועט אונטעריקער, האָבן אויך די קינדער זיך געלערנט פון זייער ביישפּיל די זעלבסטבאַהערשונג.

# דאָס שעכטעלע

דאָס שעכטעלע איז פאַרמאַכט און פון אַלע פיר זייטן אַרומגענומען מיט אַ שטריקל. האַלטנדיק עס אין האַנט, גיי איך איבער די געטאָ־גאַסן און פיל, אַז פון אָט דעם שעכטעלע איז אָפּהענגיק דער קיום פון מיין משפחה אין דער אַ איצטיקער הונגער־צייט אינעם פאַרמאַכטן געטאָ.

געווען איז דאָס ווינטער 1940. מיין שטוב איז שוין געווען אויסגעליידיקט פון שפּייז און פון אַלע זאַפאַסן. ס׳איז פּשוט נישט געווען וואָס צו לייגן אין טעפּל אַריין, אויך נישט קיין פּיצל ברויט, צו שטילן דעם הונגער פון אונדזערע פינף נפשות. מיר האָבן געזוכט אין שטוב עפּעס, וואָס מיר זאָלן קענען פאַרקויפן אויף ברויט, ס׳איז אונדז אָבער געווען קלאָר, אַז מען וועט נישט געבן אַזוי פיל געלט, עס זאָל סטייען אויף ברויט. דאָך האָט מען געמוזט ברענגען עפּעס שפּייז אין שטוב אַריין. אונטערן בעט איז געשטאַנען אַ שעכטעלע, וואָס איז געווען אַן איבערבלייב פון מיין אַמאָליקע אַרבעט און מסחר, פון וועלכע איך האָב אַלע יאָרן געצויגן די חיונה. אין דעם שעכטעלע זענען געווען דריי ווינטערדיקע „נאַרטשאַרסקע" היטלען פון וואָל — פון אייזערטס סאַטין. אַ מאָל, אין שטאָט, פלעג איך אַזעלכע היטלען פאַרקויפן אין די היט־געשעפטן, אָבער אין געטאָ האָט שוין קיינער נישט געהאַט אין זינען צו קויפן אַ היטל. נישט האָבנדיק קיין ברירה, האָב איך אויסגעגליכן די שטייפע היטלען, זיי אַריינגעלייגט אין דעם שעכטעלע,

צוגעבונדן מיט שפּאַגאַט און אַרויס אין די געטאָ־גאַסן. איך האָב זיך געשעמט פאַרצולייגן די סחורה. קיין גאַלאַנטעריע־געוועלבער אָדער היט־געשעפטן זענען אין דער גרויסער געטאָ־שטאָט נישט געווען בנמצא, נאָר פּריוואַט האָב איך געקאַנט פאַרלייגן מענטשן זאָלן קויפן ביי מיר אַ היטל. איך בין אָבער זיכער געווען, אַז ווען עמעצער זאָל שוין יאָ עס וועלן קויפן, וועט ער נישט באַצאָלן געווענג אויף צו קענען קויפן ברויט דערפאַר. פּלוצלינג איז מיר איינגעפאַלן צו ריזיקירן אַריינצוגיין אין אַ בעקעריי און דאָרט צו פּרובירן פאַרקויפן. דער ריח פון וואַרעם ברויט, וואָס מען רוקט נאָר וואָס אַרויס פון אויוון, האָט מיר אַ שלאָג געגעבן אין נאָז אַריין. איך האָב געגעבן אַ קוק אויף די עטלעכע מענער, פאַרמעליקטע און פאַרשוויצטע, וואָס האָבן דאָ געאַרבעט, אויפגעבונדן מיין שעכטעלע, אַרויסגענומען די היטלען און זיי אָוועקגעלייגט פאַר די בעקערס צו קויפן.

— וויפל קאָסט אַזאַ היטל?

— פינף רומקעס (פינף געטאָ־מאַרק).

— אַזוי טייער? אויף פינף רומקעס מוז איך אַרבעטן אַ האַלבע וואָך! איין רומקע ווילסטו? קויף איך!

— זאָל זיין, — בין איך מסכים — נאָר מיט איין באַדינג: אַנשטאָט געלט זאָלט איר מיר געבן אַ ברויט. דער אָפיציעלער פּרייז איז דאָך נישט מער ווי איין מאַרק אַ ברויט.

יענער האָט אָנגעמאָסטן דאָס היטל און דערלאַנגט מיר אַ ברויט. דער צווייטער האָט דערזען, אַז יענער האָט געקויפט, האָט ער זיך אויך אָנגעטאָן אַ היטל און מיר אויך געגעבן אַ ברויט. דער דריטער האָט זיך אָנגעשטעקט פון די ערשטע צוויי און נאָכגעטאָן זייער ביישפּיל. דאָס שעכטעלע איז געוואָרן ליידיק פון די היטלען; אויף זייער אָרט האָב איך אַריינגעלייגט די דריי ברויטן, צוריק אַרומגעבונדן דאָס שעכטעלע און געגאַנגען אַהיים. איך בין אַריינגעקומען אין שטוב מיט דעם זעלבן פאַרמאַכטן שעכטעלע, מיט וועלכן איך בין אַוועק, עס אַנידערגעשטעלט אויפן טיש און זיך גענומען אויפבינדן דאָס שטריקל. מרים האָט זיך צוגעקוקט מיט אַ פאַרשנדיקן בליק: פון איין זייט זעט זי דאָס זעלבע פאַרבונדענע שעכטעלע, פון דער צווייטער זייט דערקענט זי אין מיין פּנים אַ מונטערע שטימונג. אָבער איך

האָב גאָרנישט געזאָגט, נאָר אויפגעבונדן און אַרויסגענומען אַ ברויט, שפּעטער דאָס צווייטע און באַלד טאָקע דאָס דריטע. אויף מרימס פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל: זי האָט שוין געהאַט אויף אַ לענגערע צייט ברויט צו די מאָלצייטן.

דאָס האָט געקענט געשען נאָר דעמאָלט, ווען דאָס געטאָ האָט נאָך נישט „געקלאַפּט ווי אַ זייגער", ווען די בעקערייען זענען נאָך נישט געווען באַזעצט פון דער געטאָ־פּאָליציי און פון רומקאָווסקיס קאָנטראָלערן — נאָך אין יאָר 1940.

## מרים פּאַרטיילט זיך אַליין

אין יאָר 1943 האָבן מיר געוווינט אויף דער בזשעזשינער גאַס נומער 5. אַלע זענען מיר יעדן פרימאָרגן אַוועק צו דער אַרבעט אין דער הוטפאַבריק. דאָס געטאָ האָט שוין דעמאָלט יאָ „געקלאַפּט ווי אַ זייגערל", אַזוי ווי רומקאָווסקי האָט עס מיט דריי יאָר פריער פאָרויסגעזאָגט. דער טויט־הונגער האָט זיך שוין געהאַט טיף אַריינגעשניטן אין דעם לעבן פון טויזנטער יידן. אין יענער צייט בין איך כסדר אַרומגעגאַנגען מיט דעם פּחד, אַז דער הונגערטויט זאָל זיך אַריינרייסן צו מיר אין שטוב אַריין. מרים פלעגט יעדן מיטגעבן צוויי שטיקלעך ברויט אויף פרישטיק, צו עסן ביי דער אַרבעט אין פאַבריק. זי האָט אויסגעזען זייער שלעכט, וואָס אַ טאָג ערגער. האָב איך זיך באַראָטן מיט אונדזער עלטערער טאָכטער גיטעלען, וועגן דעם וואָס די מוטער פאַרטיילט נישט ריכטיק די פּאָרציעס ברויט.

מרים

גיטעלע איז אַלט געווען 20 יאָר, אָבער אין דעם געטאָ־לעבן האָט זי געפילט און פאַרשטאַנען מער, ווי אין נאָרמאַלע צייטן עלטערע פרויען.

— די מאַמע זעט אויס זייער שלעכט, און מיר מוזן זוכן אַן עצה, עפּעס צו טאָן — האָב איך געזאָגט צו איר.

— וואָס איז דער ווונדער — זאָגט גיטעלע — אַז זי גיט יעדן צוויי דיקערע שטיקלעך ברויט אויף פרישטיק, בלייבט שוין פאַר איר בלויז

פון לינקס צו רעכטס: מרימס מוטער — דבורה צוקער־פרידמאַן; מרימס שוועגערין — חנה צוקער־קראַמאַזש; מרימס ברודער — משה צוקער (אַלע זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס)

דיניטשקע פענעצלעך. — מיר האָבן באַשלאָסן צוצונעמען ביי איר די אויפגאַבע פון פירן די הויז־דערנערונג. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך וועל פאַרטיילן דאָס ברויט. וכך הווה; אין שטוב איז געווען אַ וואָגל, האָב איך אָפּגעוויגן פאַר יעדן פונקט 15 דק״ג ברויט מיטצונעמען אויף פרישטיק אין פאַבריק אַריין. ווען מען איז געקומען פון פאַבריק, האָב איך אָפּגעוויגן 5 פאָרציעס צו 5 דק״ג ברויט פאַר יעדן, צו עסן מיט דער זופּ, און ביי נאַכט,

אויף „קאַלאַציע“, ווידער צו 5 דק"ג ברויט. אַזוי אַרום האָט יעדער פון אונדז געמוזט אַליין אויפעסן זיין טעגלעכע פּאָרציע.

ווען מרים פלעגט דערלאַנגען די זופּ אין שטוב, פלעגט זי אין יעדנס טעלער אַריינלייגן צו עטלעכע שטיקלעך קאַרטאָפל. פון דעמאָלט אָן האָבן מיר אויך דאָס געענדערט, און יעדעס מאָל, ווען מרים האָט אַוועקגעשטעלט די טעלערס זופּ אויפן טיש, האָט זיך קיינער נישט צוגערירט צום עסן ביז מען האָט נישט אויסרעגולירט. די קינדער האָבן געקענט זיין ווי הונגעריק, האָבן זיי זיך באַהערשט און צוגעוואַרט. גיטעלע האָט אַריינגעקוקט אין די טעלערס און געציילט די שטיקעלעך קאַרטאָפל אין יעדן פון זיי. זי האָט טאָקע טייל מאָל די מוטער „געכאַפּט ביי דער האַנט“, און צוריקגעשטעלט די גלייכקייט. אַזוי האָבן מיר זיך שוין געפירט כסדר, און מרים איז שוין געווען נישט הונגעריקער ווי מיר אַלע.

ווי פּאַכמענער אין אונדזער בראַנזשע, אין דער הויפּט־אָפּטיילונג, זענען מיר ביידע, איך און גיטעלע, געווען פּאַך־אינסטרוקטאָרן. אָפט פלעגן מיר באַקומען פון נאַכטשטערנען אַ „טאַלאָן“. ווען איינער פון אונדז האָט אָפּגענומען אויף דעם „טאַלאָן“ די 5 דק"ג צוקער אָדער עטלעכע דק"ג קאַשע, האָבן מיר דאָס גלייך אָפּגעגעבן מרימען און זי האָט די קאַשע אַריינגעשיט אין דעם טעפּל זופּ, דעם צוקער האָט זי אַריינגעטאָן אין טעפּל „קאַווע“ פאַר אַלעמען.

אין נאָרמאַלע צייטן איז אַזאַ אופן פון משפּחה־צוזאַמענגעבונדנקייט נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך, אָבער אין די באַדינגונגען פון שרעקלעכן הונגער אין לאָדזשער געטאָ האָט מען געמוזט קעמפן מיט זיך אַליין — צו באַהערשן זיך און גובר זיין דעם הונגער לטובת אַלע אין דער משפּחה.

## אין דער גרעסטער נויט פאַרקויף איך דאָס ברויט

דעם לעצטן זומער אין לאָדזשער געטאָ, אין חודש יוני 1944, ווען מיר פלעגן קומען פון דער אַרבעט און זיך אַוועקזעצן „עסן“ די טעלערס וואַסער־זופּ, פלעג איך מיט צופרידנקייט קוקן אויף מיין „גאַנצן טיש“. איך פלעג זיצן ביים טיש אויבן אָן, מרים — דערלאַנגען דאָס „עסן“, גיטעלע —

קאָנטראָלירן די „געדיכטקייט" אין די טעלערס, און מיר פלעגן פּראָווען אַלע צוזאַמען די סעודה. פון שבת און יו"ט האָבן מיר שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן. אַפּילו ראש־השנה און יום־כפור האָט מען אויך געמוזט גיין אין „רעסאָרט" צו דער אַרבעט. מרים האָט אויך געהאַט פאַרגעסן פון כשר־מאַכן פלייש, זי איז געווען גליקלעך ווען מען האָט איין מאָל אין 10 טעג באַקומען 10 דק"ג פערדפלייש מיט ביינער. (ווי אַזוי ס'איז דער דין כשר צו מאַכן פערדפלייש האָט זי ביי אונדזערע פרומע עלטערן נישט געלערנט). אָבער יעדן טאָג, וואָס מיר זענען אַלע געזעסן ביים טיש, איז ביי מיר געווען אַ לעבנס־געווינס, אַ „יום שכולו שבת".

ס'איז אונדז שוין געלונגען אַדורכצומאַכן קנאַפּע פינף יאָר פון דער דייטשישער „אָרדענונג", פון דעם טויט־הונגער און די אויסזידלונגען. אין געטאָ איז שוין נישט געווען כמעט קיין איין גאַנצע משפחה. אין טייל שטיבן איז נאָר געבליבן אַן איין און איינציקער מענטש, אין אַנדערע — צו צוויי, העכסטנס דריי מענטשן פון אַ גרויסער פאַרצווייגטער משפחה. טייל זענען געשטאָרבן פון הונגער, אַנדערע זענען אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייערע משפחות אין די „ווישעדלעניעס". בלויז די געטאָ־פּאָליציאַנטן און די סאַמע נאָענטסטע מיטאַרבעטער פון רומקאָווסקין און גערטלערן האָבן נאָך געהאַט גאַנצע פאַמיליעס, אָבער איך מיט מיין משפחה, מיר זענען געווען נאָר פּראָסטע אַרבעטער אין דער הוטפאַבריק, און דאָך זענען מיר געבליבן צוזאַמען. אָט דער דאָזיקער פאַקט, ווי אויך אונדזערע קעגנזייטיקע געטריי־שאַפט, האָבן שטילערהייט געפרייט מיין האַרץ.

אָבער פּלוצלינג זענען מיר געוואָרן אָוועקגעשטעלט פאַר אַ שווערן נסיון: די יינגערע טאָכטער אונדזערע איז געוואָרן קראַנק. זי ליגט אין בעט מיט היץ, זי קען נישט עסן. איר מויל איז פאַרשלאָסן, איר פּאָרציע ברויט בלייבט ליגן נישט גערירט אַ טאָג און צוויי.

די 14 יעריקע שיינדעלע פלעגט יעדן טאָג גיין מיט דער מוטער אַרבעטן אין דער הוטפאַבריק. קומענדיק אין דער פאַבריק פלעגט זיך שיינדעלע אָפּטיילן, מרים פלעגט אַריין אין דער צושניידעריי פון די קינדער־היטלען און שיינדעלע אין דער פאַכשול פון דער הוט־אָפּטיילונג, ווו מען האָט געלערנט די יוגנטלעכע דאָס פאַך. ערשט יענע וואָך איז שיינדעלע אין מיטן

טאָג אַריינגעקומען אין דער צושניידעריי מיט גרויס פרייד און געוויזן מרימען אַ שיינעם דאַמען־הוט, וואָס זי אַליין האָט מיט אירע הענטלעך געמאַכט.

און איצט ליגט שיינדעלע אין בעט און אויף מרימען גרוילט די הויט, ווייל אויף די „ווישעדלעניעס" זענען שטענדיק די ערשטע גענומען געוואָרן די קראַנקע. מוז מען די קראַנקייט אויסבאַהאַלטן ווי אַ סוד, מען דאַרף אַליין זוכן מיטלען צו ראַטעווען דאָס קינד.

— איך וואָלט איר אָפּגעקאָכט אַ ביסעלע קליי־זופּ, כאָטש אַ פּאָר לעפּעלעך היימישע זופּ, אַז זי זאָל נישט ליגן אַזוי פאַרשמאַכט אין דער היץ — האָט מרים געזאָגט צו מיר מיט טרערן אין די אויגן. אָבער ווו איז דאָס בנמצא אין געטאָ?

— אפשר זאָל מען פאַרקויפן איר ברויט אין דעם „שפּייז־געוועלב" פאַר עטלעכע דעקאָ קאַשע? — פרעגט מיך מרים.

ביי די דאָזיקע ווערטער האָב איך זיך דערמאָנט אין דער מעשה פון עקידת יצחק: פונקט אַזוי ווי אַברהם אבינו האָט פּלוצלינג דערזען אין די געדיכטע צווייגן דעם שעפּס צו דער עקידה, אַזוי האָב איך איצט געקוקט אויף דעם ברויט, וואָס שיינדעלע האָט שוין דעם צווייטן טאָג נישט אָנגערירט.

## די שוואַרצע „ברויט־בערזע" אין לאָדזשער געטאָ

שוין אַ לענגערע צייט האָב איך אין פאַבריק ביי דער אַרבעט געהערט דערציילן, אַז אין געטאָ עקזיסטירן „שפּייזגעוועלבער". איך האָב דאָס אויפגענומען ווי אַן אויסטערלישע לעגענדע: אין דעם לאָדזשער געטאָ אין די יאָרן 1943—44 עקזיסטירן נאָך שפּייזגעוועלבער? די אָרעמע שפּייז־געוועלבלעך און סטראַגאַנעס מיט טאָרבעלעך שפּייז, וואָס מען האָט געזען אין דעם ערשטן געטאָ־יאָר, זענען שוין לאַנג ליקווידירט געוואָרן. די אַלע געטאָ־„סוחרים" זענען דעמאָלט אויסגעזידלט געוואָרן און מען הערט גאָר נישט וועגן זייער גורל. איז פון וואַנען נעמט זיך איצט אין געטאָ שפּייז־געוועלבער? אָבער די קלאַנגען האָבן זיך עקשנותדיק איבערגעחזרט, און

מען האָט געטענהט, אַז די נייע געטאָ־סוחרים פירן זייערע געשעפטן מיט דער הילף פון די דייטשן, אַז די געסטאַפּאָ אַליין פאַרקויפט זיי געוויסע שפּייז־אַרטיקלען פאַר גאָר אַ הויכן פּרייז, אַזוי אַז זייערע „שפּייזגעוועלבער״ זענען האַלב־לעגאַל. די מענטשן, וועלכע האָבן פאַרשפּרייט די נייעס, האָבן געקענט אויסרעכענען אַ צוויי־דריי אַדרעסן פון אַזעלכע געוועלבער, איינס פון זיי אויף דער בזשעזשינער גאַס נומער 3, ביי גליקסבערגן.

דער נאָמען גליקסבערג איז מיר געווען באַקאַנט נאָך פון פאַר דער מלחמה, פון דער צייט, ווען איך האָב געוווינט אויף פּיטריקאָווער 58 אין הויף און גליקסבערג האָט דאָרט אין פראָנט געהאַט אַ געוועלב. זענען מיר דעמאָלט געווען שכנים און אויך אין געטאָ זענען מיר ווידער געוואָרן שכנים, איך וווין אויף בזשעזשינער גאַס נומער 5, ער אונטערן נומער 3. כאָטש קיין שום געמיינזאַמס האָב איך קיין מאָל נישט געהאַט מיט אים, נישט אַ מאָל אין שטאָט און נישט היינט אין געטאָ, דאָך איז דער נאָמען מיר געווען באַקאַנט. אין אונדזערע הונגער־ראַנגלענישן האָבן מיר אפילו נישט געקענט חלומען אַריינצוגיין אין אַ געטאָ־קראָם און צוקויפן עפּעס־וואָס שפּייז. איך פלעג טאָגטעגלעך פאַרבייגיין דאָס הויז אויף בזשעזשינער 3 און לויט די קלאַנגען האָב איך געוווּסט, אַז אין טויער אויף לינקס געפינט זיך גליקסבערגס „שפּייזגעוועלב״. יעדעס מאָל פלעג איך כאַפּן אַ בליק דאָרט אַהין. די טיר איז שטענדיק געווען פאַרמאַכט, און איך האָב שוין געטראַכט, אַז אפשר איז דאָס בלויז אַ פּליאָטקע, אַזוי ווי אַלע גערעדערייען אין פאַרמאַכטן געטאָ. די פּליאָטקעס וועגן די שפּייזגעוועלבער ווערן אָבער אויך באַגלייט מיט ציפערן פון דער „שוואַרצער ברויט־בערזע״: אַ מאָל, זאָגט מען, קאָסט אַ קילאָ ברויט „בלויז״ 500 מאַרק, אַ מאָל שפּרינגט דער פּרייז ביז 800 מאַרק. און וואָס פאַר אַ באַדײַטונג האָבן די פּרייזן פון דער „בערזע״, ווען איך פאַרדין 20 מאַרק אַ וואָך, און דאָס סטייעט פונקט אויף אויסצוקויפן די „ראַציעס״? ווען אַפילו איך זאָל אָפּשפּאָרן אַ מאַרק אַ וואָך, דאַרף איך שפּאָרן 500 וואָכן צו קענען קויפן איין ק״ג ברויט אויפן שוואַרצן מאַרק.

איז דאָך פאַר מיר אַלץ איינס, אויב אויף דער שוואַרצער בערזע שטייט אַ ק״ג ברויט 500 אָדער 800 מאַרק. אין די געטאָ־„קאָאָפּעראַטיוון״ באַקומט

מען 2 ק״ג ברויט פאַר אַ מאַרק, און די געטאָ־אפּראָוויזאַציע טיילט צו אַ ברויט פון 2 ק״ג „אויף אַ קאָפּ״ אויף 8 טאָג, און דאָס מוז מען זיך צעטיילן צו 25 דק״ג טעגלעך, אַז מען זאָל אויסהאַלטן ביז צום „פרישן״ ברויט. צוצוקויפן אויף „שוואַרץ״, אַפילו בלויז עטלעכע דק״ג, איז נישטאָ קיין שום מעגלעכקייט.

אין דער הינזיכט האָט דאָס לאָדזשער געטאָ, די לעצטע יאָרן „געקלאַפּט ווי אַ זייגערל״. דער גרויסער אַפּאַראַט פון רומקאָווסקיס און גערטלערס אַדמיניסטראַציע און פּאָליציי האָט שטרענג באַזעצט אַלע שפּייזפּונקטן און בעקערייען; זיי האָבן געהיטן די צוטיילונגען, אַז אַפילו פון קיין איין „איבעריקער״ קאַלאָריע־דערנערונג זאָל דער יידישער אַרבעטער נישט קענען געניסן.

אָבער אין די טיפענישן פון דעם געטאָ־תהום, איבער די קעפּ פון רומקאָווסקיס אַדמיניסטראַציע, האָבן די דייטשן אַליין געפירט שוואַרצע עסקים מיט קליינע קוואַנטומס שפּייז־אַרטיקלען, כדי צו באַרייכערן זייערע אייגענע קעשענעס. אפשר האָט דאָס זיי געדינט אויך פאַר אַ סיסטעם פון שפּיאָנאַזש, כדי גענוי נאָכצופאָלגן דעם צושטאַנד פון דעם אויסשטאַרבנדיקן געטאָ. אַזוי צי אַזוי, דער פאַקט איז, אַז אַזעלכע קליינע פּונקטן פון שוואַרץ־האַנדל מיט שפּייז־אַרטיקלען, מיט דער אַקטיווער אָנפירונג און אונטערן אויפזיכט פון די דייטשן, האָבן אין דעם לאָדזשער געטאָ עקזיסטירט.

אין איינעם אַזאַ פּונקט האָט מיך אַריינגעפירט מיין טאָכטערס קראַנקייט. כדי צו ראַטעווען איר לעבן, בין איך דעם לעצטן זומער אין געטאָ אָנגעקומען אין גליקסבערגס „שפּייזגעוועלב״.

## „מטל השמים ומשמני הגעטאָ״

שיינדעלע ליגט אין בעט קראַנק און אירע צוויי פּאַרציעס ברויט פון צוויי טעג ליגן גאַנץ.

— וואָס ווילסטו קויפן פאַר איר ברויט? — פרעג איך מרימען — וואָס דאַרפסטו האָבן אויף אָפּצוקאָכן פאַר איר אַ ביסל קלייזפּ?

און זי רעכנט מיר אויס:

— איך וואָלט געוואָלט, ווען דו קאָנסט מיר ברענגען כאָטש 5 דק״ג מאָנע־קאַשע, אַ דעקאַ פּוטער, עטלעכע שוואָמעלעך, אַ ביסל טיי, אַ ביסל צוקער און אַן עפּעלע; וואָלט איך אָפּגעקאָכט אַ שיטער ביסעלע קליי, עטלעכע לעפעלעך געצוקערטע טיי און וואָלט איר אָנגעשאָבן דאָס עפּעלע, זי זאָל נישט ליגן אַזוי פאַרשמאַכט.

איך האָב גענומען אין זכרון אַריין די אַלע אויסגערעכנטע אַרטיקלען און געפרעגט:

— ווי קלערסטו, פאַר דעם ½ קילאָ ברויט וועל איך ביי גליקסבערגן דאָס אַלץ קענען איינקויפן?

זי האָט מיך אָנגעקוקט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און צום סוף געזאָגט:

— ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן? נעם צו פון מיין ברויט אויך צו 20 דק״ג אַ טאָג, פון צוויי טעג וועסטו האָבן נאָך 40 דק״ג, מיט אירע 50 דק״ג וועט זיין צוזאַמען 90 דק״ג. דאָס איז שוין כמעט אַ קילאָ ברויט. פאַר דעם, רעכן איך, וועסטו שוין קענען באַקומען אַלץ, וואָס איך האָב דיר געזאָגט.

— וואָס? דו ווילסט לעבן בלויז מיט 5 דק״ג אַ טאָג?

— בלויז די צייט פון איר קראַנקייט; גאָט זאָל מיר נאָר העלפן, ס׳זאָל איר בעסער ווערן, ס׳זאָל איר איבערגיין דער קריזיס, אַז זי זאָל צוריק קענען אַליין עסן איר פאַרציע ברויט.

מרים איז געווען גרייט זיך מקריב צו זיין, אַבי צו ראַטעווען איר קינד. איך האָב נישט געקענט אָננעמען איר פאָרשלאָג, אָבער איך האָב זיך אָנגעכאַפּט אין דעם פלאַן פון צולייגן פון אונדזערע אַלעמענס פאַרציעס צו שיינדעלעס ½ ק״ג ברויט. האָב איך זיך אָנגערופן:

— אפשר וואָלט געווען אַ פלאַן, אַז אַלע זאָלן מיר פאַרקלענערן אונדזערע פאָרציעס ברויט, נישט מיט פיל, בלויז מיט 5 דק״ג טעגלעך; פון אונדז אַלע צו 5 דק״ג, וועט אויך זיין 20 דק״ג טעגלעך און פון 2 טעג צו 20 דק״ג איז אויך 40 דק״ג, מיט שיינדעלעס האַלבן קילאָ ברויט איז דאָס אויך שוין 90 דק״ג.

אויף מרימס פּנים האָט זיך באַוויזן אַ צופרידענע מינע. מיין פּראָפּאָזיציע איז איר געפעלן, און אַז מיר האָבן דערציילט וועגן דעם פלאַן די עלטערע

קינדער, האָבן זיי נישט געוואַגט זיך קעגנשטעלן און גלייך מסכים געווען. פונקט אַזוי ווי מיר, די עלטערן, האָבן אויך די קינדער פאַרשטאַנען, אַז מיר מוזן זיך אַלע אַליין באַשרענקען. דאָס האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט צו ווערן אַ גרויסער „סוחר" אין דעם „שפּייזגעוועלבל" ביי גליקסבערגן.

ווען איך בין אַריין אין „שפּייזגעוועלב" און געוויזן, אַז איך האָב צו פאַרקויפן כמעט אַ גאַנצע קילאָ ברויט, האָט מיך דער סוחר געפרעגט: וויפל געלט ווילט איר, וויפל „רומקעס" זאָל איך צאָלן?

איידער איך האָב געענטפערט, בין איך געבליבן אַ מינוט פאַרטראַכט, זיך אַרומגעקוקט אין צימער און געזוכט דאָס געוועלב, אָבער איך האָב געזען בלויז אַ גרויע אומעטיקע געטאָ־שטוב, פונקט אַזאַ ווי אַלע געטאָ־שטיבן. נישטאָ קיין שפּייז, קיין וואָג, קיין סימן פון אַ שפּייזגעוועלב. שטיי איך פאַרגאַפּט, איך פרעג ביי זיך אַליין: דאָס איז דאָס שפּייזגעוועלב, וועגן וועלכן מען האָט אַזוי פיל דערציילט ביי דער אַרבעט אין פאַבריק? ערשט ווען איך האָב זיך אויסגעדרייט צו דער רעכטער זייט, האָב איך באַמערקט די צוויי קליינע פאַכלעך פון רויע, שמוציקע ברעטלעך, אויף וועלכע עס זענען געווען אויסגעשטעלט עטלעכע קליינע פאַפּירענע בייטעלעך מיט שפּייז. טייל זענען געווען אָנגעפילט אין דער העלפט, אַנדערע האָבן געהאַט בלויז צו ביסלעך שפּייז אויפן דנאָ. בין איך שוין געוואָרן דרייסטער און האָב גליקסבערגן געענטפערט:

— איך וויל נישט קיין געלט פאַר דעם ברויט, איך וויל בלויז עטלעכע קלייניקייטן: 10 דק"ג „מאַנע־קאַשע", אַ 2 דק"ג פּוטער — און איך רעכן אים אויס די אַלע קלייניקייטן, וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק פון מרימען. לאַכט ער מיר אין די אויגן אַריין:

— זענט איר פאַרנאַרט, צי ווילט איר מיך מאַכן פאַר אַ נאַר? דאָס איז ביי אייך קלייניקייטן? ברויט איז טאַקע טייער אין געטאָ, אָבער די אַלע קלייניקייטן זענען צענפאַכיק טייערער. דאָס איז דאָך אין גאַנצן נישטאָ אין געטאָ.

— איך ווייס, אַז דאָס איז נישטאָ אין געטאָ, דערפאַר בין איך דאָך געקומען צו אייך. ביי אייך איז דאָך דאָס יאָ פאַראַן.

נאָך דעם האַנדל, אַ וואָרט פאַר וואָרט, האָט דער סוחר גענומען אַ בליי

און אָנגעהויבן באַרעכענען. ער האָט אויסגעפירט, אַז ער קען מיר דאָס אַלץ געבן, נאָר אין פאַרקלענערטע קוואַנטומס; אַנשטאָט 10 דק״ג „מאַנע־קאַשע״ — בלויז 6 דק״ג, אַנשטאָט 2 דק״ג פוטער — בלויז 1 דק״ג אאַז״וו. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך אַ ביסל „געקווענקלט״, אָבער אינערלעך בין איך געווען צופרידן און האָב צוגעשטימט צו זיין פּראָפּאָזיציע. ער האָט מיר צוגעוויזן דעם „טראַנספּאָרט״ שפּייז־אַרטיקלען, דערנאָך האָט ער פון אַ ווינקל, פון אונטערן טיש מיר דערלאַנגט אַן „עפּל״, גרויס ווי אַ וועלשענע ניס. האָב איך דאָס אַלץ אַהיימגעברענגט און מרים האָט גלייך צוגעשטעלט די קלייזופּ פאַר שיינדלען.

אַזוי האָבן מיר געלעבט אַ גאַנצע וואָך צייט, ביז דער קריזיס איז אַוועק, און שיינדעלע האָט אַליין אָנגעהויבן עסן איר אייגענע פּאַרציע ברויט. זי איז געזונט געוואָרן, און ווידער אָנגעהויבן גיין מיט דער מוטער אין דער הוט־אָפּטיילונג צו דער אַרבעט. דאָס לעבן איז צוריק אַריין אין די נאָרמאַלע געטאָ־ראַמען. מרים פלעגט אָפּקאָכן די זופּ, נאָך דער אַרבעט, מיר פלעגן זיצן ביים טיש, און ווידער איז מיין „טיש געווען גאַנץ״, ווידער האָט מיין האַרץ געטראָגן די טיפע סאַטיספאַקציע פון האָבן איינגעהיטן אַ גאַנצע משפחה.

אָבער מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער זענען די געטאָ־רעסאָרטן געשלאָסן געוואָרן, צווישן זיי -- אויך די הוט־אָפּטיילונג. אין אויגוסט 1944 האָט זיך אָנגעהויבן די אַלגעמיינע ליקווידאַציע פון לאָדזשער געטאָ און אויך די „ליקווידאַציע״ פון מיין „גאַנצן טיש״.

## ווען נאַכטשטערן האָט פאַרלאָסן די טיר

די גאַנצע משפחה זעץ האָט געאַרבעט אין דער הוט־אָפּטיילונג: דער פאָטער, די טעכטער און דער זון. דער פאָטער האָט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געהאַט אַ געוועלב פון היטלען אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס נומער 34. ווען ער איז אָנגעקומען אין דער הוט־אָפּטיילונג, איז ער שוין געווען שוואַך און קראַנק און געשטאָרבן נאָך אַ קורצער צייט. אָבער

זיין טאָכטער, די פרוי צילה ליסקער, און זיין זון, האָבן געאַרבעט אין דער פאַבריק ביז דער ליקווידאַציע.

איין טאָג, אין פרילינג 1944, ווען איך בין צופעליק געווען אין דער קאַנצעלאַריע ביי נאַכטשטערנען, איז אַריינגעקומען דער יונגער זעץ. נאַכטשטערן האָט זיך אַרומגעקוקט, צי עס איז נישטאָ אין צימער קיין אַגענט פון דער „קריפאָ" (קרימינאַל־פּאָליציי) און פאַרשלאָסן די טיר.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך געזען נאַכטשטערנען פאַרשליסן די טיר פון זיין קאַנצעלאַריע. זעץ האָט גלייך אַרויסגענומען פון זיין וועסטל־קעשענע אַ צעטעלע, געלייענט עטלעכע זאַצן, און די אַרומיקע מענטשן האָבן זיך צוגערוקט נענטער און אויך צוגעהערט. דאָס זענען געווען די לעצטע ידיעות פון די פראָנטן, אויפגענומענע אויף די געהיימע געטאָ־ראַדיאָס: די דייטשן טרעטן אָפּ, זיי ליידן כסדרדיקע מפּלות. די גוטע נייעס האָבן אַלעמען דערמוטיקט און געגעבן די האָפענונג אויף אַ שנעלער באַפרייונג פון דער טורמע, וואָס האָט זיך גערופן לאָדזשער געטאָ און אַ ווייסטע מפּלה פאַר די דייטשן.

פאַר זיין געוואַגטקייט אין איבערגעבן די מונטערנדיקע ידיעות, האָט זעץ באַקומען פון נאַכטשטערנען אַ צעטעלע אויף אַ זופּ אין דער קיך פון דער פאַבריק.

אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן די דייטשן אַנטדעקט די געטאָ־ראַדיאָס און די מענטשן, וואָס פלעגן זיי אויסהערן, אַרעסטירט, געפּייניקט און דערמאָרדעט. פון דעמאָלט אָן איז דאָס געטאָ געוואָרן אין גאַנצן איזאָלירט פון דער דרויסנדיקער וועלט.

## צווישן אילוזיעס און אַנטוישונג

זומער 1944 איז אין דעם לאָדזשער געטאָ שווער געוואָרן איינצוהאַלטן אַ יעטווידע אָביעקטיווקייט אין דער אָפּשאַצונג פון די אויסזיכטן פאַרן המשך פון קיום. מען האָט געזען און געוווסט, אַז דער פראָנט איז שוין נישט ווייט פון לאָדזש, אַז די דייטשן ליידן ווייסטע מפּלות און אַז זיי וועלן אַ ליאָדע טאָג פאַרשפּילן די מלחמה. נאָך איין גרויסע אָפּענסיווע פון די

קאַליציע־אַרמייען וועט זיי צווינגען אָפּצוטרעטן אויך פון לאָדזש און די אַכציק טויזנט יידן פון געטאָ וועלן זיין געראַטעוועט. אַזעלכע גוטע אויס־זיכטן האָט מען אין די אַלע פיר יאָר אין געטאָ נישט געהאַט.

די האָפענונגען זענען געווען אַזוי גרויס, אַז אַ חבר פון די לינקע פועלי־ציון האָט מיר איבערגעגעבן, אַז די טעג וועט מען מיך פאַרבינדן מיט נאָך צוויי חברים, כדי צו שאַפן אַ „דרייערל״. דאָס האָט געזאָלט זיין איינע פון די קעמערלעך פאַרן זעלבשוץ אין פאַל פון ווען פאַרטיליקן דאָס געטאָ איידער די דייטשן טרעטן אָפּ פון דער שטאָט. וועגן דעם איז געווען אַ פאַרשטענדיקונג צווישן אַלע געהיימע אַרבעטער־באַוועגונגען.

ס׳קומט ענדלעך פאַר אַן ענדערונג אין אונדזער איזאָלירטן, פאַרוויסטן געטאָ־לעבן, האָב איך זיך געטרייסט. דאָס געטאָ איז נאָך אַלץ געווען אַ פאַרשלאָסענע טורמע און יעדע 50 מעטער איז געשטאַנען אַ באַוואָפנטער דייטשישער רוצח און געהיט ביי די געטאָ־דראָטן. אויך אין דעם געטאָ גופא האָבן ווייטער געהערשט די דייטשן, די געטאָ־פּאָליציי און די זאָנדער־פּאָליציי. הגם דער מזרח־פראָנט האָט זיך „דערוייל״ אָפּגעשטעלט ביי דער ווייסל, האָבן די דייטשן נישט אָפּגעשטעלט די אויסזידלונגען אין געטאָ.

אין יענער צייט, אין יולי 1944, האָב איך געהערט אַזעלכע קעגנ־זעצלעכע אָפּשאַצונגען פון דער גרויליקער יידישער לאַגע, אַז זיי האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון.

פון דוד נאַכטשטערנען — בשם אומרים — האָב איך געהערט זייער אַן אָפּטימיסטישע אָפּשאַצונג וועגן דעם גורל פון לאָדזשער געטאָ. אין גאַנצן אַנדערש האָט אָפּגעשאַצט דעם מצב גאָלדקראַנץ, דער אינסטרוקטאָר פון דער פודערניטשקעס־אויסאַרבעטונג אין דער הוטפאַבריק. אין יענע טעג האָט ער געזאָגט צו מיר:

— איר ווייסט, ערליך, אַז דאָס לאָדזשער געטאָ איז דאָס איינציקע געטאָ וואָס עקזיסטירט נאָך היינט אין גאַנץ פוילן.

איך האָב אָנגעקוקט דעם הויכן, ברייטביינערדיקן יונגן מאַן מיט אַ גרויסן אומצוטרוי און אומגלויבן. איך האָב זיך געוווּנדערט וואָס ער רעדט מיט מיר, ווייל איך האָב קיין מאָל נישט געהאַט מיט אים גאָרנישט קיין געמיינזאַמס. אין דער הוט־אָפּטיילונג זענען געווען קלאַנגען, אַז מען דאַרף

צו אים נישט האָבן קיין צוטרוי. ס׳האָט מיך אויך פאַרדראָסן, וואָס ער זאָגט דאָס אַזוי גלייכגילטיק האַלטנדיק זיין צוויי־יאָריק קינד אויף זיין אָרעם. ער האָט געזען, אַז איך קוק אויף אים מיט פאַרוווּנדערונג, האָט ער נאָך אַ מאָל דערקלערט:

— יאָ, יאָ, אין גאַנץ פוילן איז שוין נישטאָ מער קיין יידן, קיין יידישער געטאָ עקזיסטירט נישט מער. דאָס לאָדזשער געטאָ איז דאָס איינציקע געטאָ וואָס עקזיסטירט נאָך...

איך האָב בשום אופן דאָס נישט געקענט באַגרייפן. קען דאָס געמאָלט זיין, אַז דורך די עטלעכע יאָר, וואָס מיר זענען געווען אָפּגעשלאָסן אין לאָדזשער געטאָ, האָבן די דייטשן געוואָגט און באַוויזן אויסצומאָרדן אין הונדערטער שטעט, שטעטלעך און דערפער מיליאָנען יידן?

אין אַ צוויי וואָכן שפּעטער, ווען איך בין אין אַ געוויסן טאָג אַריינ־געגאַנגען אין דער קאַנצעלאַריע פון דער הוט־אָפּטיילונג, האָב איך דאָרט געטראָפן עטלעכע היימישע פון דער פאַבריק שמועסן מיט נאַכטשטערנען. מען האָט זיך נישט געאיילט צו דער אַרבעט, נאָר געשמועסט אין מיטן טאָג וועגן דער מלחמה־לאַגע און וועגן יידישן גורל.

די „ווישעדלעניעס" האָבן זיך גראָד געהאַט אָפּגעשטעלט במשך פון דער פאַריקער וואָך. דאָך זענען דער צווייפל און די אומזיכערקייט נישט אָפּגעטראָטן. פאַרדעכטיק איז אויך געווען דאָס, וואָס דער ריגאָר פון דער אַרבעט איז געוואָרן לויזער. אַ מאָל האָט רומקאָווסקי געהאַט געזאָגט, אַז דורך אַרבעט וועט דאָס געטאָ איבערהאַלטן די מלחמה־יאָרן, אָבער לעצטנס זענען די רומקאָווסקי־לייט געוואָרן גלייכגילטיק אויף דעם געביט. האָט נאַכטשטערן זיך אָפּגערופן צו די מענטשן אַרום אים:

— רומקאָווסקי האָט געזאָגט, אַז דאָס לאָדזשער געטאָ וועט זיין דאָס איינציקע געטאָ אין פוילן, וואָס וועט איבערהאַלטן די מלחמה.

די דאָזיקע ווערטער האָבן ביי מיר דערוועקט געמישטע געפילן. פון איין זייט, האָבן די ווערטער פון גאַלדקראַנצן באַקומען אַ באַשטעטיקונג פון דעם „עלטסטן" פון געטאָ, פון רומקאָווסקין אַליין. פון דער צווייטער זייט, איז דאָך דאָס עפּעס אַן אויסטערלישע זאַך, גראָד דאָס לאָדזשער געטאָ זאָל איבערהאַלטן? אָבער תוך כדי דיבור, גיט נאַכטשטערן צו זיין מיינונג:

— אויב ס׳וועט זיך אַרויסווייזן, אַז ער איז גערעכט, וועט מען זען, אַז רומקאָווסקי האָט עפּעס אויפגעטאָן.

אָבער אין געציילטע וואָכן שפּעטער האָט זיך שוין אָנגעהויבן די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פון לאָדזשער געטאָ. די הויט־אָפּטיילונג איז געשלאָסן געוואָרן, צוגלייך מיט אַלע געטאָ־פאַבריקן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ביז דער לעצטער מינוט האָט רומקאָווסקי זיך נישט געענדערט. ווייניק דאָס, וואָס ער האָט געהאָלפן די דייטשן מיטן אויסהונגערן און אויסזידלען פון געטאָ ביזן יולי 1944, איז ער נאָך לסוף געוואָרן אַ פאַלשער נביא און ביז צום סוף געבליבן זייער קנעכטישער דינער.

## דער לעצטער טאָג מיט דוד נאַכטשטערנען אין געטאָ

אינעם געטאָ האָט מען גערופן די הויט־אָפּטיילונג — „נאַכטשטערנס רעסאָרט״, אָבער אין דער אָפיציעלער רשימה פון די געטאָ־פאַבריקן ביי דער דייטשישער געטאָ־פאַרוואַלטונג איז זי געווען פאַרשריבן אַלס „באַטריב נומער 30 הויט־אָפּטיילונג״. דעם 1טן אויגוסט 1944, ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן צו ליקווידירן די „באַטריבן״, איז דער גורל געפאַלן קודם־כל אויף דעם „באַטריב נומער 30 הויט־אָפּטיילונג״.

כאָטש די הויטפאַבריק איז געטאָ האָט אַלע יאָרן אַריינגעבראַכט פאַר די דייטשישע סוחרים און פאַר דער געטאָ־פאַרוואַלטונג ריזיקע רווחים און כאָטש די באַפעלקערונג אויף דער אַרישער זייט האָט זיך געניטיקט אין איר פּראָדוקציע, איז דאָך געקומען דער באַפעל פון ליקווידאַציע אויך דאָרט אַהין. יידן האָבן מער בכלל נישט געהאַט קיין רעכט זיך צו געפינען אין דעם „וואָהנגעביט דער יודען״ אין „ליצמאַנשטאַט־געטאָ״. נאָכן שליסן די געטאָ־פאַבריקן, האָט מען אויפגעהערט צו באַקומען די זופּ און די שפּייז־צוטיילונגען, ווייל אויך די קאָאָפּעראַטיוו־געוועלבער האָבן זיך גע־שלאָסן. מיט איין מאָל זענען אויסגערונען געוואָרן די אילוזיעס, וואָס רומקאָווסקי האָט אַלע יאָרן דערוועקט מיט זיין צוזאָג, אַז מיט אַרבעט וועט זיך דאָס געטאָ ראַטעווען פון אונטערגאַנג.

פאַר דער געטאָ־באַפעלקערונג זענען איצט געשטאַנען צוויי טויט־געפאַרן: דער הונגערטויט און „אויסזידלונג". דאָך האָט מען נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן דעם דייטשישן רוצח און מען האָט געקעמפט פאַרן לעבן מיט אַלע כוחות און אינסטינקטן. מיט די בלויזע נעגל האָט מען געריסן די טרוקענע ערד אין געטאָ, כדי צו געפינען עפּעס צו דערנערן זיך, איבערצוקומען דעם טאָג און צייטווייליק כאָטש פאַרטרייבן דעם מלאך־המוות פון הונגער. נאָך ערגער איז געווען מיט דעם געיעג נאָך יידן צו דער

ליקווידאַציע־אויסזידלונג (רומקאָווסקיס אויפרוף דעם 8טן אויגוסט 1944)

אויסזידלונג. דער געראַנגל צווישן לעבן און טויט האָט נישט אויפגעהערט אויף קיין מינוט, און דער „וואָהן־געביט דער יודען" איז כסדר פאַרקלענערט געוואָרן.

אין דער לעצטער וואָך פון אויגוסט זענען די דייטשן געקומען אין הויף פון בזשעזשינער גאַס נומער 5, ווו איך האָב דעמאָלט געוווינט. אין אַ גרויסן צימער, דעם לעצטן אין דעם קאָרידאָר פון דעם דריטן שטאָק, זענען מיר געווען באַהאַלטן עלף פּערזאָן: מיין משפחה פון פינף מאַן, מיין

שוועגערין רוזשע ערליך־בוימגאַרטן, איר טאָכטער דבורה־גיטעלע און מיין שוועגערינס אַ שוועגערין שיינדל בוימגאַרטן מיט איר טאָכטער, איידעם און אייניקל. מיר זענען אַלע געלעגן אין אַ טויט־שטילקייט ווען עס איז געקומען דער געפערלעכער מאָמענט. אין הויף איז געוואָרן אַ טומל און אין דער אימהדיקער שטילקייט האָט מען דייטלעך דערהערט דאָס דייטשישע קול, וואָס האָט איבערגעחזרט עטלעכע מאָל:

— אַלע גייען אַרונטער! אַלע גייען אַרונטער!

מיר האָבן געהערט, ווי זיי הייבן אָן אַרויפצוגיין אויף די שטיגן, ווי זיי גייען אויף דעם צווייטן שטאָק, שפּעטער — אויף דעם דריטן, צום סוף — אין אונדזער קאָרידאָר. זיי בלייבן שטיין ביי מיין פאַרשלאָסענער טיר אין דעם פינצטערן קאָרידאָר, זיי קלאַפּן אָן. קיינער רופט זיך נישט אָן, קלאַפּן זיי שטאַרקער, ווייטער אָן אָן ענטפער.

— דאָ זענען מענטשן באַהאַלטן! — הערט מען פון קאָרידאָר אַ געשפּרעך פון צוויי מענטשן אויף יידיש.

— מען דאַרף אויפהאַקן די טיר! — ענטפערט דער צווייטער.

פאַרשטייען מיר, אַז דאָס זענען די יידישע געטאָ־פּאָליציאַנטן און מיר בלייבן אַלע שטום, קיין פּיפּס. די דייטשן זענען דערווייל אַוועק אין אַנדערע הייף און די יידישע פּאָליציאַנטן האָבן אויף דער אייגענער האַנט אָנגעהויבן מיט העק אויפצוהאַקן די טיר. מיר האָבן נאָך אַלץ עקשנותדיק געשוויגן, און זיי האָבן אַ שעה צייט עקשנותדיק געזעצט מיט די העק אין דער טיר, ביז זיי האָבן זי ענדלעך אויפגעבראָכן. איינער פון זיי איז געווען אַ געטאָ־פּאָליציאַנט און דער צווייטער פון די געטאָ־פייער־לעשער. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג. זיי האָבן אונדז געוואָלט אַראָפּטרייבן און מיר האָבן זיך געווערט. לסוף האָבן מיר זיך ביי זיי אויסגעקויפט מיט אַ זייגערל און אַ פּאָר שיך. זענען מיר שוין דערווייל געבליבן אין שטוב.

אָבער אַ צעהאַקטע, אָפענע שטוב איז שוין מער נישט געווען קיין באַהעלטעניש. האָבן מיר אַלץ איבערגעלאָזן און באַשלאָסן זיך „אַריינצוּיען" אין דער הוטפאַבריק צו נאַכטשטערנען. פּונקט אַזוי, ווי אין דער צייט פון „שפּערע", האָט מיין פרוי מיטגענומען בלויז אַ קישעלע מיט רעשטלעך שפּייז און מיר האָבן זיך „דורכגעשמוגלט" דעם קורצן וועג צו לאַנגעוויניצקאַ

מיין ברודער, פסח־יוסף, מיט זיי־נע 2 קינדער — אַ בילדל פון פאַר דער 2טער וועלט־מלחמה (די גאַנ־צע משפחה אומגעבראַכט דורך די נאַציס)

גאַס נומער 9, ווו ס׳איז געווען אַן אַריינגאַנג אין דער הוטפאַבריק. די הוט־אָפּטיילונג האָט שוין נישט עקזיסטירט זינט דריי וואָכן. די צימערן פון די פאַרשידענע צווייגן זענען געווען ליידיק. בלויז צען מאַן זענען געווען „קאָשאַ־ווירט״ אין דער קאַנצעלאַריע, זיי האָבן באַקומען די טעגלעכע שפּייז־פּראָדוקטן פון דעם באַלוטער פּלאַץ. צווישן די מענטשן איז געווען אויך נאַכטשטערן מיט זיין משפחה. אַז ער האָט דערהערט, אַז איך גיי זיך „אַריינציִען״ מיט מיין משפחה אין איינעם פון די צימערן פון דער פאַבריק, האָט ער שווייגנדיק מסכים געווען. אַזוי האָבן מיר דאָרט „געוווינט״ צוויי טעג. אין דעם זעלבן צימער האָט זיך אויסבאַהאַלטן נאָך איינער פון דער הוטפאַבריק — ליבראַך.

אָבער די דייטשישע „אַקציעס״ פאַר דער „ענדלעזונג דער יודען־פראַגע״ זענען שנעל צוגעקומען אויך צו די צען מענטשן „קאָשאַרירטע״ אין דעם הוטרעסאָרט. פון באַלוטער פּלאַץ איז געקומען דער באַפעל, אַז זיי מוזן זיך צושטעלן צו דער אויסזידלונג. די דייטשן האָבן ווידער פאַר־קלענערט דעם געטאָ־שטח און אַרויסגענומען די זייט פון דער לאַגעווניצקאַ־גאַס מיט אַלע הייזער פון דער הוט־אָפּטיילונג פון דעם תחום פון געטאָ. דעמאָלט בין איך מיט מיין משפחה אַוועק פון דאָרט און געוואַנדערט, זיך אויסבאַהאַלטנדיק אין די ליידיקע געטאָ־שטובן.

און נאַכטשטערן ? אויסגעווייטיקט און דעזאָריענטירט, ווייל מען האָט אַלץ נישט געוווּסט אין געטאָ וווהין מען פאַרשיקט די מענטשן, איז ער מיטגעגאַנגען מיט אַלע. ער מיט זיין פרוי, מיט זיין שיינער, יונגער טאָכטער

און מיט זיין זון לוטעקן — זיי האָבן זיך אַלע צוגעשטעלט צו דער אויסזידלונג.

באַקאַנטמאַכונג נר. 422

וועגן
**איבערטראָגן דאָס געטאָ.**

אויף דעם אָנווייז פון איבערבירגערמייסטער דאַרפן די אַרבעטער פון
**באַטריב 3, שניידעריי, לאַגעווניצקע 53 און**
**באַטריב 4, שניידעריי, זשאַביע 3**
צוזאַמען מיט זייערע **פאַמיליע־מיטגלידער** זיך צו שטעלן
**היינט, אין די שעהן פון 4 ביז 7.30,**
**אין דער צענטראַלער תּפיסה.**

פאַר פּלאַץ און דערנערונג ווערט געזאָרגט.
נאָך דער רעדע פון אַמטסלייטער **הער ביבאָוו** ווערט ערוואַרט, אַז אויך די באַשעפטיקטע אין די שניידער־באַטריבן נר. 1. לאַגעווניצקע 34-36 און נר. 2. לאַגעווניצקע 45. וועלן זיך אָנשליסן אָן דעם דאָזיקן טראַנספּאָרט.

**עס איז דער חוב פּינקטלעך צו קומען!**

(—) מרדכי חיים רומקאָווסקי
דער עלטסטער פון די יידן אין ליצמאַנשטאַט

דער איבערבירגערמייסטער
געטאָ־פאַרוואַלטונג
געצ.: ביבאָוו

ליצמאַנשטאַט־געטאָ, דעם 7 אויגוסט 1944

**Bekanntmachung Nr. 422.**

Betr.:
**Verlagerung des Gettos.**

Auf Weisung des Oberbürgermeisters haben sich die Arbeiter **nebst Angehörigen** von
**der Schneiderei-Hanseatenstrasse 53 (Betrieb III)**
und
**der Schneiderei-Froschweg 13 (Betrieb IV)**

**HEUTE**

in der Zeit von 16–19 Uhr 30 im Zentralgefängnis zu stellen.

Für Unterkunft und Verpflegung wird in jedem Falle gesorgt. Nach der Ansprache des Herrn **Amtsleiter BIEBOW** wird erwartet, dass sich nunmehr diesem Transport auch die Arbeiter der **Betriebe I und II** (Hanseatenstr. 34-36 u. Hanseatenstr. 45) anschliessen.

**Pünktliches Erscheinen ist Pflicht!**

(-) Ch. Rumkowski
Der Aelteste der Juden
in Litzmannstadt

Der Oberbürgermeister
Gettoverwaltung
gez.: BIEBOW.

Litzmannstadt, den 7 August 1944.

# לאַוונדע און דאָס „פּעסל"

פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז לאַוונדע געווען אַן אַקטיווער חבר אין דעם יוגנט־צווייג פון פּועלי־ציון אין לאָדזש. צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע יידן, איז אויך ער אַריינגעטריבן געוואָרן אין געטאָ אַריין, און דאָרט, אין משך פון דעם ערשטן יאָר, איז מיר אויסגעקומען אַ שטיקל צייט צו טרעפן זיך מיט אים טעגלעך. געווען איז דאָס נאָך די ערשטע שטורמישע דעמאָנסטראַציעס אין געטאָ. רומקאָווסקי איז געוואָרן „ווייכער" און גערופן די פאָרשטייער פון די פיר אַרבעטער־פּאַרטייען אין געטאָ. אין רעזולטאַט פון די אונטערהאַנדלונגען האָט ער איבערגעגעבן אין זייער רשות גרעסערע קוואַנטומס ברויט און אַנדערע שפּייז־פּראָדוקטן פון דער געטאָ־אַפּראָווי־

זאַציע, כדי עס פונאַנדערצוטיילן אָן אָפּצאָל פאַר די אויסגעזידלטע, אַר־בעטסלאָזע מענטשן אינעם געטאָ. די פיר אַרבעטער־פּאַרטייען זענען געווען: קאָמוניסטן, „בונד", לינקע און רעכטע פּ. צ. צו דעם צוועק האָבן די דערמאָנטע פּאַרטייען געגרינדעט אַן „עקזעקוטיווע" פון פיר מאַן, צו איין פאַרשטייער פון יעדער פּאַרטיי. דער פאַרשטייער פון דער לינקער פּ. צ. אין דער „עקזע־קוטיווע" איז געווען מ. פעדער, פון די קאָמוניסטן — פּאַצאַנאָווסקאַ. די „עקזעקוטיווע" האָט געגרינדעט צוויי אינסטיטוציעס, כדי פונאַנדערצוטיילן דאָס שפּייז פאַר די נויטבאַדערפטיקע געטאָ־איינוווינער: די „טיי־האַלעס" און די „ברויט־פּאַרטיילונג".

אין די צימערן פון די „טיי־האַלעס" זענען געווען אויסגעשטעלט טישן און בענק. אין די באַשטימטע אָוונט־שעהען האָט מען דאָרט געקענט באַקומען צו צוויי שטיקלעך ברויט מיט האָניק און אַ גלאָז קאַווע אָן אַן אָפּצאָל.

די „ברויט־פּאַרטיילונג" האָט געאַרבעט אויף דעם פאָלגנדיקן אופן: די פיר פּאַרטייען האָבן געשיקט חברים צו דער אַרבעט, די ערשטע דריי פּאַרטייען צו 10 מאַן יעדע, און די רעכטע פּ. צ. — נאָר 5 חברים. זיי זענען באַשטימט געוואָרן אַלס פרייוויליקע מיטאַרבעטער. אויף אַ באַשטימטן טרעפפּונקט פלעגן זיי באַקומען צעטעלעך. יעדעס צעטעלע אויף $\frac{1}{2}$ ק"ג ברויט. די חברים זענען געווען איינגעטיילט אין צווייען. צו צוויי מענטשן פון פאַרשידענע פּאַרטייען פלעגן גיין אין פאַרשידענע געטאָ־טיילן מיט אַ באַשטימטער צאָל ברויט־צעטעלעך. ביי די הויז־אַדמיניסטראַטאָרן פלעגן זיי זיך אינפאָרמירן, ווער עס נויטיקט זיך אין דער שטיצע אין יעדן הויז. דערנאָך איז מען געגאַנגען אין די שטובן און איבערגעלאָזט צו עטלעכע צעטעלעך, מיט וועלכע די מענטשן פלעגן גיין אין די געוועלבער און אָפּנעמען דאָס ברויט.

צווישן די צען חברים, וואָס די לינקע פּ. צ. האָבן צוגעשיקט אויף אָט דער פרייוויליקער אַרבעט, זענען געווען דער חבר לאָוענדע און איך. אַזוי לאַנג, ווי עס איז אָנגעגאַנגען די ברויט־פּאַרטיילונג, פלעג איך זיך טרעפן מיט אים טעגלעך אויפן באַשטימטן טרעפפּונקט. ער האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט מיט זיין ענערגיע און פאַרשטענדעניש פאַר די געטאָ־

נויטן פון יענער צייט. ווי אַ דיסציפּלינירטער זעלנער, איז ער יעדן טאָג געקומען, גענומען זיין פּעקל צעטעלעך און מיט נאָך אַ חבר זיך געלאָזט איבער די געטאָ־גאַסן, אין די שטובן אַריין.

אין משך פון צוויי וואָכן זענען מיר טעגלעך געקומען צום באַשטימטן טרעפפּונקט צו דער אַרבעט, אָבער נאָך די צוויי וואָכן איז איין טאָג געקומען די אַנטוישונג: אַלע האָבן געוואָרט, מען זאָל אַרויסקומען געבן די צעטלעך אויף ברויט און קיינער איז נישט אַרויס. ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז עס איז פאָרגעקומען עפּעס אַן ענדערונג אין דער ברויט־פאַרטיילונג. איז לאַוועגדע גלייך אַוועק זיך אינפאָרמירן וועגן דעם באַטייט פון אָט דער ענדערונג און שנעל צוריקגעקומען אַן אַנטוישטער. ער האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף עטלעכע שטיגן פון אַן איינגאַנג און איבערגעגעבן די פאַרזאַמלטע פּרייוויליקע מיטאַרבעטער פון פאַרשידענע אַרבעטער־פּאַרטייען:

— איך האָב זיך דערוווּסט פאַר וואָס מען שיקט אונדז נישט טיילן די צעטעלעך אויף ברויט פאַר דער הונגעריקער געטאָ־באַפעלקערונג. דאָס איז צוליב דעם וואָס די „ברויט־פאַרטיילונג" איז שוין ליקווידירט.

דערהערנדיק די שלעכטע בשורה, האָבן די „ברויט־פאַרטיילער" רעאַגירט מיט פאַרדראָס:

— רומקאָווסקי איז אַ פאַררעטער! — שרייט איינער.

— ער דאַרף באַזייטיקט ווערן! — זאָגט דער צווייטער.

— ווי אַזוי? — רופט אויס אַ דריטער, — ווי אַזוי האָט ער עס געוואָגט? ס'איז אַ פאַרברעכן!

אַלע זענען מיר זיך דעמאָלט פונאַנדערגעגאַנגען. איך האָב דערנאָך געאַרבעט אַלס אַ פּרעסער אין דעם שניידער־רעסאָרט אויף לאַגעווניצקא 32. שפּעטער האָב איך אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין דער „הוט־אָפּטיילונג" ביי קינדער־היטלען. אין די ווייטערדיקע טרויעריקע געטאָ־יאָרן איז מיר נישט אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט לאַוועגדען. ערשט ביים סאַמע סוף, ביי דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון לאָדזשער געטאָ, האָב איך אים ווידער געטראָפן און גערעדט מיט אים עטלעכע ווערטער. דאָס איז שוין נישט געווען דער זעלבער דרייסטער און מוטיקער לאַוועגדע. מיט אויסגעצויגענע

הענט און געבויגענע קני̇ען, איז ער געגאַנגען אין מיטן גאַס, זיך אָנגע־שטרענגט אונטערצושטופּן דאָס „פּעסל״.

די פּעסלעך זענען געווען אַ סימן מובהק פון דעם לאָדזשער געטאָ־לעבן. דאָס „פּעסל״ איז געפירט געוואָרן אויף אַ האַנטוועגעלע און אין

„וואַקאַליע״־אַרבעטער שלעפּן דאָס „פּעסל״

דער זייט, לענג־אויס דעם פּעסל, איז געלעגן אַ לאַנגער שטעקן, פאַרענדיקט מיט אַ בלעכענער שעפּ. אַ 2 — 3 מאַן זענען געווען איינגעשפּאַנט, מיט גראָבע שטריק אויף די אַקסלען, פון פאָרנט, אַנשטאָט פערד צו שלעפּן דאָס פּעסל־וועגעלע, און 2 — 3 מאַן האָבן אונטערגעשטופּט פון הינטן; אַזוי האָט מען דאָס געפירט פון הויף צו הויף אויסצושעפּן די קלאָזעטן. אַז דאָס פּעסל איז שוין געווען פול, האָט מען עס געשלעפּט איבער די געטאָ־גאַסן, ביזן סוף באַלוט, אויסצוגיסן אין אַ פעלדגרוב. אַזוי האָבן די „וואַקאַליע״־אַרבעטער געאַרבעט ביים פּעסל אַ גאַנצן אַרבעטסטאָג.

פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה פלעגן דאָרפלייט קומען צו פאָרן מיט זייערע אייגענע פערד־און־וועגעלעך מיט פעסער און שעפּן די שטאָטישע קלאָזעטן. זיי פלעגן פירן דאָס מיסט פאַר זייערע פעלדער. אָבער אין דעם

געשלאָסענעם געטאָ האָבן די פּויערים, ווי אַלע אַנדערע אַריער, נישט געטאָרט אַריינקומען. אויך קיין פערד האָבן די דייטשן נישט צוגעלאָזט צו דער אַרבעט ביי יידן, האָבן יידן אַליין געמוזט אויסליידיקן די געטאָ־קלאָזעטן, אַליין זיך איינשפּאַנען, אונטערשטופּן און שלעפּן די געטאָ־פעסלעך.

דאָס ערשטע יאָר זענען אין דעם לאָדזשער געטאָ געווען ווייניק בעלנים צו אַרבעטן ביי די פעסלעך. די הויזוועכטער אין געטאָ האָבן דעמאָלט אַפילו זיך אָרגאַניזירט אין אַ קלוב אויף בערקאָ יאָסעלעוויטשאָ 16 און געפאָדערט פון רומקאָווסקין צו העכערן די לוינען; ס׳ זענען אַפילו פאָרגעקומען שטרייקן. די שטרייקן פון די הויזוועכטער זענען געווען פון די ערשטע ביטערע געראַנגלען צווישן די געטאָ־איינוווינער און רומקאָווסקין און זיין אַדמיניסטראַציע־אַפּאַראַט. אין דעם דאָזיקן קאַמף פאַרן אָנהאַלטן אַ מינימאַלן לעבנס־סטאַנדאַרט האָבן אויך אָנטיילגענומען די „וואַקאַליע״־אַרבעטער אין דעם לאָדזשער געטאָ. אָבער ווען רומקאָווסקי האָט פאַרגרעסערט זיין אַפּאַראַט, און ווען דער הונגער איז אַלץ טיפער אַריינגעדרונגען אין די געטאָ־שטובן, האָבן שוין מער נישט געפעלט קיין בעלנים, וואָס זאָלן פאַרן „נאָרמאַלן״ געטאָ־לוין מיט אַ „צולאַגע״ (מיט אַ „צולאַגע״ מיינט: נאָך אַ וואַסערדיקע געטאָ־זופּ), זיך איינשפּאַנען אין דער „שמעקעדיקער״ אַרבעט.

אַזוי איז געווען אין די „נאָרמאַלע״ געטאָ־יאָרן, ווען דער הונגער איז געווען סטאַביל, ווען „דאָס געטאָ האָט געקלאַפּט ווי אַ זייגערל״. יעדן פרימאָרגן פלעגן אַלע געטאָ־יידן, פרויען און מענער, אַלטע און קינדער, אויספילן די לענג און ברייט פון אַלע גאַסן און בריקן, אין זייער איילעניש אָנצוקומען באַצייטנס אין די רעסאָרט־פאַבריקן צו דער אַרבעט. צווישן דעם פאַרשקלאַפטן געטאָ־פאָלק זענען אויך די „וואַקאַליע״־אַרבעטער געגאַנגען צו זייערע פעסלעך, צום אויסרייניקן די גאַסן פון דער גרויסער יידישער טורמע־שטאָט.

די לאַגע האָט זיך געענדערט, ווען דער „געטאָ־זייגער״ האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווען דאָס נאָרמאַלע געטאָ־לעבן איז געוואָרן אויפגעטרייסלט. די פאַבריקן און די שפּייז־„קאָאָפּעראַטיוון״ האָט מען פאַרמאַכט, די געטאָ־

גאַסן זענען פאַרבאָטן געוואָרן צו באַמרעטן דורך יידן און יעדער האָט געמוזט בלייבן אין זיין אייגענעם הויז. אין אַזעלכע צייטן, אין די צייטן פון „ווישעדלעניע״ אָדער ליקווידאַציע, ווערן נאָך די געטאָ־פּעסלעך פּריווילעגירט און די וואַקאַליע־אַרבעטער מעגן פאָרן מיט די פּעסל־וועגעלעך פּראַנק און פריי אין מיטן גאַס.


Bekanntmachung Nr. 428.

**Betr.: Verkleinerung des Gettos.**

Zusätzlich zu den bisher gesperrten Wohngebieten der Juden lt. Bekanntmachung Nr. 427 v. 17. August 1944 sind mit sofortiger Wirkung

**bis spätestens 24. August 1944, 7 Uhr früh**

nachstehend bezeichnete Gebiete restlos zu r ä u m e n.

Die in diesen Gebieten wohnenden Personen haben ihre Wohnungen bis zum genannten Termin zu verlassen und dürfen die geräumten Gebiete

**NICHT MEHR BETRETEN.**

Wer dieser Aufforderung nicht Folge leistet und am Donnerstag, d. 24. August 1944, nach 7 Uhr früh in diesen Gebieten sowie in den bereits geräumten noch angetroffen wird, wird

**mit dem Tode bestraft.**

Es handelt sich

um das Gebiet begrenzt im Westen längs der Siegfriedstrasse von Nr. 7 – Nr. 85, also von der Ecke Sulzfelderstrasse—Siegfriedstrasse bis Ecke Siegfriedstrasse – Robertstrasse

begrenzt im Norden längs der Robertstrasse ungerade Nummern also von der Ecke Siegfriedstrasse – Robertstrasse bis zur Ecke Robertstrasse — Masstrasse, (Polenjugendverwahrlager)

begrenzt im Osten längs der Masstrasse also von der Ecke Robertstrasse — Masstrasse bis zur Ecke Masstrasse—Ewaldstrasse längs des Westzaunes des Polenjugendverwahrlagers.

Von dieser Ecke weiter nach Osten längs der Ewaldstrasse bis zum Gettozaun

begrenzt im Osten längs der Gewerbestrasse also längs des Gettozaunes

begrenzt im Süden durch die Winfriedstrasse also längs des Gettozaunes

begrenzt im Osten durch die Konradstrasse also längs des Gettozaunes bis zur Sulzfelderstr.

und im Süden längs der Sulzfelderstrasse also von der Ecke Siegfriedstrasse—Sulzfelderstrasse bis zur Ecke Sulzfelderstrasse — Konradstrasse (also Sulzfelderstrasse von Nr. 20—100 — Schluss der Sulzfelderstrasse)

**Zur besonderen Beachtung:**

Die in diesen Gebieten in geschlossenen Betrieben kasernierten Arbeiter können an ihrem Arbeitsplatz verbleiben und dürfen in Ausübung ihrer Dienstpflichten die Gebiete betreten.

Dasselbe gilt für das Krankenhaus.

**GEHEIME STAATSPOLIZEI.**

Litzmannstadt,
d. 22. 8. 1944

428 .ונג נר.

**...אַרקלענערן דאָס געטאָ.**

ביז שפּעטסטנס דאָנערשטאָג,
דעם 24. אויגוסט 1944 7 פרי

...שטאָג, דעם 24 אויגוסט 1944 נאָך 7 אַזייגער פרי

...וועט מיט טויט באַשטראָפט ווערן.

באַקאַנטמאַכונג נומער 428 : ,,פאַרקלענערן דאָס געטאָ״

אין אויגוסט 1944 בין איך מיט מיין משפחה געווען אין געטאָ „אומלעגאַל״. אין סוף דעם ליקווידאַציע־חודש האָבן מיר זיך אויסבאַהאַלטן אויף די הויכע שטאָקן און אין די ביידעמער. אין די נאַכט־שעהען פלעגן מיר פאַרזיכטיק איבערוואַנדערן איבער די גאַסן, זוכן שפּייז און נייע באַהעלטענישן. איין מאָל, ווען איך האָב געוואָלט זיך איבערשמוגלען אויף דער צווייטער זייט בזשעזשינער גאַס, האָב איך דערהערט פון דער ווייטנס אַ רעש אין דער פּוסטער גאַס. איך האָב זיך דערשראָקן און בין צוריק אַריין אין טויער און פון דאָרט זיך איינגעהערט אין דעם סקריפּען פון רעדער. ווען דער לאַנגזאַמער ריטעם פון אַ וועגעלע האָט זיך דערנענטערט, האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט קיין דייטשישע לאַקאַמאָציע.

דאָס איז אַזוי רוישיק אָנגעקומען דאָס גוט־באַקאַנטע פּעסל־וועגעלע. אַזוי ווי שטענדיק זענען עטלעכע געטאָ־יידן געווען איינגעשפּאַנט צו שלעפּן און עטלעכע האָבן אונטערגעשטופּט. פונעם טויער האָב איך געקוקט אויף די „גליקלעכע" געטאָ־יידן וואָס מעגן אין די ליקווידאַציע־טעג זיך פריי באַוועגן אין די געטאָ־גאַסן, אין מיטן שאָסיי. אין די אויסגעליידיקטע גאַסן קלינגט הויך אָפּ דאָס סקריפּען פון די פאַרזשאַווערטע רעדלעך, וואָס טרייסלען זיך אויף די שטיינער פון ברוק. די אַרבעטער רעדן צווישן זיך זייער הויך, נאָך העכער פון דעם רעדער־גערויש, און דאָס שאַפט אַן אויסערלישן איינדרוק אין דער אונטערגייענדיקער שטאָט.

אַז דאָס פּעסל־וועגעלע איז שוין געשטאַנען גאָר נאָענט, האָב איך דערקענט דעם אונטערשטופּער:

— לאַווענדע! דו אַרבעטסט ביי וואַקאַליע? מעגסט זיך פריי באַוועגן אין די געטאָ־גאַסן? ווי אַזוי האָסטו זיך דערשלאָגן צו דער אַרבעט?

— איך האָב געאַרבעט אין דער ווירטשאַפט־אָפּטיילונג, האָב איך זיך איצט איבערגעוואָרפן צו וואַקאַליע־אַרבעט, — האָט ער מיר דערציילט. דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב זיך געטראָפן מיט לאַווענדען.

דאָס פרייע באַוועגן זיך איבער די געטאָ־גאַסן אין די צייטן פון אויסזידלונגען און אין דעם ליקווידאַציע־חודש איז אויך געווען בלויז אַ צייטווייליקע „פּריווילעגיע". אין די סאַמע לעצטע טעג פון דער ליקווי־דאַציע האָבן די וואַקאַליע־אַרבעטער געטיילט דעם גורל פון גאַנצן געטאָ. אויך זיי זענען גענומען געוואָרן צו דער אויסזידלונג קיין אוישוויץ.

## צעשראָקענע געטאָ־בליקן

מיר האָבן זיך דערוווּסט וועגן די ענדערונגען אין געטאָ און קודם כל, אַז די 10 מאַן, „קאַשאַרירטע" אין דער הויפּטפאַבריק, זענען שוין מער נישט „קאַשאַרירט", זיי שטעלן זיך צו צו דער אויסזידלונג, און אַז דאָס הויז פון דער געוועזענער הויפּטפאַבריק איז שוין מער נישט קיין געטאָ־הויז, ליבראַך האָט מיר דאַן דערציילט, אַז אַזוי ווי ער מוז שוין פאַרלאָזן אונדזער באַהעלטע־

ניש אין דער הוטפאַבריק, וועט ער זיך צושטעלן צו דער אויסזידלונג צוזאַמען מיט זיין קוזין דעם פּאָליציאַנט. אויך די אָפּטיילונג, ווו עס אַרבעט זיין קוזין, האָט באַקומען פון דער דייטשישער געטאָ־פּאַרוואַלטונג אַ באַפעל, אַז אַלע פון דעם פּאָליציי־באַצירק מוזן זיך צושטעלן צו דער אויסזידלונג. שטעלט ער זיך צו צוזאַמען מיט זיין קוזין.

דעמאָלט זענען מיר אויך אַוועק פון אונדזער באַהעלטעניש אין דער הוטפאַבריק. צוריקגיין אין דער אַלטער וווינונג אויף דער בזשעזשינער גאַס נומער 5 האָבן מיר אויך שוין נישט געקענט, ווייל אויך זי איז שוין אַרויסגענומען פון דעם געטאָ־שטח. אָבער צושטעלן זיך צו דער אויס־זידלונג גלוסט זיך פאָרט נישט. האָבן מיר אָנגעהויבן צו וואַנדערן; איך מיט מיין פרוי און אונדזער 13־יעריק טעכטערל שיינדעלע. די עלטערע קינדער אונדזערע, גיטעלע און דער זון, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַנדערע געטאָ־גאַסן צוזאַמען מיט דער קאָמוניסטישער געטאָ־יוגנט. מיר האָבן געבלאָנדזשעט אין דעם ליידיקן געטאָ אין די הייזער, אין די שטובן, קעלערס און בוידעמער; אַרומגעהיפּערט פון אָרט אויף אָרט אַזוי ווי אויף גליִענדיקע קוילן.

מיר זענען אַריין אין אַ פירשטאָקיקן הויז אויף דער זאַווישע־גאַס. אין פּאַרטער זענען פאַראַן 2 קאָרידאָרן; איינס פון דער רעכטער און איינס פון דער לינקער. אין יעדן קאָרידאָר זענען פאַראַן 10 טירן אויף יעדער זייט. מיר גייען פאַרביי די קאָרידאָרן פון ביידע זייטן. אַלע טירן שטייען אָפן, אַלע שטובן זענען ליידיק — נישטאָ קיינער, נישטאָ. ס׳איז שטיל, קיין מענטשלעכער אָטעם, קיין לעבעדיקער שאָרך. בלויז די בעטן, די ליידיקע טישן און שטולן האָבן גערעדט מיט זייער שפּראַך, ווי לעבעדיקע עדות פונעם אויסגעריסענעם יידישן לעבן. די קיך אין דעם ווינקל־צימער מיט די געשירן, טעפּלעך, טעלער, גלעזער, דערמאָנען אין די באַלעבאַטים, ווינקען מיט טויזנט אויגן, מיט טויזנט פראַגן: וואָס איז מיט זיי געוואָרן? ס׳האָט אונדז אַרומגענומען אַ שרעק אין די פרעמדע ליידיקע שטובן; אַ געפיל פון בושה און צער. מיר גייען אויך אַרויף דעם ערשטן שטאָק. אויך דאָ זעען מיר פּונקט אַזעלכע קאָרידאָרן און פּונקט אַזוי פיל אָפענע טירן מיט ליידיקע שטובן. אַזוי זענען מיר אויסגעגאַנגען דאָס גרויסע באַלוטער

4־שטאָקיקע הויז, געזוכט אַ באַהעלטעניש, זיך געשאַרט אין די טויט־שטילע קאָרידאָרן, אַריינגעקוקט אין דער פאַרגליווערטער שטילקייט אין די שטובן.

אַן אויסנאַם זענען געווען די קלאַנגען, וואָס מען האָט דערהערט פון איין טיר אַרויס; אין דער שטילקייט האָט זיך דאָס אָפּגעשלאָגן מיט אַ רעש.

מיר גייען אַריין אין דער שטוב, פון וואַנען עס קומען די קלאַנגען; אויף דער וואַנט הענגט אַ זייגער, וואָס האָט זיך נאָך נישט אָפּגעשטעלט.

אומעטום האָבן געהערשט אומאָרדענונג, פאַרנאַכלעסיקונג; אויסגע־שיטע וואַש־סאָדע מיט פעדערן, אַלטע, שמוציקע שמאַטעס אויף די בעטן און אונטערן טיש. די אומאָרדענונג אין די אויסגעליידיקטע געטאָ־שטובן האָט אומעטום באַגלייט די אויסזידלונג. דאָס איז געווען אַ בולטער טרויער־צייכן, אַז די מענטשן וווינען נישט אין זייערע היימען.

אָבער נאָך אַ גרעסערן שוידער האָט אויפגעוועקט דווקא די שטוב, וואָס איז געווען זויבער: די בעטן פאַרבעט, אַ ריין טישטעך אויפן טיש, גאַרדינען אויף די פענצטער, בילדער אויף די ווענט, אויף דער עטאַזשערע שטייען ספרים און ביכער אין גלייכע שורות. איך נעם אַ בוך און לייען די עברית־ווערטער — דאָס זענען די פּראָטאָקאָלן און מאַנוסקריפּטן פון אַ ציוניסטישן עסקן. בלויז די איינוווינער זענען נישטאָ.

אַ דערשראָקענע קומט מרים צו צו מיר, פון פאַרצווייפלונג האָט זי קוים געקענט אַרויסזאָגן די עטלעכע ווערטער:

— ס'איז אַן אַקציע, אַ באַוועגונג אין גאַס, מען כאַפּט צו דער ליקווי־דאַציע־אויסזידלונג.

מיר גייען אַרויף אויף די שטיגן — נאָך העכער. די טיר פון בוידעם איז אָפן. מיר גייען אַריין, קוקן זיך אַרום און זוכן דאָרט אַ באַהעלטעניש. דאָס איז אַן אָפענער, גרויסער בוידעם איבער דעם גאַנצן הויז, נישטאָ קיין ווינקלען. גלייך ביים אַריינקומען, ביים ערשטן בליק, זעט מען דעם גאַנצן אינעווייניק. דאָך איז געווען אין דער הייך אַ בוידעמל איבערן גרויסן בוידעם, אונטער דעם בלעך פונעם דאַך איז געווען אַזאַ מין „אינטערסאָל" און ליגנדיקערהייט האָט מען זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן. אָט שטייט טאַקע אַ לייטער. מיר קריכן אַרויף און לייגן זיך אויס, אַז מען זאָל אונדז נישט אַרויסזען. נאָך דעם ווי מיר זענען שוין אַלע דריי דאָרט געווען,

האָב איך אַרויפגעשלעפּט אויף דעם לייטער, אים פלאַך אַוועקגעלייגט, מען זאָל אים נישט קענען זען. ליגן מיר אַזוי שטיל און הערן זיך איין אין די קלאַנגען, וואָס דערגייען צו אונדז פון דער „אַקציע" אין דרויסן. דערווייל איז געוואָרן שטיל, אַ טויט־שטילקייט. די היץ איז זייער גרויס, דער דאַך איבער אונדזערע קעפּ איז אָנגעגליט און הייצט אָן אונדזער נידעריק באַהעלטעניש, אַנגסטן־שווייס גיסט זיך, ס'איז דושנע, שווער צו אָטעמען, אָבער די טויט־שרעק פאַר דער אויסזידלונג איז נאָך גרעסער.

ליגט מען נאָך אַ ביסל און מען הערט זיך צו צו דער פאַרגליווערטער שטילקייט. מרים ווישט אָפּ דעם שווייס פון שיינדעלעס שטערן, זי קוקט איר אַריין אין די מידע אויגן און רוימט מיר איין:

— אפשר מעג איך שוין אַראָפּגיין?

איך פאַרשטיי איר פאַרלאַנג און באַשליס אַראָפּצוקריכן פון דעם דושנעם דאַך־ווינקל. אָבער אין דער סעקונדע דערהערט זיך עפּעס אַ באַוועגונג. רעדן מיר שוין גאָרנישט, נאָר ליגן ווייטער שטום־שטיל און הערן זיך איין אין דער שטילער באַוועגונג, וואָס ווערט דייטלעכער מיט יעדער סעקונדע. מיר הערן טריט אויף די שטיגן. רוקן מיר זיך אַרויף נאָך טיפער צום ראַנד פון דער הייסער דאַך־בלעך. דאָס האַרץ קלאַפּט האַסטיקער, די טויטשרעק פאַר דער גורלדיקער מינוט שמידט אונדז צו צום אָפּהילך פון די טריט, וואָס קומט אָן מיט יעדער סעקונדע נענטער צום בוידעם. איצט זענען מיר זיכער, אַז מען זוכט די אויסבאַהאַלטענע צו דער אויסזידלונג. די טריט הערט מען נאָך דייטלעכער, נאָך נענטער אויף די שטיגן און אָט שאַרן זיי זיך שוין אויפן בוידעם!

די שפּאַנונג און שרעק גריזשען אין מוח: וועט דער דייטש אונדז דערזען? און ווי אַזוי וועט ער רעאַגירן אויף אונדזער באַהעלטעניש? איך נורטעווע זיך איין אין ליגן, איך וואָלט וועלן אין דער סעקונדע ווערן נאָך דאַרער, אַ גאָרנישט — אַ רואה ואינו נראה. קוק איך אַראָפּ און — ס'איז געשען — מיינע אויגן שפּיגלען אין זיך איין אַנדערע אויגן־בליקן וואָס קוקן צו מיר אַרויף; איך בין אַנטדעקט געוואָרן פון אַ פּאָר אויגן — שרעקעוודיקע יידיש־מיידלערישע געטאָ־אויגן. זי האָט זיך בשעת־מעשה אַ טרייסל געגעבן פון שרעק און שפּאַנונג, איר צעשויבערטער קאָפּ איז

צוגעפאַלן צו דער וואַנט. איך האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן פאַר בושה, פאַר דעם צעשראָקענעם געטאָ־בליק, וועלכן איך האָב מיט מיינע אויגן גורם געווען.

נאָך דעם ווי איך האָב צוריק אַראָפּגעשטעלט דעם לייטער און מיר זענען אַראָפּ פון דער הייסער דאַכבלעך, האָט דאָס פאַרבלאָנדזשעטע, איינזאַמע מיידל געפרעגט מרימען, מיט אירע שרעקעוודיקע אויגן און ציטערדיקע ליפּן:

— מען קען זיך דאָ אויסבאַהאַלטן?

מרים האָט פאַרצווייפלט געהויבן די אַקסלען; מיר האָבן שטייענדיק אַזוי אין דעם פרעמדן, שטילן בוידעם, זיך באַטראַכט, זיך אַריינגעקוקט אין די אויגן. אונדזערע שרעקעוודיקע געטאָ־בליקן האָבן זיך קעגנזייטיק געפאָרשט און געצווייפלט:

— צי קען מען זיך דאָ אויסבאַהאַלטן?

## דער הונגער־געראַנגל אין די לעצטע געטאָ־טעג

דער הונגער אין לאָדזשער געטאָ פון אַלע יאָרן איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ פילפאַכיק גרעסערן הונגער אין לעצטן חודש פון דער געטאָ־עקזיסטענץ. מיט יעדן טאָג אין חודש אויגוסט 1944 זענען פאַרקלענערט געוואָרן די מיטלען און מעגלעכקייטן פון דערנערונג. אין די סאַמע לעצטע טעג אין געטאָ זענען פאַר די רעשטלעך געטאָ־מענטשן, די אויסבאַהאַלטענע פון דער ליקווידאַציע־אויסזידלונג, אין גאַנצן נישט געווען קיין דערנערונג־מיטלען, אויסער דער איינציקער באַשפּייזונג — די רויטע בוריקלעך פון דער געטאָ־ערד. אין די שפּעטע נאָכמיטאָג־שעהען האָבן מיר זיך „אַרויסגעגנבעט" פון דער באַהעלטעניש, זיך אַרומגעקוקט איבער די שטילע, אויסגעליידיקטע געטאָ־גאַסן, זיך איבערצייגט, אַז די „אַקציעס" קומען איצט נישט פאָר. דאַן האָבן מיר אויסגעזוכט די „דזשאַלקעס" — דאָס זענען געווען די פאַרזייטע בייטן אין די היף, ביי די פענצטער פון די געטאָ־ שטובן. כמעט אַלע יידן, וואָס האָבן די בייטן פאַרזייט, זענען שוין געווען אויסגעזידלט פון געטאָ, זייערע בייטן זענען געבליבן הפקר. פון

יענער געטאָ־ערד האָבן אַרויסגעשפּראָצט קליינע רויטע בלעטעלעך. מיט לעפל האָבן מיר געגראָבן די וויכע ערד אַרום די בלעטלעך און אַרויס־גענומען די קליינע, צאַרטע בוריקלעך. מיין פרוי האָט זיי אָפּגעוואַשן פון דער ערד און געקאָכט גאַנצערהייט, מיט די שאָלן און מיט די בלעטלעך. די פרישינקע בוריקלעך זענען געווען אַזוי זיס, אַזוי נאַרהאַפט, אַז ס׳האָט ממש דערהאַלטן ביים לעבן.

אין דער שפּעטער פרימאָרגן־שעה קוקט מיין פרוי אַריין אין איר קוישל. זי ציילט די עטלעכע בוריקלעך, וואָס מיר האָבן נעכטן „אָרגאַניזירט״ און זי זאָגט צו מיר:

— ווען ס׳וואָלט געווען אין שטוב אַ ביסל וואַסער, וואָלט איך אָפּ־געקאָכט די בוריקלעך.

מיר זענען דעמאָלט געווען אויסבאַהאַלטן אויף דער זאַווישער גאַס, אין אַ צימער אויפן פערטן שטאָק. האָב איך גענומען דעם עמער, געגאַנגען אַראָפּ מיט די שטיגן אויף די שפּיץ־פינגער, מיינע טריט זאָלן נישט אָפּהילכן אין דער טיפער שטילקייט פון געטאָ. איך בין אַנטוישט געוואָרן ווען איך בין געקומען אין הויף און געבליבן שטיין ביים צעבראָכענעם פּלומפּ; האָב איך נישט קיין ברירה און מוז אַרויס אין גאַס זוכן ערגעץ־ווו אַ גאַנצן פּלומפּ אָנצונעמען אַ ביסל וואַסער.

איידער איך גיי אַרויס פון יענעם טויער, קוק איך זיך אַרום: אַ טויטע שטילקייט אויף דער גאַס. בלויז קעגנאיבער, פון דער וויטנס, לויפן צוויי פרויען איינגעבויגן, מיט זעק אויף די פּלייצעס; בלייב איך שטיין אַ פּאָר מינוט אין טויער און קוק זיך צו צום אויסטערלישן בילד וואָס קומט דאָ פאָר. נאָך וואָס לויפן זיי מיט די שווערע זעק אויף די פּלייצעס? אויב איצט קומט פאָר אַן אַקציע, און זיי אַנטלויפן פון די דייטשן, איז נאָך וואָס שלעפּן זיי אַזאַ שווערן „באַגאַזש״? מיין שטוינונג וואַקסט נאָך מער, ווען איך דערזע, אַז אַ הויכער מאַנספּאַרשוין לויפט זיי נאָך, דעריאָגט זיי, און רייסט אַראָפּ פון איין פרוי דעם זאַק פון דער פּלייצע. ס׳הייבט זיך אָן אַן אַמפּערניש און געשלעג. די צווייטע פרוי שטעלט אויך אַראָפּ איר זאַק און קומט צו הילף דער ערשטער פרוי.

מיט כוח רייסט ער זיך אַריין מיט אַ האַנט אין זאַק אַריין. די פרויען שלאָגן זיך מיט אים, זיי זידלען אים און שרייען אויפן קול.

אויפן געשריי פון די צוויי פרויען, וואָס הילכט אָפּ אין שטילן געטאָ, לויפן זיך צוזאַמען אויסבאַהאַלטענע פון קעלערס אָדער בוידעמער, אַזוי ווי פון דער געטאָ־ערד אויסגעוואַקסן. איך קען זיך נאָך אַלץ נישט פּושר זיין דאָס רעטעניש פון דער אויסטערלישער טרעפונג, ביז איך דערזע אויף דער ליכטיקער שיין אַ ברויט. דאָס ברויט, וואָס ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון זאַק.

מיטן געדאַנק בין איך אויפן פערטן שטאָק, ביי מיין פרוי און קינד, וואָס וואַרטן אויף אַ ביסל וואַסער אָפּצוקאָכן די עטלעכע בוריקלעך, און מיט די אויגן קוק איך צו די צוויי זעק ברויט. אַ סך טעג האָבן מיר נישט געזען קיין ברויט פאַר די אויגן. איצט זע איך ביי איינעם אין האַנט אַ גאַנץ ברויט ארויסגענומען פון די זעק. די מענטשן, וואָס זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן, רינגלען אויך אַרום די צוויי זעק ברויט; די צוויי פרויען האָבן איצט צו קעמפן שוין נישט מיט איין מאַן, נאָר מיט עטלעכע מענער און פרויען.

איך דעצידיר זיך, לאָז אַרויס דעם עמער פון האַנט און לויף צו דער גרופּע מענטשן. מיטן גאַנצן כוח שטופּ איך זיך דורך מיט אַ האַנט אין זאַק אַריין, כאַפּ אָן אַ ברויט און וויל דאָס אַרויסשלעפּן פון זאַק. אָבער אַן אַנדערע האַנט רייסט דאָס ברויט צו זיך. קלעם איך איין מיינע פינגער אין אַן אַנדער ברויט אין זאַק. אַזוי קעמף איך מיט מיין האַנט אין פינצטערן זאַק מיט אַנדערע הענט, ביז איך שלעפּ אַרויס אַ ברויט. איך נעם דאָס אַרום מיט ביידע הענט, דריק עס צו צום האַרץ, אַז קיינער זאָל עס נישט קענען אַרויסרייסן פון מיר. איך דריי זיך אויס און לויף צוריק אין הויף אַריין מיטן ברויט. אָבער ווען איך שטיי שוין ביים טויער, דערזע איך ווי ס׳לויפן אָן עטלעכע געטאָ־פּאָליציאַנטן — אַ פרישע געפאַר פאַר מיין אויסגעקעמפט ברויט. איך לויף אַרויף אויף די שטיגן. דער אָפּהילך פון מיינע טריט אינעם ליידיק שטילן הויז רוישט מיר אין די אויערן, אינעם ווידערקול פון מיינע טריט דוכט זיך מיר, אַז אַ געטאָ־פּאָליציאַנט לויפט מיר נאָך. איך פאַרשטאַרק מיין לויפן אויף די שטיגן. אָבער אויך דער

אָפּהילך פון ווידערקול פאַרשטאַרקט זיך. איך בין אין שרעק, אַז דער פּאָליציאַנט לויפט מיר נאָך. איך בין אויפן צווייטן שטאָק, ער אויפן ערשטן; איך אויפן דריטן, ער אויפן צווייטן. אַזוי לויף איך מיטן גאַנצן אימפּעט, ביז איך פאַל אַריין אין שטוב אַריין.

דערזעענדיק מיך אַריינקומען אָן דעם עמער, האָבן מיין פרוי און טאָכטער זיך דערשראָקן. זיי האָבן געמיינט, אַז ס'איז אַן „אַקציע" אַז דייטשן גייען אונדז נעמען צו דער אויסזידלונג. איך האָב אָבער, אין דער ערשטער סעקונדע, נישט געקענט רעדן, ס'האָט מיר פאַרפעלט אָטעם. איך האָב בלויז געוויזן אויפן ברויט. אַ פּאָר מינוט שפּעטער בין איך געקומען צו זיך און דערציילט די סיבה פון מיין שרעק:

— איך האָב געמיינט, אַז אַ פּאָליציאַנט יאָגט מיר נאָך.

דעם אינהאַלט וועגן דער אויסטערלישער געשעעניש אין אויסגיי־ענדיקן געטאָ האָבן מיר זיך דערוווּסט מיט עטלעכע שעה שפּעטער.

מיר זענען אַראָפּ אין גאַס, כדי צו זען זיך מיט די עלטערע קינדער וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן צוזאַמען מיט דער קאָמוניסטישער יוגנט. אין מיטן וועג האָבן מיר געטראָפן אונדזער זון, ער לויפט צו אונדז מיט ברויט אונטער ביידע אָרעמס — 2 גאַנצע ברויטלעך פאַר אונדז.

ער האָט געוווּסט צו דערציילן, אַז היינט האָט מען די בעקערס אין געטאָ אָוועקגענומען צו דער אויסזידלונג אין מיטן דער אַרבעט, זיי האָבן נישט באַוויזן אַרויסצונעמען דאָס ברויט פון אויוון. דאָס הפקרדיקע ברויט איז צעכאַפּט געוואָרן פון אַלע, וואָס האָבן זיך פון דעם דערוווּסט און געקענט זיך אַריינבאַקומען אין די געטאָ־בעקערייען.

## די לעצטע געטאָ־פאַרזאַמלונג

פון די 70 טויזנט יידן, וואָס האָבן נאָך געלעבט אין לאָדזשער געטאָ דעם 1טן אויגוסט 1944, האָבן סוף פון דעם זעלבן חודש געלעבט אין געטאָ בלויז 10%. אָבער אויך די רעשטלעך יידן האָט מען נישט געזען אין די געטאָ־גאַסן, נישט ביי טאָג און נישט ביי נאַכט. די געטאָ־שטאָט

איז געווען אויסגעליידיקט, די מענטשן זענען געווען פאַרשטעקט, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין פאַרשידענע ווינקלען פון קעלערס אָדער בוידעמער. אינדיווידועל אָדער משפּחהווייז האָט יעדערער זיך געראַנגלט מיט אַלע מעגלעכקייטן נישט צו ווערן אויסגעזידלט. קיין געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזירטע טעטיקייטן האָבן שוין דעמאָלט נישט עקזיסטירט. פון די אַלע פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין לאָדזשער געטאָ אין די פריִערדיקע יאָרן, איז שוין אין סוף סעפּטעמבער קיין סימן כמעט נישט געווען. די אויסבאַהאַלטענע רעשטלעך געטאָ־יידן האָבן נישט געקענט אָנהאַלטן קיין אָרגאַניזאַציאָנעלן קאָנטאַקט צווישן זיך. צעוואָרפן אין די באַהעלטענישן, אין דעפּרעסיע און פיזישער דערשעפּונג, אַפּאַטיע און דעזאָריענטאַציע, האָט יעדער איינער אינדיווידועל ווידערגעשפּעניקט דער דייטשישע פאַראָרדענונג וועגן דער אויסזידלונג־ליקווידאַציע.

אין די לעצטע טעג פון דער עקזיסטענץ פון לאָדזשער געטאָ, אין די גורלדיקע טראַגישע טעג, האָט נאָך עקזיסטירט אַן אויסנעמלעכע אָרגאַניזאַציע, אַן ענג־פּאַרטייִשער קאָלעקטיוו, וואָס האָט זיך אויף אַזאַ אופן אויסבאַהאַלטן פון דער ליקווידאַציע־אויסזידלונג. דער דאָזיקער ענג־פּאַרטייִשער קאָלעקטיוו האָט דורכגעפירט די לעצטע געטאָ־פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער אויך איך פערזענלעך בין געווען אַנוועזנדיק.

מעגלעך, אַז דאָס איז געווען אַן אַקט, אַ יחיד במינו, אין דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע פון יענער צייט. איז כדאי צו פאַרצייכענען דעם דאָזיקן פאַקט כאָטש מיט קורצע ווערטער.

ווער איז געווען דער ענג־פּאַרטייִשער קאָלעקטיוו אין יענער אויסטערלישער צייט? און ביי וועלכע אומשטענדן איז מיר אויסגעקומען צו זיין אַנוועזנדיק אויף דער דאָזיקער לעצטער געטאָ־פאַרזאַמלונג, דעם 29סטן אויגוסט 1944?

קודם כל, מוז געגעבן ווערן אַ קליינע באַמערקונג, כדי תופס צו זיין די פּסיכיש־גייסטיקע אַנטוויקלונג פון די געטאָ־קינדער און יוגנט, און צו אָריענטירן זיך אין די פאַרהעלטענישן פון יענער אויסטערלישער צייט, מען מוז נעמען אין אַכט, אַז די קינדער, וואָס זענען געקומען אין געטאָ אין עלטער פון 11 — 14 יאָר, זענען בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ

שוין אַלט געווען 16 — 19 יאָר. די געטאָ־יאָרן זענען אַריינגעדרונגען אין די הערצער און מוחות פון דער רייף־געוואָרענער יוגנט, און דאָס איז נישט געבליבן אָן אַ קאָנקרעטער אויסווירקונג. די יוגנט האָט געוווּסט, איז געווען איבערצייגט, אין דעם „מאין יבוא עזרי". פונקט ווי דאָס גאַנצע געטאָ־פאָלק, האָט זי געשטרעבט און געהאָפט, אַז די אַרמיי פון מזרח, וואָס שטייט שוין ביי דער ווייסל, 90 ק"מ פון לאָדזש, זאָל מאַכן נאָך איין אָפענסיווע, אַרויסטרייבן דעם דייטשישן אָקופּאַנט, און דער לאָדזשער געטאָ זאָל באַפרייט ווערן. אָבער די רייף־געוואָרענע אין געטאָ יוגנט האָט זיך נישט געוואָלט באַנוגענען מיט קיין אינדיווידועלן פּאַסיוון ווידערשטאַנד. זיי האָבן מיט זייער דראַנג צו איניציאַטיוו געזוכט וועגן פון קאָנקרעטן אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד.

אין די געטאָ־באַדינגונגען האָט די אידעאָלאָגישע אָריענטאַציע פון דער יוגנט דורכגעמאַכט ראַדיקאַלע ענדערונגען. פון אַלע יידיש־אידעאָלאָגישע אויפפאַסונגען אין די געטאָ־יוגנט כסדר און סיסטעמאַטיש איבער־געגאַנגען צו דער עקסטרעמער קאָמוניסטישער אָריענטאַציע. אין דעם לעצטן געטאָ־יאָר, און ספּעציעל אין די לעצטע חדשים פון דער געטאָ־עקזיסטענץ, איז די יוגנט שוין געווען כמעט 100% אַ קאָמוניסטישע.

אין די לעצטע וואָכן פון אויגוסט 1944 האָט זיך די יוגנט אָרגאַ־ניזירט צו אַ בשותפותדיקן געראַנגל קעגן דער אויסזידלונג־ליקווידאַציע. די דאָזיקע יידישע קינדער, די מיידלעך און יינגלעך, האָבן אויסגעזוכט באַהעלטענישן אין די ביידעמער און קעלערס, זיי האָבן געהאַט צווישן זיך אַ דיסציפּלינירטן קאָנטאַקט און געלעבט אין אַ סאָלידאַרישער קאָמונע. די באַקומענע דערנערונגס־מיטלען זענען צעטיילט געוואָרן אין גלייכע פּאָרציעס.

אָבער אין דער דערמאָנטער דאַטע, דעם 29סטן אויגוסט 1944, איז אַריינגעטראָטן אַן ענדערונג, וואָס האָט אויך די דאָזיקע אָרגאַניזירטע געטאָ־יוגנט דעזאָריענטירט און אויפגעריסן די אַנטשלאָסענע קאַמפּס־שטעלונג. גורם געווען דערצו האָט אַ דייטשישע פּראָוואָקאַציע: אויף די געטאָ־ווענט האָט זיך באַוויזן אַ וואָרענונג, אַז ווער ס'וועט זיך נישט צו־

שטעלן צו דער אויסזידלונג, וועט ווערן דערשאָסן. דאָס דאָזיקע דייטשישע פּאַפּירל האָט אויפגעשטורעמט די רעשטלעך אויסבאַהאַלטענע יידן אין לאָדזשער געטאָ און אויך דעזאָריענטירט די אָרגאַניזירטע קאָמוניסטישע יוגנט. אין דעם זעלבן אָוונט איז פאָרגעקומען די לעצטע קאָנספּיראַטיווע פאַרזאַמלונג פון דער געטאָ־יוגנט.

אונדזערע עלטערע צוויי קינדער, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן צוזאַמען מיט דער קאָמוניסטישער געטאָ־יוגנט, האָבן אונדז איינגעלאַדן, מיר זאָלן זיין צוזאַמען. אַזוי אַרום האָב איך, מיט מיין פרוי מרים און אונדזער שיינדעלע, בייגעוווינט די לעצטע געהיימע געטאָ־פאַרזאַמלונג.

אין דער פּוילישער שפּראַך האָט אַ יוגנטלעכער, אַ געוויסער ראַד־זינער, גערעדט און אויפגעקלערט די סיטואַציע, אַרום די דייטשישע דראָונגען מיט טויטשטראָף. לסוף האָט ער געמאָלדן, אַז מצד דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער געטאָ־יוגנט איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מען זאָל צו דער אויסזידלונג זיך צושטעלן צוזאַמען, ווי אַ קאָלעקטיוו, און אין די ערטער וווּ מען וועט אָנקומען, זאָל מען פאָרזעצן דעם אָרגאַניזירטן ווי־דערשטאַנד. דערמיט איז פאַרענדיקט געוואָרן די עקזיסטענץ פון לאָדזשער געטאָ. דאָס זענען געווען די לעצטע טראַנספּאָרטן פון די אויסבאַהאַלטענע יידן אין לאָדזשער געטאָ.

## אין די באַראַקן פון דער ראַדאָגאָשטשער סטאַציע

פון דעם זאַמלפּונקט אויף דער קראָוויעצקאַ־גאַס זענען מיר געשיקט געוואָרן אין צענטראַל־גפעפענגעניש אויף דער טשאַרניעצקעגאָ. דאָ זענען מיר געבליבן איין נאַכט. צו מאָרגנס פרי האָט מען אונדז געשיקט צו דער ראַדאָגאָשטשער סטאַציע.

זייער פּאָפּולער איז געווען אין לאָדזשער געטאָ די ראַדאָגאָשטשער סטאַציע. יעדער האָט געוווּסט, אַז די סטאַציע איז געוואָרן אַ טייל פון געטאָ. אין פאַבריק, ווו איך האָב געאַרבעט, האָב איך אַ סך געהערט. מען האָט געוווּסט צו דערציילן, אַז דאָרט זענען אויפגעשטעלט געוואָרן באַראַקן און ס׳קומען אָן אויף יענער סטאַציע צוגן מיט שטרוי. דאָס שטרוי ווערט

צוגעשטעלט פאַר די „שטרוי־רעסאָרטן" אין געטאָ. אין די שטרוי־פאַבריקן זיצן טויזנטער יידישע פרויען, וועלכע פלעכטן אויס שטרוי־קאַלאָשן פאַר די דייטשישע זעלנער. אין די ווינטערס פון די יאָרן 1942—43, ווען די דייטשן זענען אַריינגעדרונגען טיף אין רוסלאַנד, האָבן זיי אַרויפגעטאָן די דיקע שטרויענע קאַלאָשן אויף די זעלנערישע שטיוול, כדי די פיס זאָלן

רומקאָווסקי ביי די וואַגאָנען פון דער ראַדאָגאָשטשער סטאַציע, ווען ס'קומט אָן אַ טראַנספּאָרט שטרוי פאַר די 2 שטרוי־רעסאָרטן אין געטאָ

זיי נישט פרירן. טאַקע ביי יענער סטאַציע זענען אויפגעשטעלט געוואָרן האָלצערנע באַראַקן, ווו ס'איז מאַגאַזינירט געוואָרן דאָס שטרוי, איידער מען האָט דאָס צוגעשטעלט אין די „שטרוי־רעסאָרטן". אין די זעלבע באַראַקן איז אויך מאַגאַזינירט געוואָרן די פאַרטיקע שטרוי־פּראָדוקציע איידער מען האָט זי אָנגעלאָדן אין די וואַגאָנען און אָפּגעשיקט קיין רוסלאַנד.

אין די לעצטע צייטן פון לאָדזשער געטאָ זענען די באַראַקן ביי דער ראַדאָגאָשטשער סטאַציע אויסגענוצט געוואָרן פון די דייטשן צו „מאַגאַזינירן" די „יודען־טראַנספּאָרטן" צו די אויסזידלונגען. דעם לעצטן חודש

זענען דאָ דורכגעגאַנגען די ליקווידאַציע־טראַנספּאָרטן. אויך אונדזער טראַנספּאָרט, וואָס איז געשיקט געוואָרן צו דער ראַדאָגאָשטשער סטאַציע, איז צייטווייליק „מאַגאַזינירט״ געוואָרן אין די פינצטערע באַראַקן ביי דער סטאַציע.

דאָ בין איך נאָך געווען צוזאַמען מיט מיין פרוי און קינדער, צוזאַמען מיט די הונדערטער און הונדערטער מענער און פרויען, יונגע און אַלטע,

די אויסזידלונג פון דער געטאָ־פּאָליציי מיט זייערע משפחות

די רעשטלעך פון דער גרויסער לאָדזשער געטאָ־טורמע. וואָס ווייטער? ווי לאַנג וועלן מיר דאָ זיין? און וווהין שיקט מען אונדז? דאָס ווייסט קיינער נישט, פונקט ווי מיר האָבן די גאַנצע צייט פון דער לעצטער אויסזידלונג נישט געהאַט קיין אַנונג וווהין עס זענען געשיקט געוואָרן די פריערדיקע טראַנספּאָרטן. די קומענדיקע מינוט איז פאַר אונדז פאַרהוילן הינטער די רויע, פינצטערע ברעטער פון די באַראַקן ביי דער ראַדאָגאָשטשער סטאַציע.

# אויסגעשטרעקטע ביקסן

אַ טיר אין דער ברייט פון פינצטערן באַראַק האָט זיך געעפנט, און אַ פּאַס זון האָט זיך אַריינגעריסן — אַ גרוס פון גאָטס ליכטיקן באַשאַף. ענדלעך וועלן מיר אַרויס פון דעם אַרעסט, פון דעם פינצטערן באַראַק, אין דער ליכטיקער וועלט אַריין. אָבער אין דער האָפענונג־רגע האָט זיך

דערהערט אַ ווילדער באַפעל און אַ געיעג: „אויף דער גאַס אַרויס״! מיר ווערן געיאָגט צו דער טיר און אויף דער גאַס אַרויס, ווי מיר וואָלטן נישט געווען קיין לעבעדיקע מענטשן, נאָר טויטע שמאַטעס, וואָס שיטן זיך אַרויס פון אַ פינצטערן קאַמער.

נאָך מער פינצטער איז געוואָרן אין די אויגן, ווען מיר זענען אַרויס־געקומען אויפן פּעראָן און מיר האָבן דערזען און דערפילט די דייטשישע זעלנער, וואָס זענען אַרומגעשטעלט מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן צו אונדז. זיי טרייבן אונדז אָן אין ענגשאַפט, און כאָטש דער פּעראָן איז אַזוי גרויס, ווערן מיר צוגעדריקט אין אַ ווינקל אַריין. אַזאַ דייטשישע צעיושעטע אַכזריות האָט זיך קיינער נישט פאָרגעשטעלט. איך שאַר זיך צו צו מיין פרוי און קינדער און קוק אַריבער אויף יענער זייט פון די דייטשן מיט די אויסגעשטרעקטע ביקסן. איך קוק אויף די ביימער, אויף די פעלדער אויף דער ליכטיקער וועלט. ס׳וואָלט זיך אַזוי געוואָלט זיין פון יענער זייט, נישט באַוואַכט פון די דייטשישע רוצחים. און שוין איז אין מיין האַרץ אַריין דאָס געפיל פון חרטה: פאַר וואָס האָט די דייטשישע דראָונג מיט טויטשטראָף אונדז פאַרפירט? ס׳איז אָבער שוין צו שפּעט.

אויך דאָס אַרויפטרייבן אין די וואַגאָנען קומט פאָר מיט אַזאַ ווילדן, בהלהדיקן געיעג, אויך אין די וואַגאָנען ווערט מען אַריינגעטריבן אין ענג־שאַפט, ס׳זאָל נישט זיין קיין מעגלעכקייט צו זיצן אויפן דיל, נאָר צו שטיין איינער האַרט ביים צווייטן. הונדערט „יודען״ ציילן זיי אָפּ אין יעדן וואַגאָן אַריין. פאַרן פאַרמאַכן דעם טויער וואַרפט מען אונדז אַריין צוויי זאַכן: פאַר יעדן אַ ברויט, און פאַר אַלעמען — צוויי ליידיקע עמערס פאַרן מענטשלעכן געברויך. דאָס טויער ווערט פאַרמאַכט, פאַרשלאָסן און פאַר־זיגלט מיט אַ פּלאָמבע. אויפן לאַנגן ברעט, לענג־אויס דעם וואַגאָן, שפּאַצירט דער באַוואַפנטער זשאַנדאַרם, ער וואַכט, אַז קיינעם זאָל זיך נישט איינגעבן צו אַנטרינען.

דער צוג הייבט אָן פאָרן מיט די געטאָ־יידן, וואָס האָבן פינף יאָר, מיט עקשנות, מיט הונגער און פּיין, איבערגעליטן און אויסגעדויערט. אין דעם פינצטערן בהמות־וואַגאָן פאָרן מיר אין אַן אומבאַקאַנטן וועג; מענער און פרויען, יונג און אַלט. די צוויי עמערס שטייען ביים פאַר־

מאַכטן טויער נישט פאַרשטעלטע. אַזוי פאַר איך מיט מיין משפחה און מיט אַלע, וואָס דער גורל האָט אונדז צוזאַמענגעפּרעסט צו דער רייזע אין דעם פאַרזיגלטן פּי־וואַגאָן. אין דער הייך, ביים סאַמע סופיט פון וואַגאָן, זענען פאַראַן פיר קליינע קראַטן־פענצטערלעך, פון וואַנען עס דרינגט אַריין אַ שוואַכע ליכט־שיין. איך קוק צו מיין פרוי, צו אונדזערע קינדער, און אין מוח עקבערט די פראַגע: וווהין פאָרט דער עשאַלאָן מיט די פאַרזיגלטע וואַגאָנען?

## דער קאַלענדאַר אויפן יאָר 1943 אין לאָדזשער געטאָ

דאָס קליינע טאַשן־קאַלענדאַרל פון לאָדזשער געטאָ פון יאָר 1943 האָט עטלעכע אַספּעקטן, ווי דאָקומענטאַציעס פון די פאַרהעלטעניש, באַדינגונגען און די באַציִונגען צווישן דעם דייטשישן געטאָ־פאַרוואַלטער און דעם לאָדזשער געטאָ. ס'איז כדאי צו פאַרצייכענען עטלעכע אויפ־

די 2טע זייט, מיט רומקאָווסקיס בילד, די האַנטשריפט אין דייטש — פון גאָלדבערג

דער קאַלענדאַר פאַרן יאָר 1943

די צושריפט פאַרן יאָר 1944

אין דער 10טער וואָך איז די צושריפט פאַרן יאָר 1944 מער נישטאָ. וואַרשיינלעך איז דער אייגנטימער פון קאַלענדאַר שוין אויסגעזידלט

קלערונגען, כדי צו דעשיפרירן די קליינע בלעטעלעך פון דעם טאַשן־קאַלענדאַרל.

1) אויפן ערשטן זייטל, אונטער דעם בילד פון רומקאָווסקין, זעען מיר אַן אייגנהעגטיקע אונטערשריפט מיט דייטש־לאַטייניש בוכשטאַבן; העכסט וואַרשיינלעך, איז דער באַזיצער פון קאַלענדאַרל געווען איינער פון די 20 טויזנט יידן, וואָס זענען פאַרשיקט געוואָרן פון צענטראַל־אייראָפּע אין לאָדזשער געטאָ אַריין.

2) דאָס פאַרשטרייכן די ציפער 3 און צושרייבן אַ 4 (אויף דער זייט פון דער 1טער וואָך אין קאַלענדאַרל) איז אַ באַווייז, אַז דער באַזיצער פון דעם קאַלענדאַרל האָט זיך באַנוצט מיט דעם אויך פאַרן יאָר 1944. אין דעם יאָר 1944 האָט שוין „דער עלטעסטער" אַזאַ קאַלענדאַרל נישט אָפּגעדרוקט.

רעקלאַמע „קאַפעע" פון ביבאָוס פאַבריק

3) די איבערגעשריבענע ציפערן, צוגעפּאַסטע צום יאָר 1944, זענען מיר אין קאַלענדאַרל בלויז ביז צו דעם 28סטן פעברואַר. פון חודש מערץ אָן פיגורירט נישט מער די בליישטיפט; ס'איז אָנצונעמען, אַז אין יענער צייט איז דער באַזיצער פון קאַלענדאַרל געוואָרן אויסגעזידלט פון געטאָ.

4) מיט דער גאַנצער זיכערקייט דאַרף פעסטגעשטעלט ווערן, אַז דאָס אָנגעבן די שעהען פון ליכט־צינדן פרייטיק און מוצש"ק איז געווען בלויז שאַבלאָניש, לויט די יידישע מנהגים, אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז דאָס נישט אָנגעוואָנדן געוואָרן אין געטאָ־לעבן פון יענע יאָרן. די געטאָ־באַפעלקערונג האָט לחלוטין נישט באַקומען קיין ליכט צו קויפן אין די געטאָ־קאָאָפּעראַטיוון, נישט אויף ליכט־בענטשן פרייטיק פאַר נאַכט און נישט אויף מוצש"ק. אין יענע יאָרן האָט מען געמוזט אויך אַרבעטן אין די שבתים און אין די יו"ט־טעג, אפילו אין ראש־השנה און יום־כפור האָט מען געמוזט גיין אין די פאַבריקן. נאָך דער אַרבעט האָט מען געדאַרפט זיך שטעלן אין דער ריי נאָך די „ראַציעס" ביי די געטאָ־קאָאָפּעראַטיוון, נאָך „טוואַראַג" ביי דעם „מילך־קאָאָפּעראַטיוו" א"אַ.

5) אַ בולטער דאָקומענט זענען די לינקע זייטלעך פון דעם טאַשן־קאַלענדאַרל. די 53 זייטלעך פון קאַלענדאַרל זענען נישט געדרוקט געוואָרן אויף ריין ווייס פּאַפּיר, נאָר אויף פּאַפּיר, וואָס איז שוין געדרוקט

געוואָרן אויף איין זייט מיט דיקע דייטשישע ווערטער. וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט דאָס? איז דאָס בלויז אַ צופעליקייט, וואָס דאָס דרוקפּאַפּיר פון ברעמען איז געברענגט געוואָרן אין לאָדזשער געטאָ אַריין אויף דעם צוועק?

דאָס איז אַ זייער וויכטיקער דאָקומענט פאַר דער געשיכטלעכער אָפּשאַצונג פון די פאַרהעלטנישן אין געטאָ, פאַר די באַציִונגען פון „אַמטס-לייטער" האַנס ביבאָוו מיט געטאָ-לאָדזש. דאָס איז זיכער געווען זיינס אַ „פּריוואַט-געשעפטל". אויסצופּרעסן פון יידישן געטאָ סומעס געלט פאַר זיינע אינטערעסן.

ווי באַוווּסט, האָט ער געהאַט אין ברעמען אַ פאַבריק, אַ ברענערײַ פון קאַווע, און דאָס האָט ער זיינע רעקלאַמע-פּאַפּירן צו פּאַקן די קאַווע פאַרקויפט דעם „עלטעסטן" אויף צו דרוקן דעם געטאָ-קאַלענדאַר. נאָך ווייניק געווען די צענדליקער טויזנטער יידישע אַרבעטסקנעכט אין געטאָ, וואָס האָבן יעדן טאָג אויסגעפּילט די 82 פאַבריקן און געאַרבעט פאַר הונגער-לוינען. איידער מען האָט זיי אויסגעזידלט אין די דייטשישע לאַגערן, די טויט-קאָנצערנען פון כעלמנאָ, אוישוויץ א"אַ, האָט ביבאָוו זיך נאָך באַרייכערט דורך זיין אַלטער מאָקולאַטור פון ברעמען.

# אוישוויץ

## קלאַפּטערס האָלץ און קנוילן רויך
## הינטער די שטעכלדראָט־צוימען

די פיר קראַטן־פענצטערלעך ווערן דעם גאַנצן וועג פאַרשטעלט פון די, וואָס דראַפּען זיך אויף די ווענט, שטעלן זיך אויף די שפּיץ־פינגער איבער די שטויסן אונטערגעלייגטע פּעקלעך פון „באַגאַזש" — אַלץ כדי אַרויסצוקוקן פון דעם וואַגאָן אין דרויסן. אַז איינער ווערט מיד און באַפרייט אַ קראַטן־פענצטערל, ווערט עס מאָמענטאַל פאַרנומען פון אַ צווייטן, דערנאָך פון אַ דריטן. יעדער וויל זען מיט זיינע אייגענע אויגן די פרייע וועלט. מיר איז דאָס אויך געלונגען אויף אַ שטיקל צייט; דורך אַ קראַטן־פענצטערל האָב איך געקוקט אויף דער פרייער וועלט — גרינע לאַנקעס, פעלדער, דערפער. די לאַנדשאַפט ענדערט זיך שנעל, די פרייע וועלט איז גרויס און ליכטיק. פינף יאָר האָב איך געזען בלויז דאָס געטאָ, פינף יאָר נישט געפאָרן אויף קיין באַן. איצט פאָר איך אין דעם פאַרמאַכטן וואַגאָן און קוק אויף אָט דער פרייער וועלט דורך קראַטן. אַז די באַן דערנענטערט זיך צו אַ סטאַציע, זע איך פון דער נאָענט די הייזער, די מענטשן אין דרויסן. זיי בלייבן שטיין און קוקן זיך איין אין אונדזערע געטאָ־פּנימער, וואָס קוקן אַרויס פון די קראַטן־לעכער. איך באַמי זיך מיינע אויגן זאָלן זיך טרעפן מיט זייערע בליקן. עטלעכע איידעלע מענטשן לאָזן זייערע אויגן אַראָפּ פאַר בושה און באַדויער. אַנדערע קוקן דווקא יאָ מיט צופרידענע פּנימער, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט רייצן. דער קאָנטראַסט צווישן יענע פרייע מענער מיט זייערע פרויען און קינדער, ביי זייערע הייזער, פון איין זייט — און פון מיר, מיט מיין מרימען און מיינע קינדער אין דעם פינצטערן געשלאָסענעם בהמות־וואַגאָן, צוזאַמען מיט די לעצטע אויסגעזידלטע געטאָ־יידן — פון דער צווייטער זייט — אָט דער קאָנטראַסט איז אַזוי גרויס און פיינלעך, אַז עס ווערט אוממעגלעך אים אויסצודריקן, אָדער צו

דערדריקן דעם פּאַרדרוס, וואָס ער דערוועקט. ווערט מען דערשטיקט פון דער אייגענער הילפלאָזיקייט.

אויף די ווענט פון אַ סטאַציע, ווו די באַן פאָרט פאַרביי, לייען איך איבער אַ דייטשישע מלחמה־לאָזונג:

„אַלע רעדער ראָלן צום זיג!"

די רעדער אונטער אונדז קלאַפּן ריטמיש. צי דרייען זיך אויך אָט די רעדער צום דייטשישן זיג? און וואָס דערוואַרט אונדז? מיינע אַרויפגעצויגענע הענט הייבן אָן שטאַרק צו ברעכן פון דעם צוהאַלטן זיך ביי די פענצטער־קראַטן, און איך לאָז זיך צוריק אַראָפּ. ווידער קוק איך אויף מרימען, אויף אונדזערע קינדער, אויף די מענטשן אין דעם ענגן פינצטערן וואַגאָן; די צוויי עמערס זענען שוין פול, דער געשטאַנק איז גרויס, ס׳איז הייס, דושנע, און דאָס ערגסטע איז דאָס, וואָס מיר זענען געוואָרן אַריינגעוואָרפן אין אַ תהום פון אַן אומבאַוווסטן גורל. אָט דאָס פייניקט אַלעמען, דעם גאַנצן וועג זוכן אַלע אַ מעגלעכקייט צוצוקומען צו די קראַטן־לעכער און זען ווהין עס פירט אונדז די באַן.

אַ קראַטן־פענצטערל ווערט ווידער פריי, „דערהייב" איך זיך ווידער און קוק אין דרויסן. איך אָטעם איין די פרישע לופט, וואָס דער ווינט בלאָזט אויף מיר און עס לויפן מיר פאַרביי די פעלדער, לאַנקעס, דערפער מיט כאַטעס, וועגן מיט פורן, אין וועלכע מענטשן פאָרן פרייערהייט, ווען און ווהין זיי ווילן.

אונטן, אויף דעם לאַנגן ברעט פון דרויסן ביי דעם וואַגאָן, זע איך איצט שפּאַצירן אַ דייטשישן זעלנער. ווען ער איז הינטער מיין קראַטן־פענצטערל, פרעג איך אים:

— ווהין פאָרן מיר? — דער זשאַנדאַרם ענטפערט מיר נישט, ער הייבט בלויז מיט די אַקסלען — „ער ווייסט נישט".

די רעדער פאַרלאַנגזאַמערן דעם ריטמישן קלאַנג און איך קוק זיך איין אין דער אויסטערלישער לאַנדשאַפט, וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַר מיינע אויגן: ווו נאָר מיינע אויגן דערגרייכן, ציִען זיך גלייכגעלייגטע, פּירקאַנטיקע און לענגלעכע שטויסן קלאַפּטערס ליפּע־האָלץ, אַ וועלט

מיט ברען־האַלץ. אפשר איז דאָס אַן אויסגעהאַקטער וואַלד? ניין, ס׳איז דאָך נישטאָ קיין צייכן פון אונטערגעזעגטעביימער, קיין געבליבענע פּניאַקעס — די הויכע קלאַפּטערס ליגן אויף דער גלייכער ערד.

מיט לאַנגזאַמע „רעדער־ראָלן" פאָרט דער צוג צו אַ שטעכל־דראָטענער וואַנט און איך פאַרגלייך זי מיטן צוים אַרום דעם לאָדזשער געטאָ, וואָס איז געווען אין גאַנצן 1,20 מעטער הויך. אָט די שטעכל־דראָטענע ווענט זענען טאָפּלט הויך.

דער צוג פאָרט איצט זייער פּאַמעלעך — אַ שפּאַציר ביי די שטעכל־דראָטן. איך קוק אַרויף צום לויטערן, בלאָען הימל, וואָס איז אַזוי גלייכגילטיק צו אַלעם, וואָס קומט פאָר אונטער זיין צודעק, און איך באַמערק, אַז פון דער זייט גייט אויף עפּעס אַ רויך. איך לאָז שוין מער נישט אַראָפּ די אויגן פון דעם שנירל רויך. ווען דער צוג רוקט זיך צו נאָענטער, דערזע איך עס דייטלעכער: דער רויך גייט אַרויף און קנוילן, דיקע, שוואַרצע פּאַסן ציִען זיך אַרויף און פאַרשמירן אַ טייל פונעם הימל.

איך פאַל צוריק אַראָפּ אין וואַגאָן, אין דער ענגשאַפט, צו מיינע פרוי און קינדער, צו די רעשטן אויסגעזידלטע. איך קוק אויף זייערע אויסגעפּייניקטע, טרויעריקע פּנימער און אין מוח יאָגן זיך די פראַגעס:

צי אָט די שטעכל־דראָטענע ווענט זענען עס דער ציל פון אונדזער רייזע?

— קלאַפּטערס האָלץ, פאַר וועמען?

— קנוילן רויך, נאָך וועמען?

## „ק אַ נ אַ ד ע ר"

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט. ווו זענען מיר? יעדער וויל איצט כאַפּן אַ בליק דורך די קראַטן־לעכער. איך נעם אויך איבער אויף עטלעכע מינוט אַ קראַטן־פענצטערל און איך קוק אויף דער נייער „לאַנדשאַפט".

דער זשאַנדאַרם, וואָס האָט שפּאַצירט אויפן ברעט לענג־אויס דעם וואַגאָן, איז פאַרשווונדן — זעט אויס, אַז ער האָט שוין זיין ראָלע פאַר־

ענדיקט: די פאַרזיגלטע וואַגאָנען פון דעם טראַנספּאָרט זענען אָנגעקומען אין „אָרדענונג״, מיט די אַלע אויסגעזידלטע פון לאָדזשער געטאָ. איצט דאַרף ער אונדז שוין נישט היטן. ערשטנס, קען מען פון דאַנען סיי ווי נישט אַנטלויפן, דאָס פּלאַץ איז דאָך אַרום און אַרום פאַרצוימט מיט הויכע שטעכלדראָטענע ווענט. צווייטנס, זענען מיר שוין איבערגעגאַנגען אונטער אַן אַנדערער השגחה.

קיין סטאַציע זע איך נישט דאָ; דער צוג איז געבליבן שטיין לעבן אַ צווייטן צוג. אָבער די וואַגאָנען פון יענעם צוג זענען נישט קיין פאַר־מאַכטע, נאָר אָפענע פּלאַטפאָרמעס. אויף זיי זיצן מענטשן מיט אָראָפּהענ־גענדיקע פיס. זייערע פנימער געווענדט אין דער ריכטונג פון אונדזערע פאַרמאַכטע טראַנספּאָרט־וואַגאָנען.

איך קוק אויף די דאָזיקע מענטשן און אויף זייער באַקליידונג און איך שטוין. אין אַלע מיינע געטאָ־יאָרן האָב איך אַזעלכע מלבושים נישט געזען. און נישט נאָר זייער געשטרייפט ווייס־בלוי פּאַסן־אָנטון דערוועקט שטוי־נונג אין מיר — נאָך מער ווער איך איבערראַשט פון זייער גוטן אויסזען, פון די פולע פנימער. זיי זעען אויס ממש ווי נאָרמאַלע מענטשן, נישט אַזוי ווי מיר, מיט די געטאָ־פנימער — „קלעפּסידרעס״. אפשר זענען דאָס די געפאַנגענע פאַרשיקטע פראַנצויזן, יוגאָסלאַוון, אָדער פון אַן אַנדערן לאַנד? די מענער זענען אויסגעזעצט אויף די אָפענע פּלאַטפאָרם־וואַגאָנען איינער לעבן צווייטן, זיי שמועסן צווישן זיך. איך הער זיך איין און כאַפּ־אויף זייער לשון, זיי רעדן צווישן זיך — יידיש! פוןביידע זייטן זיצן יידן: פון דער זייט — די פאַרשלאָסענע אין בהמות־וואַגאָנען, פיזיש אויסגעפייניקט און גייסטיק דערנידעריקטע; פון דער צווייטער זייט — יידן, וואָס זיצן אין אָפענע וואַגאָנען, געזונטע מענער מיט פולע פנימער.

איך באַפריי דאָס קראַטן־פענצטערל; אין דעם ענגן וואַגאָן הער איך געשפּרעכן וועגן אונדזער גורל. איינער האָט דערקענט דאָס אָרט, וווּ מיר געפינען זיך. דאָס איז — האָט ער פעסטגעשטעלט — אָשוויענטשים. אָשוויענטשים? כמעט אַלע יידישע שטעט אין פּוילן האָב איך געקענט, אָבער דער נאָמען אָשוויענטשים איז מיר נישט געווען באַקאַנט. אָט דער נאָמען ווערט איצט איבערגעחזרט דורך די געטאָ־יידן מיט שרעק.

דער מענטשלעכער לעבנס־אינסטינקט זוכט עפּעס אַן אָנהאַלטונג. אין דעם ענגן, פינצטערן וואַגאָן ווייסן שוין אַלע, אַז לעבן אונדזער טראַנספּאָרט זיצן געזונטע, קרעפטיקע יידן און שמועסן צווישן זיך אין אַ געמיטלעכן יידיש. וואָס זאָל דאָס באַדייטן? לעבן דאָ, אין אָשוויענטשים, יידן אין בעסערע באַדינגונגען, ווי אין לאָדזשער געטאָ? אין משך פון די צען מינוט, וואָס דער צוג איז געשטאַנען מיט די פאַרמאַכטע וואַגאָנען, האָבן די מענטשן פּרובירט טרעפן וואָס עס דערוואַרט אונדז.

ס׳האָט זיך דערהערט אַ פייף, און אין דער זעלבער רגע האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווילסטער שטורעם: די יידן, וואָס זענען געזעסן אויף די אָפענע פּלאַטפאָרמעס, זענען אַראָפּגעשפּרונגען, צוגעפאַלן צו די געשלאָסענע טירן פון די בהמות־וואַגאָנען, אויפגעריסן די פּלאָמבעס אויף זיי און צערוקט. מיט אַ ווילדן אימפּעט, ווי אויסדרעסירטע וואָלף־הינט, האָבן זיי זיך אַריינגעריסן אין דער ענגשאַפט און זענען באַפאַלן די געטאָ־קרבנות מיט געשרייען, געשלעגן און אַ שפּראַך פון דער אונטערוועלט. דער פּלוצ־לינגדיקער איבערפאַל, גלייך ביים עפענען די טיר פון דעם וואַגאָן, און ביים ערשטן באַריר מיט ליכט און מיט דער פרישער לופט — אָט דער שדים־טאַנץ, האָט אין אונדז דערוועקט אַ געמיש פון פאַרצווייפלונג און שטוינונג, עקל און אוממאַכט, שרעק און שאַנדע. מיט זייערע געזונטע עלנבויגנס און פרעכער שפּראַך האָבן די אָנפאַלנדיקע אַרויסגעיאָגט די מענטשן פון דעם וואַגאָן. ביי די, וואָס האָבן געהאַלטן עפּעס אַ פּעקעלע אָדער אַ קיישל אין האַנט, האָט מען עס מיט אַ ווילדער רוגזה אַרויסגעריסן און אַוועקגעשליידערט אויפן דיל מיט אַ קוויטש:

— פון דאַנען טראָגט מען נישט אַרויס! אַלץ בלייבט ליגן! עך האָט געהערט, צי נישט? עך האָט פאַרשטאַנען, צי נישט!

די געטאָ־יידן האָבן געהאַט מיטגענומען אין וועג אַריין די רעשטלעך פון עסן און מלבושים. עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן נאָך געהאַט אַ פונק פון גלויבן אין דעם דייטשישן „ערן־וואָרט" פון ביבאָוון, אין לאָדזשער געטאָ: אַז מען קען מיטנעמען 5 ק"ג באַגאַזש צו דער אויס־זידלונג. און פּלוצלינג ווערט מען דאָ אַזוי ברוטאַל טעראָריזירט און באַרויבט פון דעם סאַמע לעצטן.

— ווו גייען מיר? — פרעגט אַ פרוי דעם, וואָס טרייבט אַרויס פון וואַגאָן.

— אויף דער פּאַטעלניע! — קלינגט אָפּ אין וואַגאָן זיין חוצפּהדיקער געשריי.

אַ צווייטער אויסוווּרף שרייט נאָך העכער און דייטלעכער:

— אויף יענער וועלט!

דער פּלוצלינגדיקער כאַאָס האָט פאַרטעמפּט די חושים. פאַרלוירנקייט און אוממעכטיקייט האָבן פאַרטויבט די מענטשלעכע געפילן פון כבוד און צו נישט געמאַכט יעדן פונק פון וועלן זיך ווערן קעגן דעם ווילדן שדים־טאַנץ.

ווער זענען געווען אָט די גראָבע־יונגען, די אויסגעהוילטע פון יעדן שמץ פון מענטש און ייד, וועלכע האָבן טאָגטעגלעך אָפּגעוואַרט די טראַנס־פּאָרטן, כדי זיי פיזיש צו באַצווינגען און גייסטיק צו צעשמעטערן? מען האָט זיי אויסגעשולט און אויסדרעסירט אין דער דייטשישער פּראַקטיק פון ראַסן־מאָרד. מען האָט זיי גערופן „קאַנאַדער".

## דער דייטשישער טויטן־רוים אוישוויץ

גלייך ווי מען ווערט אַרויסגעטריבן פון די וואַגאָנען און מען באַטרעט די ערד, דערפילט מען, אַז מען איז אַריינגעפאַלן אין אַ גיהנום, וועלכן עס איז אוממעגלעך צו פאַרגלייכן מיטן לאָדזשער געטאָ און אַפילו מיט אונדזער פאָרן אין די פינצטערע וואַגאָנען. כאָטש מיר זענען איצט אַרויס אין דרויסן, אונטערן פרייען הימל, מיט די פיס אויפן באָדן פון דער ערד, זעט מען דאָך די הויכע שטעכל־דראָטענע ווענט, די הויכע „בודקעלעך" — די וואַך־טורעמס, ווו עס זיצן דייטשן מיט מאַשין־געווער. אויך אונטן, אויפן שטח, זעט מען דייטשן, וואָס היטן די „אָרדענונג" און באַהערשן דעם אוישוויצער רוים.

דאָס ברוטאַלע אַרויסטרייבן פון די וואַגאָנען איז געווען בלויז דער ערשטער שריט פון די „קאַנאַדער". אינעם שטח גופא פירן זיי אויס זייער עיקרדיקע אויפגאַבע: דאָ „באַגריסן" זיי אונדז מיט אַ שטרענגן באַפעל:

— מענער גייען באַזונדער און פרויען באַזונדער!

די דאָזיקע עטלעכע ווערטער זענען אַריין מיט שטעכעדיקע שפּיזלעך אין מוח און ווי סם פאַרגיסן זיי דאָס האַרץ. און אָט פירן זיי שוין אויס די אַרבעט מיט די אייגענע הענט: זיי רייסן זיך אַריין צווישן אונדז מיט כוח און שטופּן, טרייבן און טיילן אָפּ פרויען פון מענער, זין פון מאַמעס, טעכטער פון טאַטעס. ביבאָוו האָט אין לאָדזשער געטאָ געשווירן: „איך פאַרזיכער אייך מיט מיין קאָפּ, אַז די פאַמיליעס וועלן בלייבן צוזאַמען". אַלע יאָרן אין געטאָ האָט מען זיך געראַנגלט אַז מען זאָל קענען אויסדויערן דעם הונגער און די אויסזידלונגען און לעבן צוזאַמען מיט די אייגענע, כאָטש מיט עמעצן פון „אייגענעם בלוט און פלייש". איצט צערייסן זיי די סאַמע שטאַרקסטע משפּחה־קנופּן.

אָט באַפאַלן זיי שוין מיך, רייסן אָפּ מרימען, גיטעלען און שיינדעלען פון מיר. די מוטער ווערט אָוועקגעשלעפּט פון איר איינציקן זון, די שוועסטער פון דעם ברודער.

— מענער באַזונדער און פרויען באַזונדער! אַ סוף! שנעלער, רירטס ענק!

אַזוי ווערט באַהערשט דער גאַנצער טראַנספּאָרט דורך אויסוואורפן. זיכער וואָלטן אָט די אַלע געטאָ־יידן פון דעם טראַנספּאָרט, די פרויען, מענער און קינדער, די יונגע מיידלעך און ייִנגלעך, זיכער וואָלטן זיי רעאַגירט און מיט די לעצטע כוחות זיך געוועהרט קעגן דער ברוטאַלער פאַרגוואַלטיקונג.

אָבער אַ ביסל ווייטער זעט מען די באַוואָפנטע דייטשן. מען זעט, אַז די חוצפּהדיקע „קאַנאַדער" זענען זיכער מיט זייערן ברוטאַלן כוח, ווייל זיי שטיצן זיך אויף די באַוואָפנטע דייטשישע רוצחים.

קוקן די מענער אויף די פרויען, די פרויען אויף די מענער, די עלטערן אויף זייערע קינדער און קינדער אויף די עלטערן, און די לעצטע ווערטער פון צעשיידונג בלייבן שטעקן אין קעל...

# אינעם צענטער פון דער פאַרלענדונג

דאָס צערייסן די משפחות איז געווען בלויז אַן ערשטער טריט, אַן אַריינפיר אין דעם אוישוויץ־גיהנום. איצט צעברומט זיך דער אוישוויצער טויטן־לאַגער מיט זיין גאַנצער קראַפט. די באַוואָפנטע דייטשישע זעלנער, אונטער־אָפיצירן, אָפיצירן און אויך די „קאַנאַדער", זענען אַרומגעשטעלט אַרום אונדז און צווינגען ווייטער מיט זייערער ברוטאַלער קראַפט אויס־צופירן די באַפעלן.

די מענער פון דעם טראַנספּאָרט לאָזט מען שטיין און וואַרטן; די פרויען מוזן גיין די ערשטע. אין אָנהויב גייען אַלע פרויען צוזאַמען, אַזוי ווי צו אַ מאַסן־לוויה, בעתן גאַנג מוזן זיי זיך פונאַנדערטיילן און גיין איינצלוויין, איינע נאָך דער צווייטער.

עס גייען יונגע פרויען מיט אָפּגעצערטע געטאָ־פּנימער, עס גייען די „אַלטע" העלדינס, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַלע הונגער־יאָרן, אַלע אויס־זידלונגען. כאָטש דער צער און דער געטאָ־פּיין האָבן אָפּגעצערט דעם קערפּער און דאָס פּנים איז פאַר דער צייט צעקנייטשט געוואָרן, וויל מען זיך נאָך אָנהאַלטן ביים לעבן; „קנייפּט מען די באַקן, די פאַרב זאָל שטיין". ס'גייען פרויען מיט קינדער ביי די הענט, קינדער אויסבאַהאַלטענע און אָפּגעראַטעוועטע פון דער „שפּערע", דערהאַלטענע ביים לעבן מיט דעם ביסל וואַרעמער רעסאָרט־זופּ, וואָס די יונגע „שילער־אַרבעטער" פלעגן באַקומען אין די געטאָ־פאַבריקן.

עס גייען אויך כלה־מיידלעך, וואָס זענען אין די לאַנגע געטאָ־יאָרן רייף געוואָרן.

טייל גייען מיט שטאָלץ, מיט לייכטע טריט, שנעל צו פאַרענדיקן די טיוול־שפּיל. די מערהייט גייט מיט פאַרביטערטע הערצער און אונטער־געהאַקטע פיס. איינציקווייז, איינע נאָך דער צווייטער, קומט מען צו און מען בלייבט שטיין עטלעכע טריט פאַר דעם תליו.

אויפן גרויסן פּלאַץ, אין צענטער, שטייט ער אַליין, דרייסט, זיכער, געמיטלעך, אָפילו מיט אַ שמייכעלע. פאַר וועמען דאַרף ער דען מורא האָבן? פאַר די געטאָ־פרויען אָדער פאַר די געטאָ־יידן פון דעם טראַנספּאָרט?

פאַרן גאָט, וואָס קוקט אפשר איצט אויף אים אַראָפּ פון הימל, האָט ער אויך נישט קיין פחד; ער אַליין איז דאָך אַ געזאַלבטער דייטש־ראַסיס־טישער אָפּגאָט. ער שטייט געקליידט מיטן גאַנצן גלאַנץ פון אַ נאַצישן אָפיציר. אויף דער זייט טראָגט ער אַ רעוואָלווער, אין דער האַנט האַלט ער בלויז אַ קליין שטעקעלע און שפּילט זיך דערמיט. אַהין, אַהער, רעכטס, לינקס. אַזוי שפּילט ער זיך מיטן לעבן פון די געטאָ־יידן. מיט איין אויגנבליק דעצידירט ער, אין וועלכער זייט צו בייגן דאָס שטעקעלע, און עס שאָקלט זיך אויף לעבן און טויט. און אַזוי שפּילעוודיק, לעשט ער אויס די לעבנס פון צענדליקער טויזנטער יידישע קינדער, פרויען און מענער.

די פרויען און קינדער דערנענטערן זיך און בלייבן שטיין בײַם דייט־טשישן תלין. זיי שטויסן זיך אָן אין זיין חוזק־בליק. אין דער סעקונדע געפינט זיך זייער לעבן אויף אַ וואָגשאָל און הענגט אויפן גורל, וואָס זיין קליין שטעקעלע וואַרפט שפּילעוודיק — רעכטס, לינקס.

איך שטיי צווישן דער גאַנצע עדה מענער, וואָס וואַרטן קוקנדיק ווי די פרויען צעגייען זיך: טייל רעכטס, טייל לינקס. זע איך פון דער ווייטנס מיין מרימען, זי האַלט אונדזער שיינדעלען ביי דער האַנט, זי גייט אויף לינקס... ווען זי איז שוין אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג, האָט זי זיך אויסגע־דרייט, געקוקט צו די מענער און דערזען מיך. אונדזערע בליקן האָבן זיך געטראָפן איבער דעם ברייטן שטח פון דעם אוישוויצער טויטן־רוים. זי האָט געוווסט וווהין דער אוישוויצער תלין האָט זי געשיקט צוזאַמען מיט אונדזער 15־יעריקער טעכטערל שיינדעלען. אָבער פון דער ווייטנס האָט זי נישט געקענט רעדן אָדער שרייען, ווייל זי האָט געוווסט, אַז דאָס וואָלט געשטעלט אין געפאַר אונדזער גאַנצן טראַנספּאָרט. אין איר שטומען בליק האָט זי מיר פּרובירט איבערגעבן אירע אַלע געפילן. געוויס האָט זי געהאַט אַ סך מיט מיר צו רעדן ביי דער לעצטער אייביקער צעשיידונג, און מיט איר טרויעריקן בליק האָט זי די אַלע געפילן געוואָלט אויסדריקן. איין פאַרלאַנג אירן בלויז האָב איך אויפגעכאַפּט דורך דעם אוישוויצער טויטן־רוים: אויב איך וועל איבערלעבן, זאָל איך זיין אַן עדות פון דעם אַלעם!

# קאָלעקטיווע עלנטקייט

אַז דאָס שטעקעלע בייגט זיך אויף רעכטס און איך דריי זיך אויס אַוועקצוגיין, דערפיל איך ערשט רעכט דאָס בריִען פון דער ערד אונטער מיינע פיס. די סעקונדעס ציִען זיך ווי שעהען. ס׳ווילט זיך מיר וואָס שנעלער אַנטרינען פון דעם מערדערישן דייטש, אַנטלויפן ווי פון אַ פייערדיקן ווולקאַן. יעדער טריט דויערט צו לאַנג, אַ שאָד, וואָס די פיס מוזן באַרירן די ערד. מיט די אויגן רייס איך זיך פאָרויס, כדי צו דערווייטערן זיך פון דעם דייטשישן תלין.

אַלע מענער פון דעם טראַנספּאָרט, וואָס קומען אין דער רעכטער זייט, ווערן געשיקט אויף אַ זאַמלפונקט. איצט טויכן אויף די מענטשלעכע געפילן און עס דערוועקט זיך דער באַוווסטזיין. מען דערפילט אַ תהום פון צער, פאַרלוירנקייט און עלנט. צוזאַמען דערמיט דערפילט מען אויך די עקלדיקע חרפה צוליב דעם אייגענעם געראַטעוועטן לעבן, דאָס געשענקטע פון דעם דייטשישן מערדער־אָפיציר. דער שווידערלעכער נסיון איז אַזוי פריש: פאַרגאַנגענע יאָרן פון לעבן, בשותפותדיקע אַרבעט און שטרעבונג, פרייד און האָפענונג, מי פון די וואָכן־טעג און רו פון שבת־יו״ט — דאָס אַלץ איז מיט אַ מאָל אויסגערונען, אַלץ איז אָפּגעריסן געוואָרן. שטיי איך איצט אַליין ווי אַראָפּגעפאַלן פון הימל אויף אַ פרעמדער ערד. וואָלט מען כאָטש געקענט זיך אויסוויינען, וואָלטן אַלע געיאָמערט אויפן פרישן בראָך, וואָס האָט אונדז געטראָפן. ווייסט מען אָבער, אַז מען געפינט זיך אין אוישוויץ, ווו יעדע פּערזענלעכע רעאַקציע איז אַ זיכערער טויט, און אַ קאָלעקטיווער אויסברוך איז אַן אַלגעמיינע פאַרלענדונג.

פון די דריי טויזנט מענטשן פון אונדזער טראַנספּאָרט, זענען מיר דאָ געבליבן בלויז עטלעכע הונדערט יונגע געזונטע מענער. אין אונדזער אָפּהענטיקייט שאַרט זיך יעדער צווישן די אַנדערע און זוכט אַ שותף צום טרויער און אַ פונק פון טרייסט אין „צרת רבים״.

מיין זון האָט מיך דעמאָלט דערזען און מיר האָבן זיך געטיילט מיט דעם צער און געלינדערט דעם טיפן עלנט. בלויז אויסנאַמען האָבן געהאַט אַזאַ מזל אין אוישוויץ.

אַלע שטייען מיר און וואַרטן אָפּ דעם ווייטערדיקן גורל. אַ גרופּע „קאַנאַדער״ גיט אויף אונדז אַכטונג, אַז מיר זאָלן זיך נישט צעגיין איבערן פּלאַץ, זיך נישט מאַכן גרוים, נאָר שטיין צוזאַמענגעדריקט אין ענגשאַפּט.

פון דער ווייטנס זעט מען ווי פון אַ בלאָק קומען אַרויס פרויען נאָך דער באָד. דאָס זענען די פרויען, וועלכע זענען אַריבער אויף דער רעכ־טער זייט.

— דאָרט שטייט אונדזער גיטעלע! — זאָגט מיין זון. איך קוק און דערקען נישט מיין עלטסטע טאָכטער גיטעלע פון דער ווייטנס.

— יאָ! דאָרט איז גיטעלע, מען האָט איר אָפּגעשוירן די האָר פון קאָפּ. — איך קוק זיך גוט איין, און איך דערקען גיטעלען. דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך האָב געזען מיין עלטסטע טאָכטער, פון 21 יאָר.

# די צווייטע סעלעקציע אין אוישוויץ

גלייך מיטן איבערטרעטן די שוועל פון דעם „באָד־אַנשטאַלט״ האָבן מיר געפילט, אַז מיר זענען אַריינגעפאַלן אין אַ פרישן גיהנום. „קאַנאַדער״ האָבן, מיט זייערע שטעקנס, באַגלייטע מיט זידל־שפּראַך, אָנגעוואָרפן אויף אונדז אַ פרישע בהלה און אונדז צעטומלט. זיי באַפעלן אונדז זיך אויסצוטאָן. איך טו זיך אויס און קוק זיך אַרום ווו צו לייגן דאָס אָנטון. אין דער זעלבער צייט צעפירט זיך אַ „קאַנאַדער״ איבער מיר מיט זיינעביידע הענט: מיט דער רעכטער האַנט שלאָגט ער מיך מיטן שטעקן און מיט דער לינקער ווייזט ער מיר אָן אויף אַ באַרג מלבושים:

— וואַרף דאָ אַוועק דיין אָנטון! האָסט געהערט צי נישט? אַ סוף, שנעלער!

יעדערער באַקומט אַזאַ „לעקציע״, און דער באַרג מלבושים וואַקסט. עס ווערן אויסגעמישט די אַלע מענער־בגדים: אַרבעטער־בלוזן מיט קאַמ־גאַרענע אַנצעגער, אויבער־ מיט אונטער־וועש, שמוציקע שקאַרפּעטן מיט מאַנטלען. ס׳שטעלט זיך אַ פראַגע: ווי אַזוי וועט מען קענען פון דעם פּלאָנטער אויסזוכן דאָס אָנטון נאָך דער באָד?

די ענגשאַפט און בהלה־געיעג, צוזאַמען מיט דעם אַנגעוואָרפענעם פלאָנטער בגדים, שאַפן דעם איינדרוק, אַז מיר זענען גאָרנישט אין קיין באָד. מ׳וועט זיך שוין בכלל נישט דאַרפן אָנטון.

ווען אַלע זענען שוין אויסגעטאָן נאַקעט, ווערט אונדז אָנגעזאָגט, אַז בלויז די שיך מיטן פאַסיק אָדער שעלקעס פון די הויזן דאַרף מען מיטנעמען מיט זיך. איצט ווערן מיר אַריינגעטריבן אין אַ גרויסן צימער, דאָ מוזן מיר שטיין און וואַרטן אין אַ געפּרעסטער ענגשאַפט, בלויז אין דער רעכטער העלפט פון דעם צימער. די צווייטע העלפט מוז בלייבן ליידיק. פאַר וועמען? עס קומט אַריין אַ דייטשישער אָפיציר מיט אַ לעדערנער שפּיצרוט אין האַנט, און אַ הויכער, אויסדרעסירטער וואָלף־הונט גייט אים נאָך. ער און זיין הונט שפּאַצירן זיך אין דעם ליידיקן האַלבן צימער און מיר, די עטלעכע הונדערט נאַקעטע יידן, דריקן זיך נאָך מער צונויף מיט אונדזערע נאַקעטע קערפּערס.

די אַרבעט הייבט זיך אָן. פון יענער זייט טיר, פאַר דעם אַרויסגאַנג, שטייען דריי „קאַנאַדער״, זיי באַטראַכטן די נאַקעטע „פיגורן״, יעדן באַזונדער פון קאָפּ ביז די פיס. מען מוז זיך אַרומדרייען, עפענען דאָס מויל, אויפהייבן די צונג. נאָך דער דאָזיקער גרינטלעכער בדיקה ווערט מען אַריינגעלאָזט אין אַן אַנדערן צימער.

איך שטיי צווישן די לאַדזשער נאַקעטע יידן און וואַרט אויף מיין ריי. איך האָב באַמערקט, אַז איין „קאַנאַדער״ איז נישט מקפּיד אויפן אַריינקוקן אין מויל, שאַר איך זיך צו צו אים, ווייל איך האָב נישט קיין געזונטע ציין אין מויל. אפשר קומט דאָ אַ טויטשטראָף פאַר אַזאַ „פאַרברעכן״?

דער דייטשישער אָפיציר, וועלכער שפּאַצירט מיטן הונט אינעם ליידיקן האַלבן צימער, לאָזט נישט אָפּ קיין אויג פון די „קאַנאַדער״; עפּעס האָט ער באַמערקט, אַז איינער פון זיי האָט נישט גוט אַרומגעקוקט אַ ייד, איז ער צוגעגאַנגען צו אים, און אים געגעבן צוויי פּעטש. דער קאַנאַדער האָט געזשמורעט די אויגן, אָבער געשוויגן און ווייטער ממשיך געווען זיין אַרבעט. פאַרשטייט זיך, אַז דער פאַקט האָט אַנגעוואָרפן אַ פּחד אויף די אַלע נאַקעטע יידן.

אונדזער פּחד פאַרשטאַרקט זיך נאָך מער, ווען אַ „קאַנאַדער״ לאָזט

אַ ייד נישט אַריינגיין אין דעם צווייטן זאַל, נאָר שיקט אים צום דייטשישן אָפיציר. דער דייטש גיט פון דער ווייטנס אויף אים אַ קוק און הייסט אים זיך שטעלן ביי דער וואַנט אין דעם ליידיקן טייל פון צימער. דער אויס־דרעסירטער וואָלף־הונט שטעלט זיך גלייך לעבן דעם אומגליקלעכן נאַקעטן ייד.

אַלע נאַקעטע יידן קוקן איצט אויף דער וואַנט, ווו עס שטייט דער קרבן, אַ האַלב־טויטער פון שרעק. דער וואָלף־הונט ליגט און היט דעם ייד, ער זאָל זיך נישט באַוועגן. דער דייטש שפּאַצירט זיך הין און צוריק מיט אַ געהויבענעם קאָפּ און קלאַפּט מיטן שפּיצרוט אין זיינע גלאַנציקע שטיוול.

אָט ווערט נאָך איינער צוגעשיקט צו דער וואַנט לעבן דעם ערשטן. ווען איך בין שוין געשטאַנען ביים „קאַנאַדער" צו דער צווייטער סעגרע־גאַציע, האָב איך נאָך געטאָן אַ קוק אַהין און געזען דאָרט שטיין דריי יידן, דריי קדושים.

## די ווייטערדיקע צוגרייטונגען

נאָך דער צווייטער סעלעקציע וואַרטן מיר אין דעם צווייטן צימער, נאָך אַלץ נאַקעט. וואַרטנדיק קוק איך זיך צו צו די איינריכטונגען אין דער אוישוויצער באָד, די וועשערייען, די דעזינפעקציע־אויוונס און די מעכאַנישע קעסלען — אַ גיגאַנטישער טעכנישער אַפּאַראַט. די „קאַנאַדער" ווערן דאָ פאַרהאַרעוועט, זיי ברענגען און פירן אַוועק פּעק יידישע מלבושים, לאַדעווען אָן די קעסלען און רוקן זיי אויף די שינעס אין די אויוונס אַריין. פון די אויוונס זעצט אַ פּאַרע, וואָס פּילט אויס די באָדצימערן.

ענדלעך האָבן מיר זיך דערוווסט אויף וואָס מיר וואַרטן. מיר דאַרפן דורכגיין נאָך אַ פּאַזע פאַר דער באָד. דאָס אויסטאָן זיך פון די אייגענע בגדים און די נאַקעטע סעלעקציע זענען נאָך נישט גענוג, איצט קומט די דריטע פּאַזע — דאָס שערן.

די יסורים און בזיונות, וואָס די נאַקעטע מענטשן שטייען דערביי אויס, איז נישט צו באַשרייבן. די האָר אויפן גאַנצן קערפּער ווערן געריסן מיט טעמפּע מעסערס — פון קאָפּ ביז די פיס. אַ גאַנצער שפּאַלער מיט

„קאַנאַדער״ שערער שערן מיט זשילעטקעס. אַלץ ווערט באַגלייט מיט קללות. יעדער פון אונדז מוז דערפילן אויף זיין הויט דעם טעם פון יעדן שערער באַזונדער. דער ערשטער שערט די האָר פון קאָפּ, דער צווייטער ראַזירט די באָרד, דער דריטער קראַצט די האָר פון דער ברוסט, אַן אַנדערער — די מיטלסטע טיילן פון קערפּער — פּאָרנט און הינטן. דערביי מוז מען זיך שטעלן אין פאַרשידענע פּאָזיציעס, דעם ראַזירער זאָל זיין באַקוועמער, און ביי יעדן שערער הערט מען עקלדיקע באַמערקונגען, וואָס שמעקן מיט אונטערוועלט.

ערשט נאָך דעם קומט מען אָן אין באָד. די באָד באַשטייט פון אַ טוש מיט קאַלט און וואַרעם וואַסער. די שיך און דעם פּאַסיק אָדער שעלקעס טראָגט יעדער מיט זיך אין באָד אַריין.

אַ באַזונדערן שאָדן ליידן די, וואָס זענען געקומען מיט שטיוול. אין באָד ווערן זיי צוגענומען און מען באַקומט האָלץ־טרעפּעס. די שטיוול געהערן גראָד צו די, וואָס זענען געווען פּריווילעגירטע אין לאָדזשער געטאָ: די געטאָ־פּאָליציי, פאַבריק־לייטער א״א — די, וואָס האָבן זיך געקענט באַזאָרגן מיט נייע שטיוול צום „אומבאַקאַנטן נייעם וועג״. דאָ זענען אַלע „יודען״ גלייך.

דער אַרויסגאַנג פון דער באָד געפינט זיך פון אַן אַנדערער זייט. יענע זייט, ווו מיר זענען אָנגעקומען, האָב איך שוין מער פאַר די אויגן נישט געזען. ביים אַרויסגיין פון באָד גייט מען אַדורך אַ פּערפידע דייטשישע „איינריכטונג״: מען פאַלט אַריין אין אַ גריבל מיט טונקעלן וואַסער. מען זעט נישט די טיף פונעם וואַסער, עס מאַכט דעם איינדרוק פון בלאָטע, און דאָס אומדערוואַרטע איינזונקען שאָקירט אַלעמען, ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס דאַרף זיין דעזינפעקציע־וואַסער צו טובלען די יידישע פיס.

פון באָד פירט דער וועג אין אַ גרויסער שאַפּ: די לעצטע אָפּטיילונג פון דער אוישוויצער באָד־פאַבריק. עטלעכע מעטער איינער פונעם אַנדערן שטייען אויך דאָ די „קאַנאַדער״, יעדערער לעבן אַ באַרג אָנטון. די אַרויס־געקומענע פון באָד לויפן שנעל אַדורך דעם שפּאַלער פון די „קאַנאַדער״, כאַפּנדיק ביי יעדערן אַ שטיק אָנטון. ביים ערשטן באַקומט מען אַ העמד, ביים צווייטן כאַפּט מען גאַטקעס, ביים דריטן — הויזן, ביים פערטן —

אַ רעקל, ביים פינפטן — פוס־לאַפּן, ביים זעקסטן — אַ מיצל. ביים באַקומען די מלבושים טאָר מען זיך נישט אומקוקן, וואָס מען באַקומט: מען מוז כאַפּן און לויפן ווייטער. מעג דאָס אַנטון זיין צו גרויס אָדער צו קליין, צו שמאָל, צעריסן אָדער שמוציק. טאָמער וואָגט עמעצער עפּעס צו זאָגן אָדער צו פרעגן, קריגט ער מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ און — לויף ווייטער. די בערג אַנטון זענען אָנגעוואַקסן פון די יידישע מלבושים, צוגע־רויבטע אין די געטאָס און קאַצעטן, פאַרן דערמאָרדן און נאָכן דערמאָרדן די יידן. בלויז די פוס־לאַפּן און דאָס מיצל זענען געווען „אָריגינעלע" לאַגער־אַרטיקלען פאַר די יידישע קנעכט. די פוס־לאַפּן זענען געווען צוויי שטיקלעך דיקע שמאַטעס, צונויפגענייטע אין דערמיט מיט אַ דיקער נאָט, ס'איז אויסגעקומען צו טרעטן פונקט אויף דער גראָבער נאָט. אויך די מיצלען זענען גענייט געוואָרן פון פאַרשידענע אַלטע שמאַטעס.

ווייטער שטייט נאָך אַ „קאַנאַדער", וואָס פירט אויס די לעצטע פּראָ־צעדור פון דער אוישוויצער באָד. מיט אַ בלעך פון איילפאַרב, אין וועלכן ער טונקט אַ באַרשט און שמירט אָן דריי פּאַסן אויף אונדזער אַנטון. יעדער, וואָס קומט אַרויס פון באָד, מוז אויך צו אים צוגיין און לאָזן זיך אויסמאָלן פּאַסן, פון בײדע זייטן הויזן, פון רעכטס און לינקס און אין מיטן דער פּלייצע. די קאָלירטע איילפאַרב קלעפּט זיך גוט צו צום אַנטון און לאָזט זיך שוין נישט אָפּרייניקן. דערמיט ווערן מיר „געקרוינט" פאַר יידישע קאַצעטלער.

## „יודישע העפטלינגע" אין „ציגוינער־לאַגער"

די עטלעכע און צוואַנציק בלאָקן זענען געשטאַנען פון בײדע זייטן שאָסיי. די פּוילישע מיליטערישע קאַוואַלעריע האָט פאַר דער 2טער וועלט־מלחמה קאָנצענטרירט דאָ אירע פערד, און פאַר זיי זענען עס געבויט געוואָרן די לאַנגע פערדשטאַלן מיט קליינע פענצטערלעך און ליכט־עפענונגען אין דאַך, לענג־אויס דער שטאַל. אין מיטן איז געשטאַנען אַן אויוון, פון בערך אַ מעטער הויך. פון בײדע זייטן פלעגן אַ מאָל שטיין די קאַוואַלערסקע פערד.

די דייטשישע אָקופּאַנטן האָבן אַרויסגענומען די פערד פון די דאָזיקע

פערד־קאַזאַרמעס אין בירקענאַו־אוישוויץ און פאַרשיקט אַהין ציגיינער. אין זומער 1944 האָבן די דייטשן ליקווידירט די „ציגוינער־לאַגערן". אַלע ציגיינער, וואָס האָבן דאָרט „געוווינט", זענען מיט די פרויען און קינדער, געשיקט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן.

אין די דאָזיקע „ציגוינער־לאַגערן" זענען געשיקט געוואָרן די לאָדזשער יידן; דאָ אַהער זענען אָנגעקומען די טראַנספּאָרטן פון דעם גאַנצן חודש פון דער ליקווידאַציע פון געטאָ — די יידן, וואָס זענען אַרויס לעבעדיק פון די סעלעקציעס. אַזוי אַרום איז דער „ציגוינער־לאַגער" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „יודען־לאַגער". דאָס איז געווען אַ באַזונדערע וועלט, אָפּגע־גרענעצט מיט הויכע עלעקטריזירטע שטעכלדראָטענע ווענט פון אַלע אַנדערע לאַגערן אַרום.

קיין שום קאָנטאַקט מיט די אַרעסטאַנטן פון יענער זייט דראָטענער צוים האָבן מיר נישט געקענט האָבן. דאָ האָבן מיר דערפילט דעם אונטער־שיד צווישן געטאָ און קאַצעט. אין געטאָ האָבן מיר טאַקע געליטן אַ שרעקלעכן הונגער און געציטערט פאַר די אויסזידלונגען, אָבער אַזוי לאַנג, ווי מען האָט זיך דערהאַלטן ביים לעבן, איז מען דאָך נאָך געווען אַ מענטש. מ'האָט געוווינט אין דירות צוזאַמען מיט די משפחות. נאָך דער אַרבעט אין דער פאַבריק און נאָך די רייעס אָפּצונעמען די ראַציעס, איז מען געווען ביי זיך אין דער היים; די נאַכט־אָפּרו איז נישט צוגערויבט געוואָרן. אין בירקענאַו־אוישוויץ דאַקעגן איז קיין איין מינוט פון די פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת נישט געווען פריי — מען האָט נישט געטאָרט טאָן וואָס מען וויל. שטענדיק איז מען געווען געיאָגט און געפּלאָגט, געטריבן אין ענגשאַפט און מיט טומל, אונטער פחד און געשלעג. זינט מען שטייט אויף, נאָך אין דער פינצטערער נאַכט, ביז צום איינשלאָפן אין דער צווייטער נאַכט, ווערט מען געטריבן מיט אַ ווילדן ריטשען־קוויטשען און מיט שטעקנס, געשמיסן און געוואָרפן פון איין אָרט אויפן צווייטן.

שלעגערס זענען דאָ אַ סך, אַ גאַנצע קייט פון ראַנגעס זענען באַפול־מעכטיקט דערצו. דער הויפּט, דער גרעסטער צווישן די אַלע שלעגערס, איז דער דייטשישער לאַגער־פירער אַליין. דערנאָך גייט דער לאַגער־

עלטעסטער, בלאָק־עלטעסטער, שטובן־דינסט א״אַ. אַ ספּעציעלן אַמט צום שלאָגן פאַרנעמט דער „קאַפּאָ״ (קאָמעראַד־פּאָליציי).

בלויז אין געציילטע, זעלטענע מאָמענטן, מערסטן טייל איידער מען ווערט פאַרזונקען אין טיפן שלאָף, דערמאָנט מען זיך אין דעם פאַרגאַנגענעם לעבן, פון וועלכן ס׳איז נישט געבליבן קיין שום סימן. מען איז געבליבן עלנט, אָן אַ נאָמען, אָן אַ דאָקומענט, אָן אַ בילד, אָן אייגענעם מלבוש אויף זיך — אָן קיין שום אָנדענק. מען איז אויסגעריסן געוואָרן פון לעבן, גלייך ווי מען וואָלט געוואָרן אויסגעשפּיגן פון דער ערד. ווען נישט דער זכרון, וואָס האָט אונדז פאַרבונדן מיט דער פאַרגאַנגענהייט, וואָלטן מיר אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז אַ מאָל זענען מיר געווען מענטשן און אַז מיר שטאַמען פון מענטשן.

# דער אוישוויצער „בעל־דרשן״

אויפן שטח פונעם ציגיינער־לאַגער האָב איך זיך געטראָפן מיט לאָדזשער יידן, וואָס זענען געקומען מיט איינעם פון די פריערדיקע טראַנס־פּאָרטן, מיט חברים, באַקאַנטע. דאָרט האָב איך זיך איבערצייגט, אַז אַלע טראַנספּאָרטן, וואָס זענען געשיקט געוואָרן פון לאָדזשער געטאָ אינעם ליקווידאַציע־חודש, זענען פאַרשלעפּט געוואָרן דאָ אַהער — קיין אוישוויץ.

— האָסט שוין געהערט דעם אוישוויצער „בעל־דרשן״? — פרעגט מיך שלמה אייכענבוים מיט דער אוישוויצער, ביטערער איראָניע. איך קוק אויף אים מיט שטוינונג: ווי קומט אין דעם אוישוויצער שעכטהויז אַ בעל־דרשן?

באַלד האָט מען אַלעמען פון אונדזער טראַנספּאָרט אַריינגעשיקט אין דעם ספּעציעלן בלאָק אַריין אויף צו הערן דעם „בעל־דרשן״. ער איז אַריינגעקומען מיט צווי געהילפן. זיי האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אויפן אויוון־מויער פון מיטן בלאָק און באַפוילן, אַז מיר זאָלן אַלע שטיין פון איין זייט בלאָק און שטיל אויסהערן וואָס מען וועט אונדז זאָגן. זענען מיר אַלע געשטאַנען ענג צונויפגעפּרעסט אין אַ האַלבן בלאָק. דער צווייטער האַלבער בלאָק איז געווען ליידיק.

דער רעדנער הייבט אָן רעדן. ער רעדט צו אונדז יידיש, ער מוסרט אונדז שטרענג מיט אַן אונטערוועלטישן לעקסיקאָן. ער דראָט אונדז מיט שפּיזיקע אויגן, מיט אויסגעצויגענע הענט און מיט נאַקעטע ווערטער:

— דאָ אין לאַגער טאָר מען נישט האָבן קיין געלט, וואַלוטע, גאָלד אָדער ברילִיאַנטן. נישט קיין האַרטע און נישט קיין ווייכע. זאָל יעדער, אָבער טאַקע יעדער, אָפּגעבן אַלץ, וואָס ער האָט. מ׳ווייסט גאַנץ גוט, אַז צ׳האָט באַהאַלטן די מאַיאָנטקעס אין מויל און אין לאָך פון ט... מ׳ווייסט סיי ווי ווער ס׳האָט באַהאַלטן. וועט עך דאָס באַלד אָפּגעבן, וועט גאָרנישט געשען, אויב נישט, וועט זיין ווי׳ און ווינד.

זיין „דרשה״ גרילצט אין די אויערן און רופט אַרויס שרעק און שטוינונג. פון וואַנען זאָלן די לאָדזשער יידן האָבן פאַרמעגנס, נאָך די אַלע יאָרן פון דייטשישן רויב, נאָכן הונגער און פּיין, נאָכן אַדורכגיין די אויסשוויצער באָד, ווו מ׳האָט איבערגעלאָזט אַפילו דאָס אייגענע אָנטון? אָבער ער רעדט ווייטער, אין זיין אויסדרעסירטער רעדע באַנוצט ער זיך מיט דראָונגען פון קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט:

— אויב עמעצער ווייסט פון אַ צווייטן, וואָס האָט באַהאַלטן געלט, זאָל ער דאָס גלייך אויסגעבן. עך זאָלט געדענקען, אַז דאָ איז אוישוויץ!...

נאָך דער רעדע באַפעלט ער מיר זאָלן אַלע, אין איין אויגנבליק, איבערלויפן אינעם לײדיקן האַלבן בלאָק. ער און די געהילפן באַפאַלן אונדז דערביי מיט זייערע שטעקנס. עטלעכע הונדערט מענער גיבן זיך אַ וויג, אַזוי ווי אַ בלאָז אין שטורעם. די, וואָס באַקומען די שטעקנס, שטופּן פאָרויס און ברעכן די גרענעצן פון לאַנגזאַמקייט און אָפּהאַלט. די, וואָס פאַלן אום, ווערן געטראָגן פון דער גאַנצער מאַסע, וואָס לויפט אינעם לײדיקן האַלבן בלאָק אַריין.

אין דער טאָג־טעגלעכער קאַצעט־פּראַקטיק האָט זיך אפשר אַ מאָל געטראָפן, אַז נאָכן איבערלויפן פון די געפאַנגענע, איז געבליבן ליגן אַן אַוועקגעוואָרפענער פאַרמעגן. ביי אונדז, לאָדזשער געטאָ־יידן, האָבן זיי גאָרנישט געהאַט וואָס אויפצוהייבן פון לײדיקן דיל.

# דער אוישוויצער „שעניצקי"

דער אַקטיווסטער אינספּעקטאָר פון „אַרבייטס־איינזאַץ" אין אוישוויץ, וואָס איז געקומען דירעקט אין קאָנטאַקט מיט די לאָדזשער העפטלינגע, איז געווען דער אוישוויצער „שעניצקי". ער איז געווען אַ נידעריקער, דיקער פּאַרשוין, גערעדט האָט ער אַ גוטן פּויליש, פאַרשטייט זיך — מיט דער אונטערוועלטישער טאָנאַציע, אַזוי ווי ס'פּאַסט פאַר אוישוויץ. פון וואַנען האָט זיך דער פּאַרשוין דערשלאָגן צו דער אַקטיווער פונקציע אין אוישוויץ? דאָס האָט קיינער פון אונדז נישט געוווּסט; מען האָט אויך נישט געוווּסט ווי ער הייסט. די לאָדזשער האָבן אים גערופן — דער אוישוויצער „שעניצקי".

דער נאָמען שעניצקי איז די לעצטע יאָרן געווען זייער פּאָפּולער אין לאָדזשער געטאָ: שעניצקי איז געווען דער לייטער פון „אַרבייטס־איינזאַץ" אין געטאָ. דעריבער האָבן די לאָדזשער העפטלינגע גערופן דעם אינס־פּעקטאָר פון אוישוויצער „אַרבייטס־איינזאַץ" — דער אוישוויצער „שעניצקי".

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, זינט ס'איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה, צו טרעפן זיך מיט אַ פּאָליאַק, וואָס דינט אין דער אָפיציעלער היטלערישער היעראַרכיע.

דער דאָזיקער פּאַרשוין איז געווען ראַפינירט און געניט אין אַלע געביטן. ער האָט געלאָזט פילן די לאָדזשער העפטלינגע זיינע פויסטן און זיין שטעקן. ער איז דער ספּעציאַליסט פון עקזאַמינירן און אויספאָרשן די פּאַכקענטענישן פון די, וואָס האָבן זיך צוגעשטעלט און רעפלעקטירט צו אַרבעטן ביי אַ באַשטימטן פאַך. האָט מען געמאָלדן, אַז מען נייטיקט זיך אין שלאָסער, איז זיין שטעקעלע געוואָרן ביי אים אַ פייל:

— דאָס איז אַ פייל, נעם דאָס און הייב אָן פיילן! — האָט ער באַפוילן דעם ייד, וואָס האָט זיך צוגעשטעלט פאַר אַ שלאָסער. גלייך ווי יענער האָט גענומען דאָס „פיילעכל" אין האַנט און אָנגעהויבן „פיילן", האָט דער אוישוויצער „שעניצקי" גלייך דערקענט, צי ער איז טאַקע פון דער בראַנזשע. אויב נישט, נעמט ער צוריק דאָס שטעקעלע, זידלט אים אָן און באַגלייט אים מיט קלעפּ. אַ צווייט מאָל, ווען מען האָט געפרעגט אויף בויער, איז זיין

שטעקעלע געוואָרן אַ קעלניע. אַז מ׳האָט זיך גענייטיקט אין אַ טישלער, איז זיין שטעקעלע געוואָרן אַ הובל:

— נעם אַרבעטן מיט דעם הובל! — זאָגט ער צו די, וואָס קומען זיך מעלדן פאַר טישלער. זיין געניט אויג דערקענט גענוי, ווער ס׳איז באמת אַזאַ פאַכמאַן און ווער נישט. נאַטירלעך, זענען די מערהייט געווען נישט פון די פאַכן; יעדערער האָט געשטרעבט זיך אַרויסצובאַקומען פון גיהנום. האָט דער אוישוויצער „שעניצקי״ געווילדעוועט איבער די יידן מיט די פויסטן און שטעקנס.

ווי געזאָגט, איז דער גאַנצער אוישוויצער „אַרבייטס־איינזאַץ״ געווען אַ דייטשישער בלאָף, כדי צו צעטומלען, אַרומצואיאָגן און דעזאָריענטירן די העפטלינגע. אַלע יידישע העפטלינגע פון בירקענאַו־אוישוויץ זענען געשיקט געוואָרן, נאָך דער איבערגאַנג־צייט, אין אַרבעטס־לאַגער, צו די שווערסטע פיזישע אַרבעטן, וואָס אין 90% פאַלן האָט מען זיי נישט אויסגעהאַלטן.

## די זופּ אין אוישוויץ

מיטאָגצייט ברענגט מען פאַר יעדן בלאָק צוויי אָדער דריי קעסלען זופּ.

אין משך פון די צוויי וואָכן, וואָס איך בין דאָרט געווען, האָב איך זיך נישט צוגעוווינט צו דעם אופן טראָגן אָט די קעסלען: יעדן קעסל טראָגן אַכט מאַן. ווי אַזוי איז מעגלעך, אַז אַכט מאַן זאָלן אַרומרינגלען אַ קעסל זופּ און גלייכצייטיק אים טראָגן? ער ווערט געטראָגן בלויז דורך צוויי מאַן. ביי די אויערן פון ביידע זייטן קעסל, די איבעריקע העלפן צו מיט זייערע געביילטע פויסטן, וואָס קלאַמערן זיך איינער אין דעם צווייטנס. אין אַ גלייכער ליניע, פילן די אַכט אויס די גאַנצע ברייט פון שאָסיי: פיר פון דער רעכטער זייט און פיר פון דער לינקער. אַזוי אַרום זענען די צוויי, וואָס האַלטן אָן דעם קעסל ביי די אויערן איינגעקלעמט אין מיטן, און אַלע צוזאַמען שפּאַנען מיט דעם קעסל זופּ צום בלאָק.

אַרום 20 — 30 טריט הינטער זיי שפּאַנען אויפן שאָסיי נאָך אַכט מאַן, וועלכע טראָגן נאָך אַ קעסל זופּ אויף דעם זעלבן אופן. אַ ביסל ווייטער — אַ דריטע גרופּע מיט זייערן קעסל זופּ. ס׳האָט זיך נאָך נישט פאַרענדיקט

דער מאַרש פון די קעסלען זופּ פאַרן ערשטן בלאָק. באַווייזן זיך אויפן שאָסיי פרישע גרופּעס מיט די קעסלען פאַרן צווייטן בלאָק. און אַזוי ביז צום לעצטן. די גרופּעס מיט די קעסלען ציִען זיך אויפן שאָסיי ווי קאַראַוואַנען, פון דער לאַגער־קיך ביז די בלאָקן.

די אַכט מאַן קענען נישט שטיל רעדן צווישן זיך: זייענדיק אויסגעשטעלט אין אַ גלייכער ליניע, מוזן זיי אויפהייבן זייערע שטימעס. דער רעש פון די טריט אויף די שטיינער פון ברוק הילכט אָפּ אין איינעם מיט די הויכע געשפּרעכן פון די מאַרשירנדיקע. דאָס אַלץ דערמאָנט אין דעם קלאַנג פון אַן אינוואַזיע פון פּרימיטיווע אַלטערטימלעכע שבטים.

די געשפּרעכן וואָס ווערן געפירט אַרום די קעסלען זופּ, זענען טאַקע קאָנצענטרירט אַרום די זופּן:

— צי איז היינט די זופּ אַ ביסל געדיכטער ווי נעכטן?

— דער שעפּער האָט נעכטן נישט גוט אונטערגעמישט אין קעסל, ווען ער האָט מיר אַריינגעגאָסן מיין זופּ.

— נעכטן האָט דער נידעריקער, דער געלער, „אָרגאַניזירט" נאָך אַ זופּ, און דער הויכער, דער שוואַרצער, איז געבליבן אָן איין זופּ.

אַזעלכע און ענלעכע געשפּרעכן ווערן געפירט בעת די „פּראָצעסיעס" מיט די קעסלען.

אין מיטן דעם מאַרש הייבט זיך טייל מאָל אָן אַ געשריי:

— כאַפּט אים! שנעלער, יאָגט אים!

דאָס שרייט מען אַריבער צו די מענער פון די בלאָקן, אַז מען זאָל כאַפּן דעם „גנבֿ": אַ יונגן בחור, וואָס איז אַרויפגעלאָפן אויפן שאָסיי, אונטערגעקומען צו אַ קעסל און אַרויסגעשעפּט אַ טעפּל זופּ. ער איז שנעל אַנטלאָפן, זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ וואַנט פון דעם בלאָק און אויסגעזופּט זיין גנבֿה.

די, וואָס טראָגן די קעסלען מיט געשלאָסענע הענט, קענען זיך נישט אָפּשטעלן — וואָס ס'זאָל נישט געשען, שטעלן זיי זיך נישט אָפּ, נאָר גייען ווייטער.

אַ צווייטער בחור, וואָס האָט געזען יענעמס געלונגענעם שריט, טוט נאָך יענעמס ביישפּיל, ער לויפט אויך אַרויף אויפן שאָסיי און שעפּט אַרויס

זופּ מיט זיין בלעך. אויך איצט ווערט אַן אַלאַרם־געשריי. דאָס יינגל אַנט־לויפט און וויל אויך געניסן פון זיין גליק. אָבער ער נעמט פאַרזוכן, קומט פּלוצלינג אונטער אַ קאַפּאָ מיטן שטעקן און קלאַפּט פון אים אַרויס די זופּ, וואָס ער האָט געגעסן „אייערנעכטן". אַזעלכע סצענעס חזרן זיך איבער טאָג־טעגלעך. די, וואָס זענען דרייסט, אַנטלויפן לאַכנדיק און געניסן פון זייערע פעיִקייטן, זיי קענען עס באַווייזן בלויז צוליב דעם, וואָס זיי האָבן פּראָטעקציע ביי די עלטעסטע אָדער די קאַפּאָס. דאַקעגן די, וואָס האָבן נישט קיין „פּלייצע", ריזיקירן מיטן אייגענעם לעבן איבער אַ ביסל זופּ.

מיט אָט דעם ווילדן בילד פון טראָגן די זופּ־קעסלען אין די בלאָקן ווערט ערשט אָנגעהויבן די פּרשה פון „מיטאָג" אין אוישוויץ. מען שטעלט זיך אויס אין אַ ריי צו נעמען די זופּ. לעבן דעם בלאָק שטייט אַ קאַסטן מיט פאַרשידענע סאָרטן כלים. דאָס זענען אַלטע, אָפּגעריבענע, צעבויגענע און געלעכערטע „כלים מכלים שונים": טיפע טעפּ און פלאַכע ראָנדלען, ברייטע בלעכן און שמאָלע פושקעס, מעשענע פאַנען און געווייַנלעכע שיסלען, שוואַרצע פאַטעלניעס און צעבויגענע מענאַשקעס. דאָס ערשטע מאָל האָב איך באַקומען אַ ברייטע בלעך, אין וועלכער די זופּ האָט קוים צוגעדעקט דעם דנאָ; נאָך איידער איך האָב פאַרזוכט פון דעם „מיטאָג", האָב איך דערפילט, אַז די זופּ רינט פון אַ לאָך אין דנאָ. האָב איך געמוזט צוהאַלטן מיט אַ פינגער, די זופּ זאָל נישט אין גאַנצן אויסרינען און וואָס שנעלער עס אויפעסן. אַן אַנדערש מאָל האָב איך באַקומען אַ פלאַכן ראָנדל. איך האָב דאָס געמוזט אָנהאַלטן גלייך, די זופּ זאָל זיך נישט איבערגיסן. אַן אַנדערן טאָג איז מיר אַריינגעפאַלן אַ שמאָלע פושקע מיט לעכער אין דער זייט און איך האָב מאַניפּולירט מיט דער פושקע אויף אַלע זייטן, גלייכצייטיק זופּנדיק די זופּ, זי זאָל נישט אויסרינען. רעקלאַמירן אָדער ווען טוישן אַ כלי — פון דעם טאָר מען אין אוישוויץ אַפילו נישט חלומען.

דער אופן פון צעטיילן און עסן דעם „מיטאָג" ווערט געענדערט יעדן טאָג און מען מוז פאָלגן די באַפעלן. איין טאָג דאַרפן אַלע זיך שטעלן אין דער ריי אין דער רעכטער זייט בלאָק, און נאָכן באַקומען די זופּ — איבער־גיין אויף דער לינקער זייט און דאָרט עסן שטייענדיק. אַ צווייט מאָל מוז יעדער אַריינגיין אין בלאָק אַריין און אַרויסגיין מיט זיין כלי. כדי מען

זאָל אים אָנגיסן די זופּ אין דרויסן. צו מאָרגנס מוזן אַלע ווידער שטיין אין דער ריי פון דער רעכטער זייט בלאָק, און נאָכן באַקומען די זופּ, מוז יעדער זעצן זיך אויף דער ערד — פון דער לינקער זייט בלאָק.

דאָס „מיטאָג" מוז מען זופּן: קיין לעפל האָבן מיר אין אוישוויץ נישט באַקומען און מיר האָבן דאָס נישט געטאָרט פאַרמאָגן. אויב עמעצן איז אַריינגעפאַלן אַ ביסל געדיכטס אָדער אַ שטיקל קאַרטאָפל, האָט ער עס געדאַרפט אַרויסקראַצן מיט די פינגער.

עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך צוגעפּאַסט צו דער טאָגטעגלעכער ברוטאַלקייט פון אוישוויצער לעבן; זיי פלעגן שנעל אויס־טרינקען די ערשטע פּאָרציע זופּ און זיך ווידער אַריינדרייען אין דער ריי צו באַקומען נאָך אַ ביסל זופּ. לסוף זענען שטענדיק געבליבן עטלעכע, פאַר וועלכע עס האָט נישט געסטייעט. דער קעסל איז שוין געווען ליידיק.

פאַרשטייט זיך, אַז אין אוישוויץ האָבן מיר אויך נישט געטאָרט פאַר־מאָגן קיין מעסערס. די פּאָרציעס ברויט, וואָס מיר פלעגן באַקומען, האָבן מיר געמוזט פּשוט צעברעכן און בייסן. אָבער אין די קורצע מינוטן פון דער פרייער צייט זענען די יידן נישט געזעסן ליידיק: מען האָט זיך געמאַכט לעפל און מעסערס. אָנגעהויבן האָט אַ שלאָסער, ער האָט געפונען אַ שטיקל בלעך און האָט עס געפיילט אויף די שטיינער, געריבן און געפּוצט, און אַזוי לאַנג געמייסטערוועט, ביז ס'איז געוואָרן אַ „מעסער". אַ טישלער האָט גענומען אַ שטיקל האָלץ, געשניצט מיט שערבעלעך גלאָז און געמאַכט אַ הילצערנעם „לעפל". נאָך זייער ביישפּיל האָבן אַנדערע אויך גענומען טאָן דאָס זעלבע. ווי נאָר ס'איז געקומען אַ מינוט רו פון דער אוישוויצער יאָגעניש און לויפעניש, האָט מען געאַרבעט: געפיילט אויף שטיינער, געשניצט מיט גלאָז — און ס'איז געגאַנגען אַ פאַבריק פון לעפל און מעסערס.

ווער ס'האָט זיך דערוואָרבן אַזאַ שטיק „לוקסוס", אַ מעסער אָדער אַ לעפל, האָט עס געמוזט גוט באַהאַלטן פאַר די קאַפּאָס און די עלטעסטע.

# דאָס יידישע מענער־„געזינדל״ אין אוישוויץ

א געזינד זאלבע אכט, און בעטן נאר צוויי,
און קומט אָן די נאַכט ווו שלאָפן דאָן זיי?
דריי מיטן טאַטן, און דריי מיט דער מאַמען,
הענטלעך און פיסלעך געפלאָכטן צוזאַמען.

אברהם רייזען

דער גרויסער דיכטער, וואָס האָט אַ מאָל מיט אָט די ווערטער באַזונגען די יידישע אָרעמקייט, איז מער נישטאָ. אָבער עמעצער מוז דאָך באַשרייבן אויך דאָס יידישע מענער־„געזינדל״ אין די אוישוויצער נעכט. ווי אַזוי האָט מען זיך „געבעט״ און ווי אַזוי איז מען געשלאָפן?

פאַרן שלאָפן־גיין פלעגט מען אַרויסטרייבן אַלעמען פון באַראַק אויף דער גאַס. אין באַראַק האָט מען דעמאָלט „געבעט״ צום שלאָפן. „געבעט״? ווי אַזוי האָט מען געקענט בעטן, אַז ס׳האָט זיך נישט געפונען קיין איין בעט אין באַראַק? דאָס „בעטן״ איז באַשטאַנען דערין, וואָס מען האָט אויסגעלייגט די פּאָדלאָגע מיט קאָלדרעס, דיוואַנען, קאָצן, און מיט אַלעם וואָס האָט זיך נאָר געלאָזט אויסשפּרייטן, און אַז ס׳איז שוין נישט געווען מער קיין אַלטע געוואַנטן, וואָס זאָלן צודעקן די גאַנצע פּאָדלאָגע פון באַראַק, איז אויך אַזוי גוט געווען. דערמיט איז שוין דער באַראַק גרייט און מען לאָזט אונדז אַריינגיין שלאָפן. דער געדראַנג צום אַריינגיין איז אין לשער, יעדער וויל זיך אַריינשטופן וואָס פריִער, כדי צו פאַרנעמען אַ בעסערן פּלאַץ. די בעסטע ערטער צום שלאָפן זענען לענג־אויס דער וואַנט, ווו דער קאָפּ לענט זיך אָן אין דער וואַנט, קיינער טרעט נישט אַרויף אויף אים, און מען קען זיך „אָנשפּאַרן״ מיט די פיס אויף יענעמס קאָפּ. דער מצב פון דער צווייטער ריי, וואָס לייגט זיך אויף דער פּאָדלאָגע, איז נאָך אויך נישט דער ערגסטער, און אַפילו די דריטע און פערטע רייען זענען נאָך אויך מיט חסד. ערגער איז מיט די, וואָס קומען אַריין אין באַראַק די לעצטע. פאַר זיי איז שוין נישטאָ קיין אָרט אויף דער פּאָדלאָגע צו ליגן, זיי מוזן זיך אַריינשטופּן צו זיצן. ביז עס ווערן פאַרנומען אַלע פּלעצער, שפּילן זיך אָפּ פיינלעכע סצענעס, מיט קרעכצן און געוויינען, געבייזערן און קללות, געבעטן און געשלעגן, קאָפּען מיט די פיס און שלאָגן איבער די קעפּ.

ווייטיקדיק ביז גאָר איז פּאַר די לעצטע, וואָס געפינען שוין נישט קיין שטיקל מקום אויף דער פּאָדלאָגע זיך אַנידערצוזעצן — די דרייען זיך אַרום ווי אויף גליִענדיקע קוילן. דער באַפעל פון די עלטעסטע איז, אַז אַלע מוזן שוין ליגן. זיי לויפן אַרום מיט די שטעקנס איבער די, וואָס ליגן נאָך נישט; די לעצטע לויפן איבער די ליגנדיקע מענטשן, פּאַרטשעפּען זיך אין זיי, פאַלן און ווערן צוריקגעשטויסן, לויפן, שפּרינגען און פאַלן ווייטער. דער עלטעסטער לויפט זיי נאָך, ער לויפט אויך אַרויף אויף די ליגנדיקע, אָבער ער טרעט איבער די מענטשן, און ווער ס'וואָגט צו מאַכן אַ קרומע מינע אָדער געבן אַ קרעכץ, דער קריגט אויך געשלאָגן מיטן שטעקן. דער עלטעסטער כאַפּט פּאַרט זיין קרבן און דערלאַנגט אים עטלעכע שטעקנס, אויך די, וואָס ליגן דערלעבן, קריגן געשלאָגן. ערשט דעמאָלט קורטשען זיך אַלע צונויף און דער פּאַרשפּעטיקטער קוועטשט זיך אַריין. אַזעלכע פּאַרשפּעטיקטע זענען פאַראַן יעדע נאַכט, און יעדע נאַכט קומען פּאָר מיט זיי די זעלבע סצענעס. דערפּאַר וויל יעדער זיין פון די ערשטע אַריינצוגיין שלאָפן אין בלאָק, דערפּאַר ווערט אַזאַ געראַנגל, אַזאַ שטופּעניש ביים אַריינגאַנג.

אָט אַזוי ליגט אויסגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע „דאָס יידישע מענער־געזינדל" אין די אוישוויצער באַראַקן. יעדע נאַכט בין איך געשלאָפן לעבן אַנדערע שכנים; אַ מאָל האָט מיר אַ שכן געקאָפּעט אַ גאַנצע נאַכט אין קאָפּ. אַ צווייטער האָט געשטאָכן די עלנבויגנס אין מיין לייב אַריין, אַ דריטער האָט מיך געלאָזט „אויסשמעקן" דעם ריח פון זיינע אינגעווייד. און אַנדערע נאַכט האָב איך געהאַט שכנים, וואָס האָבן אַליין זיך איינגע־קורטשעט, אַליין צעבראָכן דעם קערפּער אין יסורים, כדי די אַנדערע זאָלן פון זיי נישט ליידן.

אין אוישוויצער מענער־יידן־לאַגער שלאָפט יעדער איינזאַם, צווישן פרעמדע. אַפילו ווען מען האָט עמעצן פון דער משפּחה, אָדער אַ חבר, אַ באַקאַנטן, קען מען אויך נישט שלאָפן צוזאַמען. די ערשטע טעג אין אוישוויץ בין איך געווען צוזאַמען מיט מיין זון, אָבער שווער איז געווען צו שלאָפן צוזאַמען. דער מענטש ווערט דאָ ווי שטויב אין אַ שטורעם־ווינט; מען גייט נישט ווען און ווו מען וויל, מען ווערט געיאָגט פון די

עלטעסטע און געשטופט פון די פינף הונדערט מענטשן אין בלאָק, פון דער ענגשאַפט, בהלה און ווייסטער פּאַניק. מען ווערט צעריבן און צעשטויסן אין פאַרשידענע עקן פון בלאָק, פון איין זייט פון די עלטעסטע, וואָס באַפאַלן מיט די שטעקנס און פון דער צווייטער זייט — פון די מענטשן, וואָס לויפן און טרעטן איבער די, וואָס שטייען זיי אין וועג.

ליגן די מענטשן אין זייער איינזאַמקייט און יעדערער פיבערט נאָך פון פרישן צער איבער די אייגענע, וואָס זענען געשיקט געוואָרן אויף „יענער" זייט, ווי אויך פון שאַנדע פאַר דעם, וואָס אַליין איז מען געבליבן לעבן. ווען מען ווערט פאַרט פאַרזונקען אין שלאָף, שנאָרכט פון אַלעמען אַרויס אַן אַלגעמיינער קרעכץ. אַזאַ איז דער אָשוויענטשימער לאַגער־שלאָף.

## „אַרבייטס־איינזאַץ" אין אוישוויץ

ס'איז נאָך שטאָק־פינצטער ווען מיר ווערן דערוועקט מיט אַ הויכן, שטרענגן באַפעל: — אויף! אויף! גלייך ווערט מען מיט בהלה אַרויס־געטריבן אויף דער גאַס, און ס'הייבט זיך אָן דער קאַצעטלערישער אומרו. מען טרייבט פון איין אָרט אויפן צווייטן, אין „וואַשרוים", און באַלד צוריק אויף דער גאַס. די קאַלטע נאַכטווינטן עסן זיך איין אין די אויסגעפייניקטע, מידע גלידער. אין דער פינצטער גייט מען צו דער וואַנט פון בלאָק. איינער נאָכן צווייטן שטעלט מען זיך דאָרט, כדי צו שיצן זיך פון די קאַלטע ווינטן. כסדר קומען צו נאָך און טוליען זיך צו די, וואָס שטייען פון פריִער ביי דער וואַנט און מען וואַרעמט זיך איינער ביים צווייטן.

אָבער לאַנג קאָן מען נישט שטיין. נאָך איידער ס'ווערט ליכטיק, טרייבט מען אונדז ווייטער, אין בלאָק אַריין און צוריק אויף דער גאַס, נאָך דער „קאַווע" און צום „אַרבייטס־איינזאַץ". אַלע פון בלאָק דאַרפן זיך שטעלן צו דער קאָמיסיע, וועלכע באַטראַכט יעדערן באַזונדער, פאָרשט, סאָרטירט און סעגרעגירט צו באַזונדערע גרופּן. דאָס סאָרטירן די מענטשן צו פאַרשידענע פאַך־אַרבעטן איז געווען בלויז אויף צו צעטומלען זיי; יעדן טאָג האָט מען פאַרשריבן אַנדערע פאַכמענער — אַ מאָל לויט אַלגעמיינע בראַנזשעס, אַ צווייט מאָל לויט ספּעציעלע פאַכן — שלאָסער,

טישלער, בויער א״א. יעדערס מאָל האָבן מיר געמיינט, אַז איצט איז פאַראַן אַ האָפענונג אַרויסצודרייען זיך פונעם אוישוויצער שעכטהויז און אַרבעטן ביי פאַכמעגישע בראַנזשעס. ערגער ווי דאָ קען דאָך שוין נישט זיין. אָבער פון די אַלע פראַצעדורן — פון שרייבן, סאָרטירן, צעטיילן און צעשיקן די העפטלינגע אין באַזונדערע גרופן אויפן שטח — איז גאָרנישט געוואָרן. נאָך 3 — 4 שעה מהומה, שרייען און שלאָגן, פאַרשרייבן און יאָגן, האָט מען לסוף באַפוילן אויסמישן אַלע אין איינעם. אַזוי אַרום איז מען יעדן טאָג אויף אַן אַנדער אופן געוואָרן אָפּגענאַרט, דעזאָריענטירט און אַנטוישט.

ס׳זענען אָבער געווען אויך מאָמענטן ווען מען האָט נישט סעגרעגירט לויט די פאַכן, נאָר לויט דעם עלטער און פיזישן געזונט־צושטאַנד; די יונגע האָט מען געשיקט אין אַן אַנדער זייט אַריין. אויך מיין זון האָבן זיי געשיקט דאָרט, צו די יונגע העפטלינגע. איך האָב אָבער געוואָלט זיין צוזאַמען מיט מיין איינציקן זון, האָב איך זיך זייטיק צוגעשאַרט דאָרט אַהין. די קאַפּאָס זענען צוגעקומען צו מיר און מיך צוריקגעשיקט אויף זייער אופן. איך האָב נישט רעזיגנירט פון מיין פלאַן. בין איך אַוועק „שפּאַצירן״ אין אַ צווייטער זייט אַריין, און פון דאָרט זיך „אַריינגעדרייט״ צו דער יונגער חברה. אָבער אויך דאָס מאָל האָבן די קאַפּאָס מיך „דערווישט״, און מיט „לערנגעלט״, מיט זייערע שטעקנס, מיך צוריק משלח געווען צו די אַנדערע אוישוויצער קאַצעטלער. מיין זון האָט מען דעמאָלט אַוועק־געשיקט צוזאַמען מיט דער גרופּע יונגע אין אַן אַרבעטס־לאַגער און איך בין געבליבן אין אוישוויץ אַליין, אָן מיין זון.

## אַ פּ ע ל

אין די נאָכמיטאָג־שעהען איז פאָרגעקומען דער „אַפּעל״. דאָס איז דער צערעמאָניאַל פון ציילן די „יודען־העפטלינגע״. אַלע עלטעסטע און קאַפּאָס ווערן דעמאָלט אַקטיוו, לויפן ווי משוגעים מיט באַפעלן: איינ־טרעטן!״ צוויי שעה פאַרן אַפּעל ווערט מען צונויפגעטריבן אין די רייען. זיי לערנען אונדז, אויף זייער שטייגער, איינצוהאַלטן גלייכע רייען און

גלייכמעסיק אויספירן די קאָמאַנדעס. די באַפעלן ווערן אונדז געגעבן אויף אַ שטרענגן זעלנערישן אופן: „אַכטונג! רירט אייך!" די וואָס האָבן נישט איינגעהאַלטן די גלייכמעסיקייט, ווערן באַפאַלן פון די קאַפּאָס און עלטעסטע, מיט די פויסטן און שטעקנס. אַז זיי קומען אַריין אין רציחה, קאָפּען זיי ווילד מיט די פיס. זיי באַשטראָפן אויך דעם גאַנצן בלאָק מיט שטראָף־איבונגען, מיט „קני־בויגן", און ווידער מיט קלעפּ, אַפילו אָן אַ פאַרוואָס. אַפילו ווען אַלע פירן שוין פּינקטלעך אויס די קאָמאַנדע־באַפעלן, אפשר בעסער ווי לאַנגיעריקע זעלנער, ווערט אַלץ נישט אויסגעמיטן די פּיין פון קלעפּ און ווילדע אָנפאַלן אויף איינצלנע און אויף אַלע צוזאַמען.

אַזעלכע איינגעשטעלטע רייען, באַפעלן און געשלעגן הערט מען אין דער זעלבער צייט פון אַלע זייטן. ביי יעדן בלאָק זענען איינגעטרעטן די מענטשן פון דעם בלאָק. די קאַפּאָס און בלאָק־עלטעסטע גיבן זייערע קאָ־מאַנדעס און שטראָף־באַפעלן הויך, אַזוי אַז מען הערט זייערע ווילדע קולות אין דער גאַנצער אָפּטיילונג. איינער וויל איבערשטייגן מיט אַכ־זריות, מיט ווילדע געשרייען, דעם צווייטן. פון אַלע זייטן הערט מען די דייטשישע קאָמאַנדע־באַפעלן:

„אַכטונג! מיצן אָפּ! די אויגן לינקס! אויגן גראַדע אויס! רירט אייך!"

ווען דער טאָג הייבט זיך אָן פאַרטונקלען, איז דער מאָמענט פונעם אָפּיציעלן אַפּעל. די קאַפּאָס און עלטעסטע ווערן מיושבדיק און גרייטן זיך מיט גרויס ערנסט און פּחד. דעמאָלט ווערן מיר געציילט.

ס'טרעפט אָפט, אַז אין אַ געוויסן בלאָק איז פאַראַן מער העפטלינגע, ווי ס'דאַרף צו זיין, און אין אַ צווייטן בלאָק — ווייניקער. רעגולירן דאָס די עלטעסטע אויף אַן איינפאַכן אופן: מ'נעמט פון דער ערשטער שורה מענטשן פונעם בלאָק, ווו ס'איז פאַראַן מער, און מען שיקט זיי איבער דאָרט ווו ס'איז דאָ ווייניקער. די העפטלינגע זענען נישט רעגיסטרירט אין די בלאָקן לויט די נעמען. ס'דאַרף נאָר שטימען די צאָל — אַזוי פיל און אַזוי פיל שטיק.

בעתן אַפּעל ווערט אין דער גאַנצער אָפּטיילונג שטיל. אַלע האָבן זיך שוין איינגעשטעלט אין פּינקטלעכע גלייכע רייען, אַפילו די קאַפּאָס

און שטובן־עלטעסטע שטייען שוין אויך אין די רייען. פֿאַר אונדז שטייט בלויז איינער — דער בלאָק־עלטעסטער.

אין דער טיפֿער שטילקייט הערט מען פעסטע שטיוולטריט אויפֿן שאָסיי. דאָס גייט ער אַליין, דער דייטשישער לאַגער־פֿירער. אַז ער קומט צו אַ געוויסן בלאָק, גייט אים אַנטקעגן דער בלאָק־עלטעסטער און מעלדעט אים די צאָל העפטלינגע פֿון זיין בלאָק. די פעסטע, דרייסט־געזונטע טריט פֿונעם לאַגער־פֿירער אויפֿן שאָסיי שפּאַלטן די לופֿט און וואַרפֿן אָן אַן אימה אויפֿן גאַנצן לאַגער. אָט הערט מען שוין זיינע דרייסטע, געזונטע שטיוולטריט ביי אונדזער בלאָק. אונדזער בלאָק־עלטעסטער טוט אַ ברום: „אַכטונג! מיצן אָפּ! אויגן לינקס!״

אַלע קוקן צום שטרענגן פּרצוף פֿונעם הויך־שלאַנקן דייטש, אַנגעטאָן אין היטלערישן אָפֿיצירישן גלאַנץ.

דער בלאָק־עלטעסטער גייט מיט גרויס דרך־ארץ און שנעלע געמאָסטענע טריט צו אים, בלייבט שטיין געציילטע שפּאַן פֿאַר אים און מעלדעט אים אונדזער צאָל.

נאָכן דורכפּאַראַדירן פֿונעם לאַגער־פֿירער אין דער גאַנצער אָפּטיילונג פֿונעם „ציגוינער־לאַגער״ ווערט דער אַפּעל פֿאַרענדיקט.

„אַפּעל״ איז געווען דאָס געשפּענסט אין אַלע דייטשישע לאַגערן; אויסער יסורים און פּיין פֿון די קאַפּאָס און עלטעסטע ביים צוגרייטן צום אַפּעל, איז דאָס אויך געווען דער מאָמענט פֿון „לפקוד בדין״, ווען די אָפֿיציעלע באַשלוסן זענען אונדז איבערגעגעבן געוואָרן דורך דעם לאַגער־פֿירער אַליין. סעגרעגאַציעס, איבערשיקונגען, אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע שטראָפֿן זענען דעמאָלט אויסגעפֿירט געוואָרן אונטער דער אויפֿזיכט פֿונעם לאַגער־פֿירער.

# די אוישוויצער טבילה צו דער קנעכטישער פאַרשיקונג

אַ טאָג פריִער, איידער מיר זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן פון אוישוויץ, זענען אַלע פון אונדזער בלאָק געשיקט געוואָרן אין באָד אַריין. דאָס איז נישט געווען די זעלבע באָד ווו מיר זענען געווען בעת אונדזער אָנקומען אין אוישוויץ. דאָ האָט מען אַריינגעלאָזט קליינע גרופעס, צו 20 מאַן בלויז. די איבעריקע האָבן געוואַרט, ביז ס׳איז געקומען די ריי פאַר זיי.

בשעת אונדזער וואַרטן אין דרויסן, האָבן מיר געזען אַ גרופע אַרעסטאַנטן פון אַ צווייטן לאַגער. זיי האָבן געקוקט צו אונדז און מיר צו זיי. איינער פון זיי האָט זיך דערנענטערט און פאַרפירט מיט אונדז אַ שמועס. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זענען פוילישע אַרעסטאַנטן, וואָס זענען געשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ נאָך דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד. פאַר מיר און פאַר אַלע לאָדזשער קאַצעטלער איז דאָס געווען אַן איבעראַשונג. ערשטנס, איז עס געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס מ׳האָט זיך באַגעגנט מיט פאָליאַקן, פון יאָר 1940, זינט מיר זענען פאַרטריבן געוואָרן אין געטאָ אַריין. מיר זענען שוין נישט געווינט געווען, אַז עמעצער פון אַן אַנדער פאָלק זאָל רעדן צו אונדז אַזוי ווי צו נאָרמאַלע מענטשן. צווייטנס, איז דאָס געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיר האָבן אַ לעבעדיקן גרוס פון וואַרשע — אַז ס׳איז געווען אַ געטאָ־אויפשטאַנד און שפעטער אויך — דער אַלגעמיינער אויפשטאַנד אין וואַרשע. מיר האָבן געשלונגען יעדעס וואָרט. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אָנפירער פון די פוילישע אַרעסטאַנטן — ציראַנקעוויטש (דער שפעטערדיקער פוילישער פרעמיער־מיניסטער) — האָט געוואָלט אָנקניפּן מיט אונדז אַ קאָנטאַקט, פאַר אַ געמיינזאַמען קאָנספּיראַטיוון ווידערשטאַנד. אונדזערע געשפּרעכן זענען אָבער איבערגעריסן געוואָרן, ווייל די עלטעסטע האָבן פאַרטריבן דעם פאָליאַק צוריק צו זיין בלאָק. מיר האָבן נישט געוואָלט רעזיגנירן פון דעם קאָנטאַקט מיט זיי. עטלעכע פון אונדז האָבן דאָך, הינטער די ווענט פון די בלאָקן, „צושפּאַצירט״ צו זיי, דערציילט די פוילישע אַרעסטאַנטן וועגן דער טראַגישער לאַגע פונעם איזאָלירטן לאָדזשער

געטאָ בכלל און וועגן דעם פינאַל פון די רעשטלעך פונעם לעצטן יידישן געטאָ אין פוילן. צו דעררעדן זיך צו עפּעס קאָנקרעטס איז נישט געקומען, ווייל באַלד אויף צומאָרגנס זענען מיר געוואָרן פאַרשיקט אין אַן אַרבעטס־לאַגער.

דאָס אָנטון, וואָס מען האָט אונדז געהאַט געגעבן ביי אונדזער אָנקומען אין אוישוויץ, נאָך דער ערשטער באָד, האָט מען איצט אין דער באָד צוגענומען. די אָפּגעפאַרבטע פאַסן־צייכנס פון איילפאַרב אויף די בגדים, איז געווען צו ווייניק, קענטיק, פאַר די יידישע העפטלינגע אויף קנעכטישער אַרבעטס־פאַרשיקונג. אַרויסקומענדיק פון באָד, האָבן מיר באַקומען די אָפּיציעלע העפטלינגע־מלבושים. דאָס זענען געווען די געשטרייפּסטע קאַצעטלערישע, לייכטע ליינען־הויזן מיט אַ בלוזע אַן קעשענעס, אויך אַ מיצל פונעם זעלבן שטאָף. געשטעמפּלטע קאַצעטלער...

## „צידה לדרך"

במשך פון די צוויי וואָכן, וואָס איך בין געווען אין אוישוויץ, האָב איך זיך שוין געהאַט אַ ביסל צוגעוווינט צום דאָרטיקן גיהנום, צו די ניבול־פּה, צו די געשרייען און זידלערייען, צו די געשלעגן מיט די שטעקנס און פאַרשידענע יאָגענישן. די פּייניקונגען זענען שוין אַריין אין דער געוווינהייט און ס'האָט שוין נישט איבערראַשט. מען האָט זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צו די פערזענלעכע שטריכן פון יעדן כוליגאַנישן יונג פון די פירערשאַפטן אין די בלאָקן. אָבער אוישוויץ האָט פאַרגרייט צו אונדזער אָפּרייזע נאָך גרעסערע דערנידערונגען און פּיינען.

די לעצטע צוויי טעג פון אונדזער זיין אין אוישוויץ איז שוין נישט געפּראַוועט געוואָרן די פּראָצעדור פון „אַרבייטס־איינזאַץ", נאָר צוויי טויזנט מענטשן זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף אַ מאָל, און באַלד אויף צו מאָרגנס — נאָך צוויי טויזנט מאַן. די העפטלינגע ווערן אויסגעשטעלט און אָפּגעציילט אויף אַ באַזונדערן פּלאַץ, דאָרט באַקומט יעדער אַ שטיקל ברויט, דערנאָך אַ שטיקל וווּרשט מיט אַ שטיקעלע פּוטער, און מ'שיקט אַריין אין אַ באַזונדערן בלאָק אַריין.

ס׳רעדט זיך נאָר אַזוי: יעדער באַקומט אַ שטיקל ברויט. די מענטש־לעכע שפּראַך איז צו אָרעם צו שילדערן דעם אופן פון געבן דעם „צידה־לדרך״, מיט וואָסער בייזן בזיון, טויטשרעק, און געיעג מיר האָבן דאָס באַקומען. שנעל, פייל פון בויגן, ווערן מיר אויסגעשטעלט אין גלייכע רייעס און מען מוז דורכלויפן אַ שפּאַלער פון ס.ס.־לייט. די גאַנצע דינערשאַפט, אַלע קאַפּאָס און עלטעסטע, זענען דערביי אָרגאַניזירט און פירן אָן מיט דער אַרבעט. יעדער פון זיי וויזט אָן דעם וועג וווהין צו גיין, אויף וועלכן אָרט מען דאַרף אויסשטרעקן די האַנט צו דעם וווּרשט, און אויף וועלכן אָרט צו דער פּוטער. פאַרשטייט זיך, אַז דעם וועג ווייזן זיי מיט די שטעקנס איבער די קעפּ, אויפן אוישוויצער אופן. אין דער ריי מוז מען שטיין גלייך, נישט אָפּנייגן רעכטס אָדער לינקס. פאַר זיך זעט מען בלויז די פּלייצע פון דעם פאַרשטייעגדיקן. וואָס ס׳טוט זיך פאַר אים — זעט מען נישט. די ריי באַוועגט זיך שנעל, שפּאַנט מען שנעל פאָרויס, ביז דער פאָדערמאַן באַקומט דעם שטעקן און שפּרינגט אַוועק פון מיינע אויגן. דער אויטאָ מיט די דייטשן, אַרומגערינגלט מיט די עלטעסטע, אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר פּלוצלינג מיט זיין גאַנצער מער־דערישער דיסציפּלין. ווי אַ מחנה וועלף וואָס באַפאַלן און בייסן זיך איין אין לייב, אַזוי הייבן זיך די שטעקנס. איך וואָלט זיי מוחל געווען דאָס פּיצל פלייש, אַבי נישט דערנענטערן זיך צו די שלעגערס; אָבער אין אוישוויץ איז נישט ווי מען וויל, נאָר ווי די שטעקנס צווינגען, און לאַנג טראַכטן טאָר מען אויך נישט. די אַרבעט פון טיילן די 5 דק״ג וווּרשט גייט בליץ־שנעל. די שטעקנס, וואָס פאַלן אויף מיר פון אַלע זייטן, צווינגען מיך אויסצושטרעקן די האַנט, נעמען דאָס פּיצל פלייש און ווייטער האָפּסען. באַלד שטייט דער צווייטער אויטאָ. שוין בין איך ווידער אין שפּאַלער פון סאַדיסטישע שלעגער, ווידער פאַלט אויף מיר אַ האָגל מיט שטעקנס. איך מוז ווידער שנעל אויסשטרעקן די האַנט נאָך דעם פּיצל מאַרגאַרין־פּוטער, און ווי אויף גליִענדיקע קוילן — ווייטער אַוועק־שפּרינגען. אַזוי וויקלען זיך די רייעס, יעדער סעקונדע עפּנט זיך דער גיהנומדיקער קעסלגרוב פאַר אַן אַנדערן, יעדער רגע בלייבט אַן אַנדערער שטיין מיט דער זעלבער איבעררעשונג אין שרעק און קלעפּ.

די דייטשישע ראַסן־דיסציפּלין האָט נישט דערלויבט, אַז די ס. ס.־זעלנער זאָלן קומען אין דירעקטער באַרירונג מיט די יידן. מעגן דאָס זיין אַפילו מיט יונגע געזונטע מענער, פעיִקע צו דער פיזישער קנעכטישער אַרבעט. דעריבער זענען מאָביליזירט געוואָרן אַלע קאַפּאָס און עלטעסטע, אויסדרעסירטע כוליגאַנעס פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן: דייטשן פּאָליאַקן, אוקראַינער, יידן א״אַ, דורכצופירן שנעל די שמוציקע אַרבעט.

מיטן באַקומען דעם „צידה הדרך" איז מען נאָך אַלץ נישט פריי־געלאָזט געוואָרן; נאָך אַלץ איז פאַרגעזעצט געוואָרן דאָס גייעג מיט די שטעקנס פון די קאַפּאָס און עלטעסטע אין קעגנוואַרט פון די דייטשישע זעלנער, וועלכע האָבן זיך צוגעקוקט און געלאַכט, געהאַט פאַרגעניגן פון אונדזער פּיין. מיט דעם איצטיקן ווילדן גייעג האָט מען אונדז אַריינגעטריבן אין בלאָק אַריין.

# דער ווייגעשריי פון דער לעצטער נאַכט אין אוישוויץ

שווער צו שילדערן די געפילן פון אַ יידישן העפטלינג, ווען ער פאַלט אַריין אין בלאָק אַריין מיט די צוויי זאַכן: מיטן ברויט, וואָס ער האַלט אין דער האַנט און מיטן ווייטיק פון זיין צעביילטן קערפּער. עס ברויזט אַ פיזישע צעטרייסלונג פון יעדן אבר אַרויס. וואָלט מען געוואָלט זיך אַנידערלייגן, אויסגוויינען זיך, אָפּוואַשן די געפּייניקטע אברים און די באַליידיקטע נשמה. אָבער נישט אין אוישוויץ, ניין. דאָ האָט מען שוין געאַרגט נישט צו לאָזן אָפּרוען דעם ייד, נאָך אַלץ טיפער און טיפער אים פאַרזונקען, ווי אַ צעשלאָגענעם הונט.

אין בלאָק איז ענג. די מענטשן ווערן אַריינגעלאָזט איינער אויפן צווייטן. אין די פריִערדיקע נעכט זענען געווען אין בלאָק 500 מענטשן, איז מען געלעגן, געפלאָכטן הענט, פיס און קעפ צוזאַמען. איצט שטופּט מען שוין אַריין מער ווי טויזנט מענטשן. אַנדערע בלאָקן זענען ליידיק, אין גאַנצן געשלאָסן, און דאָ יאָגט מען אָן איינעם אויפן צווייטן, אַזוי

ווי די הערינג אין פאַס, צוזאַמענגעדריקט מיט פרעמדע מענטשן, וואָס יעדער פון זיי איז נאָך אין פרישן בהלה־שגעון.

געוועזן מענטשן, וואָס פון גרויס בהלה און ענגשאַפט האָבן זיי פאַרלוירן דאָס ברויט אָדער ווורשט, צי מאַרגאַרין. נאָך מער פאַלן זענען געווען פון גנבות. מען הערט געוויינען און געשרייען פון אַלע זייטן. דאָס געשריי אין זיך אַליין און דאָס געשריי אַרום זיך צווינגען דעם מענטשן צו באַשעפטיקן זיך מיט זיין פאַרציע עסן. דאָס געשריי אין זיך — דאָס איז דער הונגער. אין דער איינגעדריקטער ענגשאַפט, ווי נאָר דער שטעקן שטייט נישט פאַר די אויגן, הייבט אָן אַריינקריכן אין די נאָזלעכער דער טעם פון ברויט, ווורשט און מאַרגאַרין. די אויסגעהונגערטע אברים הייבן אָן מאָנען, ס׳דערוועקן זיך די גלידער, סיי די איינגעשלאָפענע, האַלב־טויטע און סיי די אויפגערייצטע, באַליידיקטע, די געשלאָגענע. אַלע אָדערן ציִען, אַלע ווילן זיך לינדערן און זעטיקן. דאָס געשריי אַרום זיך — דאָס זענען די קולות: „מיין ברויט! מ׳האָט מיר צוגעגנבעט מיין ברויט! ווי איז מיר״! צוליב די געוויינען און קרעכצן האָבן די מענטשן מורא פאַר דער פרעמדער ענגשאַפט פון אַרום. וויל מען זיך פאַרזיכערן, אַז דאָס וואָס מען האָט באַקומען מיט אַזוי פיל בזיונות און פיין, זאָל נישט פאַרפאַלן גיין. אין ענגשאַפט רייסט מען דורך די הענט צום פנים, מ׳פאַקט אַריין דאָס ברויט אין מויל צו שטילן דעם ווילדן הונגער און גלייכצייטיק זיך באַוואָרענען פאַר גנבים. דאָס פיצל ווורשט און מאַרגאַרין איז קודם־כל אויפגעגעסן געוואָרן. סיי ווי קען מען נישט אָפּשניידן אַ שטיקל ברויט, אָנשמירן און עסן ווי אַ מענטש. דערנאָך עסט מען דאָס פאָסנע ברויט. אַפּעטיט איז דאָ, דער עיקר גייט דאָך צו באַוואָרענען זיך אין דער גרויסער ענגשאַפט פאַר אַ גנבה. ווו צו באַהאַלטן — איז נישטאָ, אין דער בלוזע איז נישטאָ קיין קעשענע, בלויז אין די הויזן — איז דאָרט אויך נישט זיכער. דאָס בעסטע איז: אויפעסן.

די נאַכט פאַלט צו, און דער אָנגעוואָרפענער מענטשן־קנויל פון איבער טויזנט מענער שטייען אין געפרעסטער ענגשאַפט. די פיס ברעכן זיך איין, ס׳ווילט זיך אָנידערפאַלן אויף דער ערד און שלאָפן, אָבער ס׳איז נישטאָ

קיין שטיקל פריי אָרט. שטייענדיקערהייט ווערט מען איינגעשלאָפן, און דער קאָפּ פאַלט אויף אַ צווייטן, וואָס ווערט אויפגעוועקט פון דרעמל.

פאַראַן אַזעלכע, וואָס ווילן זיך דורכרייסן, אָנקומען אין קאָרידאָר, דאָרט ווו מען קען דערליידיקן אַ מענטשלעך געברויך. אין דער ענגער שטופעניש הערן זיך קולות, קרעכצן, שטילע וויגעשרייען און אויך קריי־גערייען, פאַרוורפן. צווישן דער געפּייניקטער מאַסע געפינען זיך אַזעלכע, וואָס דריקן אויס דעם פּראָטעסט מיט ווילדן כעס צו די פרעמדע יידן, וואָס שטיקן זיך אַליין אין אַלגעמיינעם קלעם.

דער שטובן־עלטעסטער און דער בלאָקן־עלטעסטער קומען אָפּטער אַריין און באַפעלן, אַז ס׳זאָל זיין שטיל, זייערע באַפעלן ווערן באַגלייט מיט שטעקנס אויף די מענטשן, וואָס שטייען נאָענט צו זיי. אָבער די ענג־געפּרעסטע מאַסע קען זיך גאָרנישט איינשטילן. אַזוי שטייט מען ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין. דעמאָלט רופט דער בלאָק־עלטסטער אַריין דעם קאַפּאָ. ער שטעלט אים פאָר און דערקלערט דערביי דעם באַדייט פון קאַפּאָ: „דער קאַפּאָ, אייער קאָמעראַד־פּאָליציי, דער וועט ביי אייך מאַכן אָרדענונג, איר זאָלט זיך האַלטן רויק. ס׳זאָל זיין שטיל. ס׳איז שוין שפּעט ביי נאַכט, ס׳מוז זיין פולשטענדיק שטיל!״ און אָט גייט דער היטלערישער קאַפּאָ מאַכן „אָרדענונג״. ער נעמט אַרויס איינעם פון דער ענגער מאַסע, דעם ערשטן בעסטן, און ער שלעפּט אים צו זיך. דער איז דער קרבן, וואָס דער קאַפּאָ שלאָגט אים אין נאַקעטן לייב אַריין מיט 25 שטעקן־קלעפּ. די געשרייען פון דעם געשלאָגענעם פאַרטייבן דעם גאַנצן בלאָק. די געפּרעסטע מאַסע שטייט דערנאָך אַ גאַנצע נאַכט מיט יסורים און דער־שלאָגנקייט, אָבער שטילשוויגנדיק.

# אַבערוויסטעגירסדאָרף

## אַ ל ב ע ר ט

טרייסט מיין פאָלק,
עס דאַרף די טרייסט...
י. ל. פּרץ

אַלבערט איז געווען דער פאַמיליע־נאָמען פון אַ בכבודיקע משפחה אין לאָדזש. דער פאָטער איז געווען אַן אָרטאָדאָקסישער ייד פון מיטלשטאַנד, זיין פרנסה איז געווען פון אַ וויגאָניע־שפינעריי. די קינדער זיינע האָבן שטודירט, די עלטערע טאָכטער איז געווען אַ לערערין אין דער „שקאָלאָ פאָווּשעכנאַ" נומער 131, פון די אַזוי גערופענע „שאַבעסאָווקעס". די יינגערע טאָכטער האָט געהאַט אַ געוועלבל פון קינדער־קאָנפעקציע אויף פּיעטריקאָווער גאַס נומער 79. דער זון איז געווען אַ הויכער שוואַרץ־חנוודיקער יונגערמאַן. שטענדיק האָט ער דערציילט מעשיות, וויצן און געשמועסט פּאָליטיק. די משפחה אַלבערט האָב איך געקענט נאָך פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. מיט דעם יונגן אַלבערט האָב איך זיך געטראָפן אין לאַגער.

אין חודש סעפּטעמבער 1944 פאָרן מיר שוין דאָס צווייטע מאָל אין געשלאָסענע בהמות־וואַגאָנען. איצט ווערן מיר אָוועקגעשיקט פון אוישוויץ אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. פּונקט ווי דעמאָלט, ווען מיר זענען געפאָרן קיין אוישוויץ. אַזוי טרייבט מען אונדז איצט אויך אין וואַגאָן אַריין אין ענגשאַפט, הונדערט מאַן אין אַ לאַסטוואַגאָן. מען זעצט זיך איין רייעסווייז אויף דער פאָדלאָגע מיט איינגעקורטשעטע פיס און הענט. ס'וואָלט זיך געוואָלט אַ ביסל אויסציִען אַ פוס, בייטן די פּאָזיציע, אָבער מען איז אַזוי איינגעפּרעסט, אַז ס'איז שווער זיך צו באַוועגן. אין דעם איצטיקן טראַנספּאָרט פון אוישוויץ זענען נישטאָ מיט אונדז אונדזערע פרויען און קינדער, די אַלטע טאַטעס און מאַמעס, די פאַרשידנפאַרביקייט פון פריוואַטע פאַמיליעס. איצט זענען מיר אַלע בלויז מענער — אַרבעטס־שקלאַפן.

אין דעם לאַסטוואַגאָן פאַר בהמות־טראַנספּאָרטן איז ביי דער זייט פאַראַן אַ קליין צימערל מיט אַ פענצטער, אַ טישל און אַ באַנק. דאָס צימערל איז באַשטימט פאַר די מענטשן וואָס פאָרן מיט די בהמות־טראַנספּאָרטן. איצט געפינען מיר זיך ווו מען האַלט די פי, און אין יענעם צימערל זיצן 2 ס.ס.־זעלנער. די באַוואָפנטע היטלעריסטן קוקן צו אונדז כסדר אַריין, זיי לאָזן אונדז אַפילו נישט אַרויסקוקן דורך די קראַטן־לעכער פון וואַגאָן, צו זען די פרעמדע, פרייע וועלט. דער איינציקער בלינדער גרוס פון דער געגנט קומט צו אונדז דורך דעם סקריפּען פון די רעדער אונטער אונדז. צייטנווייז האָבן זיי זיך האַסטיק געריסן פאָרויס און צייטווייז פאַרלאַנגזאַמט דעם טעמפּאָ, אָפּגעשטעלט זיך אַ שטיקל צייט און ווייטער געפאָרן. ס׳האָט זיך דערמאָנט אין דעם דייטשישן מלחמה־לאָזונג, וואָס מיר האָבן געזען אויף די וואַגאָנעס און אויף די סטאַציעס, פאָרנדיק דאָס פריערדיקע מאָל קיין אוישוויץ: — „אַלע רעדער ראָלן צום זיג”. אונדז האָט זיך געדוכט, אַז מיט זייער טיק־טאַק קלאַפּן די רעדער אויס די זעלבע ווערטער: אַלע רעדער ראָלן צום זיג.

דער צוג האָט זיך געשטעלט. אַ זעלנער קוקט אַרויס דורכן פענצטער, ער נעמט צוריק אַריין דעם קאָפּ און זאָגט צום צווייטן זעלנער דעם נאָמען פון דער סטאַציע: אָבערוויסטעגירסדאָרף. אויף אָט דער סטאַציע זענען מיר אויסגעשטיגן. דאָ איז דער טראַנספּאָרט פון צוויי טויזנט יידן צעטיילט און צעשיקט געוואָרן אין פאַרשידענע לאַגערן. אָבערוויסטעגירסדאָרף געפינט זיך אין נידערשלעזיע, נישט ווייט פון דער טשעכישער גרענעץ, צווישן וואַלבזשיך (וואַלדענבורג) און שווידניצאַ (שווידניץ). די געביידע פון דער סטאַציע איז געשטאַנען שטום, קיין באַוועגונג איז דעמאָלט נישט געווען, קיין איין ציווילן מענטש האָט מען נישט געזען. אין דער זייט בלויז איז געשטאַנען אַן אָפיציר מיט אַ פּלוטאָן ס.ס.־זעלנער. דאָס האָבן זיי אונדז אָפּגעוואַרט. מיר זענען געוואָרן אויסגעשטעלט אויף אַ זייטן־וועג, וואָס איז געווען געדיכט באַוואַקסן פון ביידע זייטן מיטביימער. דער שמאָלער הימל איבער אונדזערע קעפּ איז געווען פאַרוואָלקנט. ווען די ס.ס.־זעלנער מיט די אָנגעלאָדענע אויטאָמאַטן האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום אונדז, אין דעם פרעמדן שטיל פאַרשלייערטן וועגל, האָט דאָס

אויסגעזען, אַז זיי גייען אונדז דאָ אַרויסענדיקן, אויסשיסן אויפן שטיל־קויטיקן באָדן, אַז דעם רעש פון דער שיסעריי זאָל אַפילו אַ פויגל פון הימל נישט דערהערן. זיי האָבן דאָס אָבער נישט געטאָן. זעט אויס, אַז דאָס איז געווען בלויז אַזאַ „מעטאָדישער" דייטשישער אָפּשרעקונגס־סיסטעם און פּסיכאָלאָגיש ווירקונג־מיטל פאַר דער מאָראַלישער דעפּרעסיע פון די פריש־געפאַנגענע שקלאַפן, פון וועלכע ס׳איז נאָך כדאי אויסצופּרעסן די אַרבעטס־קראַפט פאַר זייער ענדגילטיקער פאַרניכטונג. נאָך דעם, ווי מ׳האָט אונדז אָפּגעציילט און איינגעשטעלט אין רייעס, זענען מיר, פיר הונדערט לאָדזשער יידן, געפירט געוואָרן אין מאַרש.

דער וועג האָט זיך אויסגעבויגן און אַרויס פון די פאַרשלייערטע ביימער און קזשאַקעס. גייענדיק קוקן מיר זיך אַרום. דער האָריזאָנט דאָ איז אַ ברייטער, אַ הויכער רוים — אַ טיפע וועלט. די ס.ס.־מענער, וואָס גייען ביי דער זייט, מיט די ביקסן אין די הענט און מיט די פינגער אויפן צינגל פון שלאָס, זענען איצט נישט בכוח צו פאַרשטעלן אונדזער בליק. די פאַרשידנפאַרביקייט פון דער פרעמדער געגנט ווערט מיט אַ נאַטירלעכן דורשט איינגעזאַפּט אין די אויגן. די הייזער מיט די טיף־שיפּע דעכער ליגן אויף די בערג, ווי איינס אויפן צווייטן. די גאַסן שלענגלען זיך אַרויף און אַראָפּ איבער בערג און טאָלן, איבער בריקן פון וואַסערן און טייכלעך. דער קאָלאָריט ענדערט זיך אָפט. אָט זענען געדיכט באַוואַקסענע, טיף־גרינע פעלדער, און שוין איז אַ פריש הייזער־געזעמל, אַ פאַבריק, אַ קלויסטער, אַ שלאָס. דאָס איז געווען ס׳ערשטע מאָל, וואָס מיר זעען בכלל די פרייע וועלט. זינט די דייטשן זענען אַריין קיין לאָדזש, זינט זיי האָבן אונדז פאַרטריבן אין געטאָ, מיט פינף יאָר צוריק, האָבן מיר אַזעלכעס נישט געזען.

פון ביידע זייטן גאַס גייען מענטשן, פרויען — אַלטע און יונגע, דייטשן אין טיפן עלטער מיט שטעקעלעך אין די הענט גייען מיט לאַנגזאַמע, זאָרג־לאָזע טריט. אָט גייען פרויען מיט קינדער־וועגעלעך, קינדער־וועגעלעך! ס׳גייען אויך שול־קינדער, זיי שפּילן זיך, שטיפן און לאַכן. די קינדער רייסן איבער זייער שפּילן ווען זיי דערזעען אונדז, ווי מיר ווערן געפירט, אַרומגע־רינגלט פון אַ שפּאַלער ס.ס.־זעלנער.

— דאָס זינד יודען! — שרייט אויס אַ שילער־קינד.

— דאָס זינד יודען, יודען! — ענטפערן אַלע שילער־קינדער, זיי לאַכן און לויפן ווייטער זיך שפּילן.

דאָס איז געווען ווי זאַלץ אויף די פריש־אָפענע ווונדן. מיר דערמאָנען זיך אין אונדזערע קינדער, די לאָדזשער יידישע קינדערלעך, וואָס זענען אַוועקגעריסן געוואָרן פאַר דער „שפּערע" און אין דער „שפּערע", פאַר אוישוויץ און אין אוישוויץ. ווו זענען זיי, אונדזערע משהלעך, שלמהלעך, שרהלעך און לאהלעך? אָט שפּילן זיך קינדער לוסטיק, אויף גאָטס ליכטיקער, שיינער וועלט — קינדער וואָס וויסן שוין צו טייטלען אויף אונדז:

— דאָס זינד יודען!

און אַזוי ווי איך גיי, הער איך שטילע טרייסט־ווערטער אין אויער אַריין:

— נאָר נישט פאַרצווייפלען! מען טאָר נישט פאַרלירן די האָפענונג — איך קוק זיך אים, זע איך דעם יונגן אַלבערט, ער שאָקלט צו מיר מיטן קאָפּ — מען טאָר נישט פאַרצווייפלען.

איך האָב פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, מיט פאַרוווּנדער האָב איך געפרעגט אין זיך:

— ווו נעמט זיך צו אַ מענטש אַזוי פיל גלויבן אין יידיש לעבן, אין דער יידישער עקזיסטענץ — אין אַזעלכע שוידערלעכע באַדינגונגען?

# אחים לצרה

נאָך דעם ווייטן וועג, האָבן די באַוואָפנטע זעלנער אונדז דורכגעפירט עטלעכע הייף, לסוף זענען מיר געוואָרן אַריינגעלאָזט אין אַ פאַרשלאָסענעם הויף. דאָס איז שוין דער הויף פון דעם „צענטראַל־לאַגער אַבערוויסטע־גירסדאָרף". די הויכע געביידע און אַלע בנינים פון הויף געהערן אַלע צום לאַגער. קומענדיק אין לאַגערהויף, האָט מען נאָך געמוזט שטיין און וואַרטן אויף דער רעגיסטראַציע. איינציקוויז איז יעדער אין דער ריי צוגעגאַנגען צום פענצטערל פון אַ נידעריקער מויער ווו דער שרייבער האָט געמאַכט די „לאַגער־עווידענץ"; דאָ האָט יעדער באַקומען זיין „פּאַס". דאָס איז געווען אַ רונדיק בלעכל, אויסגעקריצט דערויף אַ נומער. דאָ האָט יעדער

אויך באַקומען 3 קאַצן. מיט דער „אויסשטאַטונג" איז יעדער באַזונדער אַריינגעלאָזט געוואָרן אין דעם גרויסן געמויערטן בנין אין לאַגער. פאַרוואָרפן אין דעם עלנטן פרעמד, צווישן דעם גרויסן עולם, ווילט זיך זיין לעבן אַ באַקאַנטן, קיין אייגענע משפחה־מענטשן האָט מען דאָ שוין נישט, זאָל כאָטש זיין אַ באַקאַנטער. איך האָב זיך געטראָפן מיט איינעם, וואָס איך קען אים נאָך „פון דער היים", פון דער אַרבעט אין דער הוטפאַבריק — מאָטל גרינבערג. מיט אים איז געווען נאָך איינער, זיינס אַ חבר — נחמן קאַנטעראָוויטש. דאָרט האָט אונדז אַלע דריי דער גורל צוזאַמענגעפירט. איינער נאָכן צווייטן האָבן מיר באַקומען די בלעכענע נומערלעך: מאָטל גרינבערג — נומער 27122, איך — 27123, און נחמן קאַנטעראָוויטש — 27124. צוזאַמען זענען מיר אַריין אין גרויסן הויז.

דאָס איז געווען אַ גרויסער פאַבריקס־בנין פון 3 שטאָק (מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז דאָס געווען אַ יידישע פאַבריק). אין די ריזיקע פאַבריק־האַלעס זענען אויפגעשטעלט האָלצערנע פּריטשעס, צו עטלעכע הונדערט אין יעדער האַלע, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ בלאָק.

— דאָס איז אייער מקום, די דריי בעטן — ווייזט אונדז אָן דער קאַפּאָ און דערקלערט: — דאָס בלעכל מוז יעדער מיט אַ שטריקל זיך אָנהענגען אויפן האַלדז, דאָס טאָר מען נישט פאַרלירן! דאָס איז אַ לאַגער־פּאַס, דער נומער אין דעם רונדיקן בלעכעלע איז דער לאַגער־נאָמען, אייער אַלטן אָפּשטאַם דאַרפט איר פאַרגעסן און אָנהייבן דאָס נייע לאַגער־לעבן ביז צום לאַגער־טויט.

— אויך די קאַצן מוז מען אָפּהיטן, מ׳זאָל נישט צוגנבענען, נישט צעריסן — לערנט ער אונדז ווייטער — אין קאָץ איז אָנשטאָט אַ ליילעך, אויסצושפּרייטן אויף דער „האָלץ־וואָללע", די רעשט קאָצן איז זיך צוצודעקן.

די פּריטשן פון רויע ברעטער, וואָס מיר האָבן באַקומען, זענען געווען אין איין ריי. אַזוי האָט אונדז, דריי לאָדזשער יידן, דער גורל צוזאַמענגעפירט צו איין לאַגער־לעבן. צוזאַמען געשלאָפן, צוזאַמען געאַרבעט. ביז דאָס טרויעריקע לאַגער־לעבן האָט אונדז אומרחמנותדיק צעריסן, זענען מיר געווען נאָענטע, געטרייע אחים לצרה.

# ראש השנה תש״ה

אין די עטלעכע טעג, וואָס מיר זענען געווען אין „צענטראַל-לאַגער אָבערוויסטעגירסדאָרף״ איז אויסגעפאַלן ראש־השנה פון יאָר תש״ה (1944). דעם צווייטן טאָג יו״ט, אין די נאָכמיטאָג־שעהען זענען מיר געווען עדות פון אַ געשעעניש, וואָס האָט זיך מער נישט איבערגעחזרט אין דעם גאַנצן נאַצי־דייטשלאַנד: מיט דער דערלויבעניש פון עפּעס אַ פּירער איז איינ־געאָרדנט געוואָרן אַ יידישע קולטור־אַטראַקציע.

פון די יידישע העפטלינגע זענען אַרויסגעטראָטן עטלעכע טאַלאַנטירטע קינסטלער, שמאי ראָזענבוים א״אַ. אין מיטן פון דעם לאַגער־הויף זענען געווען פאַרזאַמלט אַלע העפטלינגע און זיך צוגעקוקט צו די קינסטלער, וועלכע האָבן אָן קיין שום טעכנישע מיטלען און אָן צוגרייטונג אויסגעפירט אַ פאָלקס־פאַרשטעלונג. אויף אַ קורצער צייט האָבן מיר פאַרגעסן וועגן אונדזער לאַגע, ווער מיר זענען און ווו מיר געפינען זיך, גלייך ווי מיר וואָלטן געווען אין אַ יידיש שטעטל און זיך געוויילט מיט דער סאַטירע, וואָס ווייזט אין אַ קרומען שפּיגל די אוממעכטיקייט פון די שלימזלדיקע פייער־לעשער אין די שטעטלעך.

דער לאַגער־פירער איז געשטאַנען פון דער וויטנס, אין אַ ווינקל פון הויף, און האָט זיך צוגעקוקט צו די שפּילן פון זיינע קרבנות פון דער „נידעריקער ראַסע״.

אין אַ צווייטן הויף־ווינקל, קעגן איבער, ביי דער זייט פון אַלע העפט־לינגע, איז געשטאַנען לעבן מיר, נחמן קאַנטעראָוויטש. ער האָט געהערט צו די, וואָס האָבן גוט געדענקט דעם באַטייט פון ראש־השנה און פון יום־הדין.

„בראש השנה יכתבון״... שעפּטשען זיינע ליפּן פון אויסנווייניק. ער קוקט דאָרט ווו אַלע, אָבער ער זעט און פילט דעם ראש־השנה מיט דער איינערלעכער גאָטספאַרכטיקייט, ווי אין זיינע פריערדיקע יאָרן. נחמן קוקט אויף דער יידישער פאַרשטעלונג „אַ שריפה אין שטעטל״, אָבער ער האָט אין זינען דעם אינהאַלט פון זיינע אייגענע ווערטער, פון די ראש־השנהדיקע תפילות. די פאַרשטעלונג גייט אָן. אָט קומט איינער צו לויפן צום פייער־

לעשער מיט אַ טרעוואָגע־געשריי — נאָך אַ שריפה! אין צווייטן עק שטעטל איז אויך אויסגעבראָכן אַ שריפה! — אָבער דער פייער־לעשער קוקט זיך ערשט אַרום, אַז זיין וואַסער־פעסל איז ליידיק געוואָרן נאָך איידער ער האָט אָנגעהויבן צו לעשן די ערשטע שריפה. דער צאַפּן פון פעסל איז אַרויס־געפאַלן ערגעץ ווו אויפן וועג און דאָס גאַנצע וואַסער איז אויסגערונען. דרייט זיך דער פייער־לעשער גלייכגילטיק אַוועק פון דעם גאַנצן אומגליק, ער בייזערט זיך אויף דעם שטעטל:

— צוויי שריפות אין איין נאַכט בין איך נישט מחויב!

אָבער אונדזער נחמן הערט אַן אַנדערן אַלאַרם־געשריי, וואָס דרינגט אַרויס פון זיין אייגענעם אָנגעווייטיקטן האַרץ. קרעכצט ער שטיל די תפילות: „ובשופר גדול יתקע... ומלאכים יחפזון... ויאמרו הנה יום הדין"...

## „קליינע סאָלדאַטן"

אינעם לאַגערהויף זענען די רייעס שוין איינגעשטעלט. הונדערטער מענער שטייען שטיל, שטום. פון דער ווייטנס הערט מען שוין זיינע שטיוול־טריט אין לאַגערהויף. ריטמישע קלאַנגען, ווי אַ פּינקטלעכע מאַשין, וואָס אַרבעט רעגלמעסיק. נאָך העכער קלינגען אָפּ זיינע שטיוולטריט ווען ער גייט אויף די שטיגן צו דער וועראַנדע.

די הונדערטער מענער־הערצער קלאַפּן מיט איופרעגונג, אויסערלעך איז אין לאַגער שטיל, רויק, גלייך אַלץ וואָלט געשען נאַטירלעך, ווי די מעשה בראשית אַליין. די הונדערטער פּאָר אויגן פון די יונגע מענער אין הויף קוקן אַרויף צו אים, אויף דער וועראַנדע, ווו ער שטייט, דער קאַלטער נאַצי־מערדער, דער לאַגער־פירער, ס. ס.־אָבערשאַרפירער.

ער רעדט גלייכמעסיק, וואָרט ביי וואָרט, אָפּגעהאַקטע זאַצן, ער ציילט די ווערטער ווי אַן אַפּאַראַט. ער קוקט צו די יודען־העפטלינגע אין הויף מיט ברוטאַלן, מערדערישן טריומף, ביטול און חוזק; און אַזעלכע זענען געווען זיינע ווערטער פון נאַצישער מאָראַל און דיסציפּלין:

— איר מוזט זיין שטרענג דיסציפּלינירט, איר מוזט זיך האַלטן פּול־שטענדיק רויק. דאָ, אין צענטראַל־לאַגער, זענען פאַראַן פיל ביוראָען ווו

דייטשישע פריילינס און אָפיצירן אַרבעטן. די שרייבער מוזן האָבן פול־שטענדיקע רו. ווען ס'פאַלט אַ באַפעל: איינטרעטן! — מוזט איר מאָמענטאַל די רייען איינשטעלן! רויק און פלינק. איר זאָלט נישט דענקען, דאָס איר מאַכן קענט וואָס איר ווילט. הויטע איז קריג און יעדער מוזט איר די ווערמאַכט איינטרעטן; איר זענט קליינע סאָלדאַטן!

די לעצטע צוויי ווערטער האָט דער לאַגער־פירער נאָך אַ מאָל איבער־געחזרט און לאַנגזאַם אַקצענטירט זייער אינהאַלט:

— ק ל י י נ ע   ס אָ ל ד אַ ט ן!...

די איינגעשטעלטע גלייכע רייען פון דער עטלעכע הונדערט קעפיקער מחנה איז געווען אַרומגעשטעלט מיט קאַפּאָס, בלאָקאַוועס און שטובאָוועס. אויך איז דער לאַגער געווען אַרומגעשטעלט מיט באַוואָפנטע ס. ס.־זעלנער. דער צער און צאָרן האָט זיך נישט געקענט צעגיסן ווייט און ברייט, אָבער יעדערער אין זיך האָט אַ צאַפּל געטאָן.

גלייך נאָכן אַפּעל איז דער עולם זיך צעגאַנגען. טייל מענטשן זענען אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד, די פיס ווי אונטערגעהאַקט. אַנדערע האָבן אַרויסגעלאָזט טיפע קרעכצן. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן די פויסטן געביילט, זייערע בליקן געשיקט צו די ענגע הימל־האָריזאָנטן פונעם לאַגערהויף, גלייך זיי וואָלטן זיך געבעטן ביי די הימלען: מאין יבוא עזרי״?

יענעם טאָג האָבן די צוויי ווערטער אויסגעפילט די מוחות און הערצער פון די יידישע העפטלינגע. ביי טייל האָבן שטיל די הערצער געציטערט מיט די צוויי ווערטער, אַנדערע האָבן ביזן איינשלאָפן מיט די ליפּן גע־שעפּטשעט:

— „קליינע סאָלדאַטן״; מיר זענען געוואָרן ביי די דייטשישע רוצחים, אונדזערע מערדער, „קליינע סאָלדאַטן״...

# נחמן קאַנטעראָוויטש און קאַפּאָ גינצבורג

דער ס. ס.־אָבערשאַרפירער, דער לאַגער־פירער פון יענעם צענטראַל־לאַגער, אין אונדזערע אויגן אַ טיפּישער דייטש, האָט אין אַלע זיינע באַוועגונגען דערמאָנט אַ גוט רעגולירטן מעכאַניזם, וואָס פונקציאָנירט רעגל־מעסיק און פּינקטלעך. דעם קאָפּ האָט ער שטענדיק געהאַלטן גלייך, דאָס אָנטון איז געווען ווי אויסגעגאָסן אויף אים. אַזוי האָט ער אויך געפירט דעם לאַגער. דאָס אויפשטיין אין דער פרי, דאָס נעמען די קאַווע, דעם מיטאָג און דאָס איינטרעטן צום אַפּעל — אַלץ האָט געמוזט זיין צו דער רגע. אין לאַגער זענען געווען, פון די יידישע אַרעסטאַנטן, פאַרשידענע „עלטעסטע" און קאַפּאָס, וועלכע האָבן פּינקטלעך אויסגעפירט די באַפעלן פונעם לאַגער־פירער און אים אויך צופרידנגעשטעלט דערמיט, וואָס זיי האָבן נישט געזשאַלעוועט די „פּראָסטע" העפטלינגע קיין קלעפּ. דער קאַפּאָ פון די פּריש־געקומענע לאָדזשער יידן איז געווען גינזבורג, דער יידישער אַרעס־טאַנט פון אונגאַרן. אויך ער האָט געוואָלט נושא־חן זיין ביים דייטשישן אָבערשאַרפירער, האָט ער זיך אויך באַמיט פּינקטלעך אויסצופירן זיינע באַפעלן. במשך פון די 5 טעג, וואָס מיר זענען דאָרט געווען, זענען מיר נישט געשיקט געוואָרן צו קיין אַרבעט, דערפאַר האָט מען אָפטער געהערט דעם אַלאַרם־באַפעל:

— איינטרעטן! איינטרעטן!

אַ האַלבע שעה איידער דער לאַגער־פירער גייט אַרויף אויף דער וועראַנדע צו דרעסירן זיינע העפטלינגע, נעמט זיך גינזבורג אונדז מוש־טרירן און צוגרייטן צום אַפּעל:

— אַכטונג! מיצען אָפּ! די אויגן לינקס! אויגן גראַדע אויס!

דער פּזמון ווערט איבערגעחזרט איין מאָל, נאָך אַ מאָל, ווידער און אָבער אַ מאָל. אין דער צווישנצייט קאָנטראָלירט דער קאַפּאָ גינזבורג, צי אַלע שטייען גלייך און צי אַלע פירן פּינקטלעך אויס די קאָמאַנדעס.

אונדזער נחמן פלעגט אַלע יאָרן זיין אַריינגעטאָן אין מסחר, אין פּרנסה פאַר זיינע בני־בית און אָפּהיטן יידישקייט, אָבער צו שטיין גלייך, כחוט־השערה אין די רייען און שנעל אויספירן גינזבורגס קאָמאַנדעס — אין

דעם האָט ער נישט אַזוי מדקדק געווען. דערפאַר האָט גינזבורג אונדז אַלע געשטראָפט מיטן באַפעל:

— קניבאָגן! — אַלע האָבן זיך געמוזט אַראָפּזעצן קנ:ענדיק און שפּרינ־גען אויף די שפּיץ פינגער. דאָס האָט אונדזער נחמן נישט געקענט נאָכמאַכן. ביים ערשטן „קניבאָגן״ איז ער געבליבן זיצן אויף דער ערד. גינזבורג איז צוגעגאַנגען צו אים און אים אָפּגעגעבן אַ „לעקציע״ פון קאַצעטלערישער דיסציפּלין:

— אויפשטיין! אַכטונג! קניבאָגן! — דערביי האָט ער אים געגעבן צו פילן, אַז זיינע הענט און פויסטן זענען פון אַ קאַפּאָ אין אַ דייטשישן קאַצעט.

אַזוי האָט אויסגעזען גינזבורגס באַקענען זיך מיט אונדז.

## די טענה אין אַ פינצטערער נאַכט

מיין „בעט״־פּריטשע איז געווען אין מיטן, צווישן מאָטל גרינבערג און נחמן קאָנטעראָוויטש. בין איך געווען, אַזוי ווי אַ בריק צווישן זיי ביידע. אַלץ, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען מיט זיי איז געווען אויך מיט מיר.

נחמן האָט יענע נאַכט נישט געקענט איינשלאָפן. ער האָט זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער, געקרעכצט און זיך נישט געקענט באַרו:יקן.

— ביסט נישט קיין דיסציפּלינירטער סאָלדאַט — זאָגט מאָטל גרינ־בערג צו אים, מיט אַ וויץ, אויף צו באַרו:יקן — איצט דאַרף מען שלאָפן, וואָס פינצטערער די נאַכט, אַלץ געזונטער איז צו שלאָפן.

— שלאָפן... אוי, וואָלט איך שוין געוואָלט איינשלאָפן — ענטפערט נחמן — איינשלאָפן אויף אייביק, אַזוי ווי מיין פרוי און קינדער, אַזוי ווי זיי אַלע. וואָס קען איך אָבער טאָן, אַז איך בין נאָך ביים שכל. און וואָס מער איך טראַכט, אַלץ מער דערזע איך דעם טיפן תהום, דעם שאול תחתיה פון אונדזער שפלות.

איך האָב זיך איינגעהערט צו זיינע רייד איבער מיין געלעגער. האָב איך זיך אויפגעזעצט, און זיך געווענדט צו נחמנען, ער זאָל זיך באַרו:יקן און שלאָפן. אָבער ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט נערוועזע אויגן, מיט

ציטערדיקע ליפּן. ער האָט ערשט רעכט אָנגעהויבן אַרויסברענגען זיינע געפילן. ס׳האָט מיר שוין באַנג געטאָן, וואָס איך האָב זיך אַריינגעמישט. בין איך שוין געלעגן שטיל און אויסגעהערט זיינע רייד.

— לאַנגע יאָרן האָבן זיי אונדז געהאַלטן אין געטאָ — זאָגט נחמן — זיי האָבן פאַרפּייניקט מיט הונגער, דערנידעריקט אונדזער כבוד. דאָך האָבן מיר געמיינט, אַז דער געטאָ איז אונדזער ערגסטער יסורים־קעסל, דאָס אַפּקומעניש אין דער מלחמה־צייט, און מיר וועלן אויסהאַלטן אין געטאָ די מלחמה. זיי אָבער האָבן געוווּסט, אַז דערמיט גרייטן זיי אונדז בלויז צו צום גזר־דין. באַרעכן, וואָס זיי האָבן איצט געמאַכט פון אונדז. איך רעד שוין נישט, אַז זיי האָבן אונדז אַרויסגעיאָגט פון אונדזערע שטיבער, פאַרטריבן פון אייגענעם טיש, פון אייגענעם בעט, צוגענומען די מלבושים, דאָס העמד פון לייב. די אַלע זאַכן זענען נוצלעכע זאַכן פאַר מענטשן, אָבער נאָך נישט דער מענטש גופא — אין זין פונעם אייגנטלעכן לעבן פון מענטש. באַרעכן, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן מיט אונדז: איינס, פאַרשניטן אונדזער אָפּשטאַם, דערמאָרדעט די עלטערן. צוויי, אָפּגעהאַקט אונדזער צוקונפט, אַוועקגענומען אויף אייביק אונדזער המשך, אונדזערע קינדערלעך. דריי, צוגענומען דעם צלם אלקים, דיין איך, דעם נאָמען, די עלטערנס נעמען, די דאַטע ווען און ווו דו ביסט געבוירן, און דאָס אַלץ פאַרביטן מיט אַ נומער. דאָס בלעכל איז דיין עווידענץ, דיין פּאַס. איצט הייס איך שוין נישט מער נחמן קאַנטעראָוויטש, דער זון פון שלמה און באַשע. איצט בין איך אַ רוי־שטיק לעבן, אַ חיה אָן אַ נעכטן, אָן אַ מאָרגן, אָן עלטערן, פרוי און קינדער, אָן שוועסטער, ברידער. איצט מאַכן זיי פון אונדז „קליינע סאָלדאַטן״, דיסציפּלינירטע, געהאַרכזאַמע, רויע בשר ודמס. ביסט אַ געבונדענער, איזאָ־לירטער, אַ פאַרטריבענער פון דער מענטשהייט, אָן דראַנג און ווילן, אָן פאַרלאַנג און איניציאַטיוו. אָבער דער פאַרשטאַנד איז דאָך נאָך דאָ ביי מיר, איך טראַכט! איז ווי אַזוי זאָל איך קענען איינשלאָפן?

— שווייג, נחמן, שווייג און שלאָף — רופט זיך אָן מאָטל גרינבערג — שיטסט זיך זאַלץ אויף דיינע ווונדן און רייסט מיר אויך אויף מיין צעווייטיקט האַרץ. דו ביסט נישט קיין יחסן ביי גאָט, ביסט נישט איינער. דאָס איז אָן אַלגעמיין יידיש אומגליק. ס׳איז נאָך נישט געקומען די צייט פאַר

חשבון. גלייב מיר, אַז איך פיל אויך טיפע געפֿאַלנקייט, די ווייטיק און בושה. אָבער מיר מוזן איבערקומען.

— איבערקומען? — פֿאַרעקשנט זיך נחמן — נאָך וואָס איבערקומען, וואָסער צוועק, וואָסער ציל? ערשטנס, איז דאָס אילוזיע, פונקט אַזאַ אילוזיע, ווי מיר האָבן געהאַט אַלע יאָרן אין געטאָ. צווייטנס, אויב יאָ, אויב עמעצער פון אונדז וועט יאָ דערלעבן, וועט דאָס זיין אַ לעבן? וועלן מיר דען קענען פֿאַרזעצן דאָס לעבן נאָרמאַל נאָך דעם ווי מיר זענען אַזוי פיל פֿאַרסמט מיט ווייטיק און צאָרן? צו וואָס דאַרף מען דאָס אַלץ? ס׳האָט נישט קיין צוועק...

אַ פּאָר מינוט איז געוואָרן שטיל. איך האָב געמיינט, אַז דערמיט זענען די רייד פֿאַרענדיקט. זיך אַראָפּגערעדט פון האַרץ, איז געוואָרן גרינגער. איצט וועט שוין יעדער ליגן שטיל, מיט אייגענע רעיונות, ביז צום איינשלאָפֿן. אָבער באַלד האָט זיך דערהערט אַ שטיל, האַלב־פֿאַרשטיקט כליפּען, מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער, וואָס רייסן זיך אַרויס צוזאַמען מיט טרערן:

— ס׳האָט נישט קיין זין. ניין, איך וויל מער נישט לעבן, ניין!

— פּושע ישראל! — האָט מאָטל גרינבערג זיך אָנגעהויבן בייזערן אויף אים — ווי מעג אַ ייד אַזוי רעדן? דו פֿאַרגעסט, אַז דו ביסט נישט מער דו אַליין, אַז דו לעבסט נישט מער דיין פּערזענלעך לעבן אַליין? זאָגסט דאָך אַליין, אַז ביסט געבליבן עלנט, איינער פון אַלע. דו לעבסט איצט אויך ז י י ע ר לעבן. דיין לעבן איז איצט טייער. האָסט נישט קיין רעכט צו וועלן אַנטלויפֿן פון לעבן. טאָרסט אויך נישט זייען קיין יאוש צווישן אונדז. פֿאַרקערט, מיר דאַרפֿן זיך קעגנזייטיק טרייסטן, מוטיקן, זיך שטאַרקן אין דער אומגליקס־צייט.

— אָבער נאָך וואָס? ס׳האָט דאָך נישט קיין זין... — איז נחמן אַלץ פֿאַרצווייפֿלט.

איך האָב אויך געוואָלט זיך אָנרופֿן, אָבער ס׳האָט מיר געשטיקט אין האַלדז און כ׳האָב נישט געקענט אַרויסברענגען אַ וואָרט פון מויל. דאַקעגן מאָטל גרינבערג האָט נישט פֿאַרשוויגן און ווייטער געפֿירט דאָס געשפּרעך:

— שווייג שוין, נחמן, שווייג. דו פֿילסט דען נישט, אַז מיט אַזעלכע געדאַנקען קומסטו אויף דער האַנט די רוצחים אונדזערע? דאָס ווילן זיי

דאָך, אַז ס׳זאָל פון אונדז קיין זכר נישט בלייבן, קיין עדות נישט. אין טאָג פון משפט זאָל אַלץ זיין באַגראָבן אין דער ערד, פאַרשטויבט, אָפּגעמעקט, פאַרווישט.

— משפט! — הערט זיך ווידער אַ דערשטיקט, האַלב לאַכנדיק, האַלב וויינענדיק קול — משפט? ווער וועט באַשולדיקן? ווער וועט משפטן? ווו איז דער כוח פון גערעכטיקייט, ווו עקזיסטירט די האַנט פון גערעכטיקייט, פון באַשטראָפן? ווו, ווער איז דער שופט אויף דער גויִשער, מערדערישער וועלט?

— דער משפט וועט קומען — טענהט מאָטל גרינבערג — פריִער אָדער שפּעטער. מיר דאַרפן אַלץ טאָן צוצוגרייטן פאַרן משפט דאָס, וואָס מיר קענען, וואָס מיר ווייסן, די פאַקטן, וואָס נאָר מיר האָבן זיי איבערגע־לעבט. דאָס איז אונדזער הייליקער חוב. די וועלט איז נאָך נישט פאַרענדיקט. צייטן בייטן זיך. נאָך אַ פינצטערער נאַכט קומט אַ ליכטיקער טאָג. מיר דאַרפן דעם ליכטיקן טאָג דערלעבן, כדי צו קענען אונדזערע רוצחים פאַר־וויסטן זייערע טעג, זייער לעבן. זיי זאָלן באַקומען די שטראָף, דאָס איז דער זין, דאָס איז דער צוועק פון אונדזער לעבן.

צו מאָרגנס איז נחמן קאָנטעראָוויטש נישט געווען מער אין די זעלבע באַציִונגען מיט אונדז. עפּעס האָט זיך ביי אונדז געענדערט. מיר האָבן ווייטער געלעבט, געשלאָפן און געאַרבעט צוזאַמען. אָבער ס׳האָט שוין אויסגעזען אַנדערש. ס׳איז געווען אויף אַן אַנדער אופן — מער ענגער, נאָענטער, נאַטירלעכער. ס׳איז געווען מער היימישקייט, ווי ביי ריכטיקע, געבוירענע, געטרייע ברידער.

## די לעצטע „לעקציעס"

דעם לעצטן טאָג פון אונדזער זיין אין דעם „צענטראַל־לאַגער אָבער־וויסטעגירסדאָרף", ביים „אַפּעל", האָבן מיר באַקומען פון דעם לאַגער־פירער די לעצטע „לעקציע". שטייענדיק אויף דער וועראַנדע, האָט ער אונדז געגעבן אַזאַ „לערע", וואָס האָט מיט איר ציניזם און מערדערישע כוונות איבער־געשטיגן אַלע פריִערדיקע „לעקציעס". מיר האָבן געהערט פון אים חוצפּה־

דיקע חוזק־ווערטער, ס׳האָט אונדז געעקלט פון זיינע אומפאַרשעמטע סאַר־קאַסטישע ווערטער און מאַניערן, אָבער מיר האָבן נאָך נישט פאַרשטאַנען די כוונות און דעם אופן פון די רוצחישע „אָרדענונגען" פון דעם לאַגער, אין וועלכן מיר ווערן אַוועקגעשיקט. ערשט מיט עטלעכע חדשים שפּעטער, ווען מיר זענען אַדורך די ערגסטע מגיפות־יסורים און דעם טויט פון 90% פון די העפטלינגע, האָבן מיר געדענקט און פאַרשטאַנען דעם גאַנצן אינ־האַלט פון זיינע ווערטער און וואָס פאַר אַ צביעות עס האָט געשטעקט אין זיין לעצטער „לעקציע".

ער האָט אונדז דערקלערט, אַז מיר גייען איבער אין אַ צווייטן לאַגער, אָנגעזאָגט אונדז, מיר זאָלן זיך גוט אויפפירן און זיך האַלטן ריין. דערביי האָט ער מיט אַ חוזק־שמייכל געוויזן, אַז די לייז דאַרף מען נישט אַוועקוואַרפן אויף דער ערד, נאָר — אָט אַזוי צעקניקן!

ביי די לעצטע ווערטער האָט ער טאַקע צוגעדריקט זיינע גראָבע נעגל און געוויזן, ווי אַזוי מען מאַכט דאָס.

ווי געזאָגט, האָבן מיר ערשט אין דעם לאַגער, ווו מיר זענען געשיקט געוואָרן, ביזן סוף דערפילט דעם גאַנצן חוזק פון יענע ווערטער וועגן „האַלטן זיך ריין". ווייל במשך פון די לאַנגע חדשים פון ווינטער און פרילינג פון יאָר 1944־45, האָט מען אונדז נישט געגעבן צו בייטן די וועש, עס נישט געוואַשן און אויך נישט געגעבן קיין וואַסער צו וואַשן זיך. די „האַלץ־וואַללע". אויף וועלכער מיר זענען געלעגן, איז געוואָרן אָנגעזאַפּט און אַדורכגענומען מיט דעם אומפלייט. די פאַרשידענע מגיפות האָבן זיך אַלץ געמערט. די ענגשאַפט פון 16 מענטשן אויף איין קויקע (פּריטשע) און פון עטלעכע־און־זעכציק אין איין שטובע, האָט געווירקט אויף אַ שנעלער פאַרשפּרייטונג פון די מגיפות.

די גאַז־קאַמערן פון אוישוויץ און פון אַנדערע לאַגערן זענען שוין נישט געווען טעטיק. אָבער די יידן, וואָס זענען פאַרשיקט געוואָרן אויף אַרבעט, זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן אויף אַנדערע אופנים — מיט לאַנגע, שווערע יסורים. אין צוגאָב צו דער שווערער קאַטאָרגע־אַרבעט, די ווינטערדיקע קעלטן און די וואָס אַ מאָל פאַרקלענערטע שפּייז־נאָרמעס, האָבן די דייטשן שטרענג אָפּגעהיטן, אַז דער יידישער לאַגער זאָל אויס־

זען אַזוי ווי אַ מיסטקאַסטן, אַז די עפּידעמיעס זאָלן אויסהרגענען די רעשט יידן. זיי האָבן פּלאַנירט, אַז קיין איין ייד זאָל נישט איבערלעבן דעם לאַגער.

נחמן קאַנטעראָוויטש פּלעגט זיך דערמאָנען די ווערטער פון אונדזער פריִערדיקן לאַגער־פירער יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך געוואָלט וואַשן די הענט צו זאָגן „אַ יידיש וואָרט", אָדער צו מאַכן המוציא ביי זיין פּיצל ברויט, אָבער קיין טראָפּן וואַסער איז נישט געווען.

אין דער אמתן איז דווקא יאָ געווען דאָרט אַ וועשעריי, און די יידישע אַרעסטאַנטן האָבן אויך דאָרט געאַרבעט. אָבער געוואַשן האָט מען דאָרט די וועש און מלבושים נאָר פון די ס.ס.־לייט, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען אונדז צו היטן און צוזען, אַז מיר זאָלן אומקומען אין די „אַרבעטס"־לאַגערן.

# לאַגער שאַטערווערק

## דער ערשטער שמועס אין דעם שאַטערווערקער לאַגער

ווען מיר זענען אַוועק פון „צענטראַל־לאַגער אַבערוויסטעגירסדאָרף", איז מיט אונדז מיטגעגאַנגען דער קאַפּאָ גינזבורג. ער האָט זיך געשטעלט אין דער ערשטער ריי. אונדזער נחמן האָט נישט געוואָלט גיין נאָענט צו אים, האָט ער אונדז אונטערגעזאָגט, מיר זאָלן זיך איינשטעלן וואָס ווייטער פון גינזבורגן.

דער וועג פון דעם „צענטראַל־לאַגער" האָט געפירט דורך די משופּע־דיקע גאַסן פון שטעטל. ווידער זענען מיר אינעם מאַרש אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ שפּאַלער ס.ס.־זעלנער, ווידער האָבן אונדזערע בליקן גע־שלונגען דעם קאָלאָריט פון אַ פרייער וועלט. נאָכן אַרויסקומען פון שטעטל האָבן מיר דורכגעמאַכט דריי קילאָמעטער וועג און דער מאַרש האָט זיך געענדיקט ביי אַ שטעכל־דראָטענער וואַנט. דאָ האָבן אונדז אָפּגעוואָרט די פּני פון דעם לאַגער. נאָך דעם, ווי מען האָט אונדז אָפּגעציילט און דערביי אויך צעשלאָגן עטלעכע פון אונדז, צווישן זיי אויך נחמן קאָנטע־ראָוויטשן, האָט זיך אויפגעמאַכט דאָס טויער אין דער שטעכלדראָטענער צוים. מיר זענען אַריינגעלאָזט געוואָרן אין דעם לאַגער שאַטערווערק.

קיין מויערן, ווענט אָדערביימער האָבן נישט אָפּגעגרענעצט דעם לאַגער פון דעם אַרום. די גרענעצן זענען געווען בלויז די שטעכלדראָטענע ווענט, דורך וועלכע ס'האָט זיך אַרויסגעזען די גאַנצע געגנט, די פרייע ליכטיקע וועלט, וואָס רייצט די מענטשלעכע חושים. די געגנט איז געווען וווּנדערבאַר שיין. פון דרום האָט מען געזען הויכע, ווייטע בערג, באַדעקטע מיט פאַרזייטע פעלדער, לאָנקעס און וועלדער. די גרינע וועלדער האָבן זיך געצויגן העט אַרויף, ביז צו די העכסטע שפּיצן בערג. אין מערב, דאַקעגן, איז די געגנט געווען נידעריק, און וואָס ווייטער, האָט דער שפּוע אַלץ מער אַראָפּגענידערט. די שפּיצן דעכער פון די פאַרשידענע דערפער, נאָענטע און ווייטערע, זענען געווען אויסגעשפּרייט פאַר די אויגן און

צווישן זיי — אויך וועגן, וואַסערשטראָמען, באַן־רעלסן. מען האָט געקענט זען די באַוועגונג פון מענטשן אויף די וועגן, פורן, פאַרשידענע אויטאָס, באַנען — מיט איין וואָרט, אַ פרייע וועלט באַוועגט זיך אין די דאָזיקע טאָלן.

נישט ווייט פון לאַגער זענען געשטאַנען אויף די באַנרעלסן וואַגאָנעס מיט פאַרשידענע משאות.

פאַרן לאַגער־טויער, פון מזרח, געפינט זיך די פאַבריק פון שטיינער־מאָלן. דאָס איז דער שאַטערווערק. פון דער פאַבריק ציִען זיך עלעקטרישע דראָטן, וואָס פירן איבער פון די ווייטע שטיינערנע בערג טאַטשקעס שטיינער צו מאָלן אין דער פאַבריק. די טאַטשקעס הענגען אין דער הויך און גליטשן זיך איינע נאָך דער צווייטער אויף שטאָלענע וואַלן. איין ריי טאַטשקעס גליטשט זיך פון די בערג אין פאַבריק אַריין, אַ צווייטע ריי — צוריק צו די בערג.

דער לאַגער איז באַשטאַנען פון רונדיקע צעלטלעך, איינגעשטעלטע אין רייען. זיי האָבן אויסגעזען, ווי שטייגן: אָן פענצטער, אָן דילן, אָן באַלייכטונג, בלויז מיט קליינע טירלעך אַריינצוגיין. אין יעדן צעלטל זענען געשלאָפן פון 16 ביז 20 מאַן.

צוויי הילצערנע בלאָקן האָבן זיך דאָרט געפונען, אין דער צייט פון אונדזער אָנקום אין דעם לאַגער: איין בלאָק, אין לאַגער גופא, האָט גע־דינט פאַר אַ קיך, אַ צווייטער בלאָק האָט זיך געפונען אין דרויסן, פאַרן לאַגער־טויער, און דאָרט האָבן געוווינט די ס.ס.־זעלנער, וועלכע האָבן געהאַלטן „וואַך" 24 שעה אין מעת־לעת אַרום די דראָטן, קיינער פון אונדז זאָל נישט קענען אַרויס פון לאַגער. זיי האָבן אונדז אויך „גע־היטן" אויפן וועג צו דער אַרבעט און צוריק, און ביי דער אַרבעט.

ווען מיר, די לאָדזשער, זענען אָנגעקומען אין דעם שאַטערווערקער לאַגער, זענען שוין דאָרט געווען אַן ערך 400 אונגאַרישע יידן. יעדן פרי־מאָרגן זענען זיי געשיקט געוואָרן אויף אַרבעט. איין גרופע האָט געאַרבעט ביי דער באַן, ביים אויסלאָדן און אָנלאָדן די לאַסטוואַגאָנעס פון ציגל, שטיינער, אייזן, ברעטער און פאַרשידענע אַנדערע משאות. אַ צווייטע גרופע האָט געאַרבעט אין דער שטיינברוך־פאַבריק, אַ דריטע איז געפירט

געוואָרן אין די בערג אַרבעטן ביים האַקן שטיינער. געקומען זענען זיי פון דער אַרבעט שמוציקע, שוואַרצע, מידע און צעבראָכענע, מיט צעריסענע שיך און מלבושים.

דער לאַגער־פירער פון שאַטערוועדק איז געווען אַן ס.ס.־אָפיציר, אַ טיפּישער נאַצי. אַ נאַריש שמייכעלע פלעגט זיך אָפּט באַווייזן אויף זיין גראָבן פּרצוף און זיין גאַנצע אויפפירונג האָט עדות געזאָגט וועגן זיין מערדערישן כאַראַקטער.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין דעם לאַגער, איז דאָרט שוין געווען אַ לאַגער־עלטעסטער — אַ געלער אונגאַרישער יונג. מיט אונדזער אָנקומען, איז אויך אונדזער קאַפּאָ גינזבורג דערהויבן געוואָרן צום ראַנג פון אַ לאַגער־עלטעסטן. יענער לאַגער־פירער פון „צענטראַל־לאַגער אָבערוויס־טעגירסדאָרף" האָט דעם קאַפּאָ גינזבורג מיטגעגעבן אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו פאַר דעם שאַטערוועדקער לאַגער־פירער, אים צו באַשטימען פאַר דעם לאַגער־עלטעסטן. אַזוי אַרום זענען אין לאַגער שאַטערוועדק געבליבן צוויי לאַגער־עלטעסטע.

צוזאַמען מיט נאָך אַ גרופּע יידן בין איך אָנגעקומען אין 16טן צעלטל. נאָך דעם, ווי יעדער האָט פאַרנומען אַ פּלאַץ צו ליגן אין קרייז פון דעם רונדן צעלטל, האָט זיך אַנטוויקלט דער ערשטער שמועס:

— „משנה מקום, משנה מזל" — דערציילט בידערמאַן, — אונדזער קאַפּאָ גינזבורג איז דאָ דערהויבן געוואָרן צו זיין אַ לאַגער־עלטעסטער.

— אַזאַ יאָר אויף אַלע שונאי ישראל — ענטפערט נחמן קאַנטעראָוויטש — מישטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַ יידיש מזל ס'איז צו זיין אַן עלטעסטער אין אַ דייטשישן לאַגער.

## נחמן קאַנטעראָוויטש מיט גינזבורגן ביי כל־נדרי

אין משך פון די ערשטע אַכט טעג נאָך אונדזער אָנקומען אינעם לאַגער שאַטערוועדק זענען מיר נישט געשיקט געוואָרן צו קיין אַרבעט. צוזאַמען מיט די עטלעכע טעג, וואָס מען האָט אונדז געהאַלטן אין אָבערוויס־טעגירסדאָרף, איז דאָס געווען די צייט פון קאַראַנטין. זענען מיר, 400

לאָדזשער יידן, געלעגן אין די פינצטערע צעלטלעך. אויף דער ערד איז געווען אָנגעשאָטן „האַלץ־וואָללע״, יעדער האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ קאַץ אויף זיין שלאָף־אָרט. אין מיטן פון דעם צעלטל איז געשטאַנען אַן אייזערן אייוועלע, אַרום דעם אייוועלע איז געווען אַ שמאָל, נידעריק ברעט, ווו עטלעכע מענטשן האָבן געקענט זיצן אין דער פרייער צייט.

אין טייל צעלטלעך האָט מען די פרייע צייט אין די עטלעכע טעג פון קאַראַנטין אויסגענוצט אויף קאָלעקטיווע שמועסן. אין איין צעלטל זענען געווען מענטשן פון פרייע פּראָפעסיעס: אַ דאָקטער, אַ יוריסט און עטלעכע אַקאַדעמיקער. זיי האָבן איינגעפירט אין יענעם צעלטל שמועסן אויף פאַרשידענע טעמעס. יעדעס מאָל האָט אַן אַנדערער אָפּגעגעבן אַ לעקציע פון דעם וויסנשאַפטלעכן אָפּשניט פון זיין קאָמפּעטענץ. אַלע זענען געלעגן אויף זייערע ערטער און זיך ערנסט און שטיל איינגעהערט. אויך דער פּרעלעגענט איז האַלב געלעגן אויף זיין פּלאַץ. די געסט פון אַנדערע צעלטלעך, וואָס זענען געקומען אויסהערן די לעקציעס, זענען געשטאַנען ביים טירל פון צעלטל.

אויך אין 16טן צעלטל האָט בידערמאַן איינגעאָרדנט אַ שמועס וועגן דער דעמאָלטדיקער סיטואַציע. אין יענע פינצטערע לאַגער־באַדינגונגען, האָבן די קאָלעקטיווע שמועסן געבראַכט אַ צייטווייליקע לינדערונג פון אונדזער צער און פאַרצווייפלונג.

אין די ערשטע טעג פון אונדזער זיין אין שאַטערווערקער לאַגער איז אויסגעפאַלן יום־כפור פון יאָר תש״ה (1944). אין דעם 16טן צעלטל זענען געווען עטלעכע פרומע יידן: נחמן קאַנטעראָוויטש, מאָטל גרינבערג א״אַ. איז באַשטימט געוואָרן צו דאַווענען אין דעם צעלטל כל־נדרי. דער לאַגער־עלטעסטער גינזבורג האָט זיך דערוווּסט, אַז אין 16טן צעלטל דאַוונט מען כל־נדרי, און ער איז אויך אַריינגעקומען צו אונדז זיך מצטרף זיין צום מנין. קיין מחזור אָדער סידור איז נישט געווען. נחמן האָט אַ ביסל געדענקט פון אויסנווייניק די תפילות, האָט ער געזאָגט הויך, און אַלע האָבן נאָכגעזאָגט. נאָך כל־נדרי האָט גינזבורג געוווּנטשן „אַ גוטן יו״ט״ און שנעל זיך אָפּגעטראָגן פון דעם 16טן צעלטל.

# נחמנס ערשטער „פאַרברעכן"

דעם ערשטן טאָג פון אונדזער אַרבעט אין דעם שאַטערוועַרקער לאַגער האָט מען נחמנען געכאַפּט ביי אַ „פאַרברעכן". געכאַפּט האָט מען אים גלייך אין דער פרי, ביים אַרויסגיין, ווען די רייעס פון די קאָמאַנדעס זענען שוין געווען איינגעשטעלט. דער לאַגער־פירער האָט שפּאַצירט ביי דער זייט און זיך צוגעקוקט צו די העפטלינגע־רייעס. פּלוצלינג איז ער געבליבן שטיין: ביי איינעם פון דער מיטלסטער ריי, האָט ער דערקענט פון דער ווייטנס, שטייט די דינע פּאַשאַק־בלוזע אָפּ פון זיין גוף. דער לאַגער־פירער האָט געגעבן אַ קוק אויף זיין נייעם לאַגער־עלטעסטן, וועלכער איז געשטאַנען נישט ווייט פון אים. גינזבורג האָט דערקענט אין זיין „פירערס" מינע, אַז ער איז עפּעס אויפמערקזאַם. איז ער געוואָרן רויט, פאַרצווייפלט און געקוקט אויף דעם לאַגער־פירער מיט הכנעה. אַ מינוט האָבן זיך אַזוי געקוקט אין די אויגן דער דייטשישער לאַגער־פירער מיט דעם יידישן לאַגער־עלטעסטן. צום סוף האָט אים דער לאַגער־פירער אָנגעוויזן אויף יענעם, וואָס שטייט אין מיטן ריי און זיין פּאַשאַק־בלוזע איז פול און שטייט אָפּ:

— וואָס איז דאָס פיר איין פערברעכער ?...

דער „פאַרברעכער" איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי נחמן. ער האָט זיך נישט געקענט דערוואָרעמען יענעם פרימאָרגן. ס'איז נאָך געווען פינצטער, ווען דאָס 16טע צעלטל האָט זיך געגעבן אַ טרייסל פון דעם פעסטן קלאַפּ, וואָס איינער פון דרויסן האָט אַריינגעפּויקט אין דעם דיקט־ווענטל מיט אַ געשריי: אַוף! אַלע וועקן זיך איבער: מען הערט, ווי יענער לויפט איבער דעם גאַנצן לאַגער און קלאַפּט פעסט אין אַלע צעלטלעך: אַוף! אַוף! מען טוט זיך שנעל אָן און מען שטעלט זיך אין דער ריי נאָך דער „קאַווע".

קילע ווינטן פון דעם פריִען האַרבסט בלאָזן אין דרויסן. די שטעכל־דראָטענע ווענט פונעם לאַגער פאַרהאַלטן בלויז די באַוועגונגען פון די יידישע אַרעסטאַנטן, אָבער די פרייע ווינטן, וואָס בלאָזן פון אַלע זייטן, קומען דורך די דראָטן הפקרדיק פריי.

שטייט אויך נחמן קאַנטעראָוויטש אין דער ריי נאָך דער „קאַווע״ און די ווינטן בלאָזן אים אין דער לייכטער און לויזער פּאַשאַק־בלוזע אַריין. די בלוזע הענגט אויף אים אַזוי לויז, גלייך ווי זי וואָלט ספּעציעל געמאַכט געוואָרן איינצוזאַמלען אין זיך אַלע ווינטן. ווערט נחמנען קאַלט. זיין פּאַרציע מוטנע וואַסער (די „קאַווע״) איז אויך נישט וואַרעם. טרינקט ער זי שנעל אויס און אַנשטאָט תיכף „איינטרעטן״ צום אַפּעל, כאַפּט ער זיך אויף אַ מינוט אַריין צו זיך אין 16טן צעלטל. ער וואַרפט פון זיך אַראָפּ די ברייטע פּאַשאַק־בלוזע און וויקלט זיך אַרום מיט זיינעם אַ לייכטן קאָץ. אויף דעם טוט ער צוריק אָן די בלוזע און לויפט זיך שטעלן אין דער ריי צום „איינטרעטן״.

די ס.ס.־זעלנער האָבן זיך שוין געוואָלט אַרומשטעלן און פירן די יידישע העפטלינגע צו דער אַרבעט. אין דער לעצטער מינוט האָט דער לאַגער־פירער זיי באַפוילן צו וואַרטן נאָך אַ ביסל. זיי זענען שוין געשטאַנען איינגעשטעלט אין די רייעס, סיי די יידישע העפטלינגע און סיי די ס.ס.־זעלנער, ווען דער לאַגער־עלטעסטער גינזבורג איז צוגעגאַנגען צו נחמנען און אויפגעריסן אויף אים די בלוזע. דאָס „פאַרברעכן״ איז געוואָרן אַנטבלויזט.ביידע יידן האָבן זיך אָנגעקוקט מיט פאַרצווייפלונג. ערשט מיט געציילטע טעג פריִער זענען זיי ביידע געווען אין דעם מנין פון די כל־נדרי־דאַווענערס, זיך אויסצובעטן אַ גוט יאָר. איצט שטייען זיי איינער קעגן דעם צווייטן, און נאָך דערצו אין דער קעגנוואַרט פון מענטשן אַרום.

דער לאַגער־פירער שטייט אין דער זייט און קוקט זיך צו צו דער האַנדלונג פון זיין ביי־געקומענעם לאַגער־עלטעסטן. גינזבורג רייסט אַוועק זיין בליק פון נחמנס אוממעכטיקע תחנונים־אויגן און כאַפּט אַ בליק דאָרט אַהין — צום לאַגער־פירער. ער דעצידירט זיך צו האַנדלען אַזוי, אַז ער זאָל נושא־חן זיין ביי דעם דייטש. מיט אַ בייזן כוח רייסט ער אַראָפּ פון נחמנען די בלוזע און שלעפּט פון איר אַרויס דעם קאָץ, לאָזנדיק אים דערביי פילן זיינע פויסטן. דערנאָך איז די קאָמאַנדע דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעגאַנגען פון דעם שאַטערוועקער לאַגער צו דער אַרבעט.

# דער „בעלגישער" דאָקטער

דער דאָקטער פון דעם שאַטערוווערקער לאַגער איז געווען אַ בעלגישער ייד. ווי אַזוי ער איז מגולגל געוואָרן אַהער, פון וואַנען די דייטשן האָבן אים פאַרשיקט אין אַט דעם „אַרבעטס־לאַגער", (וואָס איז פּאַקטיש געווען אַ טויטן־לאַגער), — האָבן מיר נישט געוווסט. אַלע פון דעם מע־נער־יודען־לאַגער האָבן געקענט דעם האַרציקן מיטלוווקסיקן ייד, מיט גרויסע העפּטן אויפן האַלדז, דעם גוטן דאָקטער. מיט אינערלעכער מאָראַלישער קראַפט האָט ער זיך איבערגעגעבן די קראַנקע, וואָס זענען געקומען צו אים יעדן טאָג. קיין סך האָט ער נישט געקענט העלפן די טויזנטער קראַנקע, ווייל ער אַליין איז זאָך אויך געווען איינער פון אונדז, אויך אַ פאַרשיקטער „יודען־העפטלינג". דערביי האָט ער געהאַט איבער זיך דעם „לאַגער־פירער", דעם נאַצישן אָפיציר, און געמוזט אַרבעטן מיט ליידיקע הענט, אָן שום אונטערזוכונגס־כלים און היילמיטלען. צו דעם אַלעם, איז ער געווען זייער באַשרענקט מיט די רעכט צו דעצידירן ווי אַ דאָקטער. דאָך האָט ער, ווי ווייט מעגלעך, געהאָלפן.

אין אָקטאָבער 1944, נאָך עטלעכע טעג גיין צו דער אַרבעט, האָבן שוין אָנגעהויבן קומען צו אים די קראַנקע. יעדן אָוונט, נאָכן צוריקקומען פון דער אַרבעט אין לאַגער, פלעגן די שוואַכערע מענטשן דערפילן די לאַסט פון הונגער, אַרבעט און דערשעפּונג, און זיי האָבן זיך „געיאָוועט" ביים לאַגער־דאָקטער. די ערנסט־קראַנקע האָט דער בעלגישער דאָקטער אַריינגענומען אינעם „קראַנקן־רעוויר", וואָס איז באַשטאַנען פון אַ צימערל און געווען אונטער זיין אויפזיכט. דאָרט האָט ער זיי אונטערזוכט, צולייגנדיק זיין אויער צום קראַנקנס פּלייצע און האַרץ, דאָרט האָט ער מיט זיין קעשענע־מעסערל, נאָכן אויסקאָכן עס, אויסגעשניטן די געשווירן. ער האָט געהאַט רעכט צו האַלטן די קראַנקע אין דעם וואַרעמען צימער נישט מער ווי צוויי וואָכן. אין דרויסן זענען שוין געווען ווינטן, רעגנס און בלאָטעס.

אַ צווייט מיטל צו פאַרקלענערן די שטערבלעכקייט אין לאַגער, וואָס דער בעלגישער דאָקטער האָט געהאַט דאָס רעכט אָנצוווענדן, איז געווען

אַריינצושיקן אַ קראַנקן אין דער „שיילעריי״, — צו שיילן די קאַרטאָפל פאַר דער קיך.

ביידע ערטער זענען אָבער שנעל אויסגעפילט געוואָרן מיט קראַנקע. האָט מען צוגענומען נאָך צימערן פון דעם 1טן בלאָק און אים פאַרוואַנדלט אין אַ קראַנקן־בלאָק.

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט ביז דער גאַנצער בלאָק איז אויך געוואָרן צו קליין, און מען האָט צוגעגעבן פאַר די קראַנקע אויך דעם 2טן בלאָק.

אין נאָוועמבער 1944 איז אין שאַטערוועקער לאַגער אויסגעבראָכן די דיזענטעריע־עפּידעמיע. די קראַנקע אויף דיזענטעריע האָט מען איזאָלירט אין דעם „11טן צעלטל״.

פון יאַנואַר 1945 האָט זיך דער שאַטערוועקער לאַגער אין גאַנצן פאַרוואַנדלט אין אַ קראַנקען־לאַגער.

אין אַפּריל 1945 האָט אין לאַגער זיך פאַרשפּרייט די פלעקן־טיפוס־עפּידעמיע, האָט מען די קראַנקע איזאָלירט אין באַזונדערע בלאָקן, הינטער נעצן פון דראָטענע צוימען.

אָט דאָס אַלץ האָט דער בעלגישער דאָקטער אַדורכגעמאַכט, און ביז דער לעצטער מינוט, דעם 8טן מאַי 1945, ווען די דייטשן זענען אַוועק פון לאַגער, און פון אַלע איז געבליבן בלויז אַ קליין הייפעלע שטערבלעך קראַנקע יידן, — איז דער בעלגישער דאָקטער נאָך געווען מיט אונדז.

דער שרייבער פון די שורות, וואָס האָט דאָס אַלץ איבערגעלעבט און געווען איינער פון די רעשטלעך געראַטעוועטע, האָט שפּעטער געהערט, אַז דער בעלגישער דאָקטער איז, שוין נאָך דער באַפרייונג, קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. כבוד זיין אָנדענק.

## שבת אחים אין קאַצעט

אין אוישוויץ האָט מאָטל גרינבערג זיך געטראָפן מיט זיינעם אַ גוטן פריינד, מיט וועלכן ער האָט שוין לאַנג זיך נישט געהאַט געזען. ביידע, סיי מאָטל גרינבערג און סיי זיין פריינד נחמן קאַנטעראָוויטש, זענען אין אוישוויץ געוואָרן פאַרעלנט. זייערע משפחות זענען געוואָרן אָפּגעריסן פון

זיי און פאַרשלעפּט אויף „יענער״ זייט.ביידע זענען געווען פאַרצווייפלט. אין אָט דער לאַגע זענען בולטער געקומען צום אויסדרוק זייערע פאַר־באָרגנסטע געפילן.

בדרך כלל ווערן מענטשן אין אַזאַ לאַגע אַנטוישט אין דעם עצם מענטש. דערשטויגט פון די ברוטאַליטעטן אין קאַצעטלער־לעבן, ווערן זיי אויסגעהוילט פונעם געפיל פון קאָלעקטיווער אָנגעהעריקייט און באַ־הערשט פון אַן עגאָיסטישן באַגער זיך צוצופּאַסן צו דעם געראַנגל פאַר אייגענע חיי־שעה.

אַנדערש איז געשען מיט די צוויי לאָדזשער פריינד אין די דייטשישע קאַצעטן. זינט זיי האָבן זיך געטראָפן, האָבן זיי אָנגעהויבן דאָס קאַצעט־לערישע „לעבן״ צוזאַמען, אַזוי ווי צוויי געטרייע ברידער, וואָס זענען נאָר וואָס געקומען פון דער לוויה פון זייערע עלטערן.

נחמן איז געווען מיט בערך 10 יאָר עלטער פון מאָטלען, אָבער די מענטאַליטעט, דער גייסטיקער ניוואָ, די קעגנזייטיקע ברידערלעכע גע־פילן, זענען ביי בײדן געווען די זעלבע.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל אויך זיין נאָענט צו זיי אין יענעם גיהנום און פון דער נאָענט זיך צוקוקן צו זייער ברידערלעך לעבן. איך האָב באַוואונדערט זייער קעגנזייטיקע געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט, זייער אויסערגעוויינלעכע האַלטונג, זייער גייסט פון אויסגעהאַלטענע מענטשן, ווי אויך זייער „פּינטעלע ייד״. מיט יעדן טאָג האָט זיך די גע־טריישאַפט געשטאַרקט ביז זי איז געוואָרן אַ טייל פון זייער נאַטור.

צוויי וואָכן נאָך אונדזער אָנקומען קיין אוישוויץ, האָט מען אונדז געשיקט אין אַן אַרבעטס־לאַגער אין נידערשלעזיע, צו ערשט אין צענ־טראַל־לאַגער אין אָבערזויסטעגירסדאָרף. ווען מיר זענען אין אָוונט צוגע־קומען צום פענצטערל, וווּ מען האָט אונדז רעגיסטרירט און אַרויסגעגעבן די קאַצעטלער־נומערן, האָט נחמן קאָנטראָוויטש דערקענט דעם יידישן באַאַמטן אין דער ביוראָ פון לאַגער, זיינעם אַ סוחר פון קראָקע, מיט וועלכן ער האָט געהאָט געפירט געשעפטן פאַר דער מלחמה. אָט דער באַקאַנטער האָט נחמנען געזאָגט, אַז ער זאָל אויף צו מאָרגנס צוקומען אין דער קיך. ווען נחמן איז אַהין געקומען, האָט דער באַאַמטער אים אַרויסגעגעבן

עטלעכע קאַרטאָפל. אַזאַ פּראַקטיק האָט קיינער נישט געהאַט. נחמן האָט די רויע קאַרטאָפל געבראַנגט צו מאָטלען, ער האָט זיי אָפּגעבראָטן ביים אייוועלע אין לאַגער. דערנאָך האָבן זיי זיך אויסגעזעצט אין אַ ווינקל בשותפות עסן.

ווען מען האָט באַקומען די פּאָרציעס ברויט, האָט מאָטל גענומען צו זיך ביידע פּאָרציעס, און זיי האָבן אָנגעהויבן צו עסן. האָט מאָטל אָפּגעשניטן פאַר נחמנען אַ שטיקעלע און פאַר זיך אויך פונקט אַזאַ שטיקעלע ברויט.

אינעם צענטראַל-לאַגער אָבערוויסטעגירסדאָרף זענען מיר געווען, ווי שוין דערמאָנט, בלויז 5 טעג. פון דאָרט האָבן אונדז די ס.ס.-זעלנער, מיט די אָנגעלאָדענע ביקסן, געפירט דריי קילאָמעטער ווייטער, אין דעם אַרבעטס-לאַגער שאַטערוועק. אויך אין שאַטערווערק האָט מיך דער גורל צוזאַמענגעפירט מיט די צוויי פריינד. איך האָב געאַרבעט צוזאַמען מיט זיי, געשלאָפן אין איין צעלטל לעבן זיי, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט פון דער נאָענט בייצוווינען זייער קעגנזייטיקע טריישאַפט.

שטייענדיק אין טיפן גרוב מיט דער לאָפּאַטע ביי דער אַרבעט, פרעגט מאָטל נחמנען:

— אפשר זאָלן מיר עסן אַ שטיקעלע ברויט ?

— לאָמיר עסן — ענטפערט נחמן.

שטעלן זיי אַוועק די שפּאַדלעס אין אַ זייט, מאָטל נעמט אַרויס פון דער הויזן-קעשענע אַ שטיקל ברויט, שניידט אָפּ פאַר נחמנען אַ שטיקעלע און פאַר זיך — אויך פונקט אַזאַ פּענעצל. ביידע מאַכן די ברכה און עסן.

ווען דער לאַנגער גרוב האָט שוין געהאַט די טיף פון 1,80 מעטער, האָבן מיר געמוזט אַהין אַראָפּלאָזן די אייזערנע, ברייטע רערן, וואָס זענען שוין געלעגן צוגעגרייט פאַר די קאַנאַליזאַציע-נעצן אין די דייטשישע דערפער פון יענעם ראַיאָן. די שווערע רערן האָט מען אַראָפּגעלאָזט מיט שטריק, דריי מאַן האָבן געאַרבעט ביים אַראָפּלאָזן איין שווערע רער. אין ביידע עקן און אין מיטן האָט מען צוגעבונדן שטריק. איך בין געשטאַנען אין דער מיטן, נחמן ביי איין עק און מאָטל — ביים צווייטן עק רער. אָבער ווען מיר האָבן אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן די שווערע אייזערנע רער, האָב איך געפילט, אַז איך קען זי נישט דערהאַלטן און די רער שלעפּט

מיך מיט אין גרוב אַריין. אויך נחמן איז שוין שיִער דאָרט אַריינגעפאַלן מיט דער רער.

אין דער לעצטער רגע האָט מאָטל געזאָגט, מיר זאָלן צוריקנעמען די רער צום פריִערדיקן אָרט. מיט אַלע כוחות האָט ער דער ערשטער צוריק אַרויסגעשלעפּט די רער, וואָס איז שוין געהאָנגען אין דער לופטן. אַזוי אַרום זענען מיר דעמאָלט געראַטעוועט געוואָרן. דערנאָך האָבן מיר געטוישט די פּאָזיציעס, מאָטל גרינבערג האָט זיך געפילט פיזיש שטאַרקער, האָט ער זיך דעצידירט צו שטעלן זיך אַליין אין מיטן, איך און נחמן פוןביידע זייטן. מאָטל האָט מיט אַלע כוחות אָנגעהאַלטן די גלייכגעוויכט און מיר האָבן לאַנגזאַם געקענט אַראָפּלאָזן די שווערע קאַנאַליזאַציע־רער אין טיפן גרוב אַריין און בלייבן שטיין אויף אונדזערע ערטער.

איין מאָל זענען מיר געשטאַנען אין טיפן גרוב. פון ביידע זייטן זענען אָנגעוואַקסן הויכע בערג ערד, און בלויז אַ שמאָלן פּאַס הימל איבער אונדזערע קעפּ האָבן מיר נאָך געקענט זען. אין דרויסן, לענג־אויס דער אַרבעטס־קאָמאַנדע, האָט זיך געפונען אַ שאָסיי, וואָס האָט פאַרבונדן די שכנותדיקע דערפער. עס פלעגט דאָרט רייטן אויף אַ ראָווער אַן אַלטער דייטש אָדער אַ דייטשקע, פאַרנדיק פון איין דאָרף אין צווייטן. שטייענדיק אַזוי אינעווייניק, האָב איך דערפילט, אַז אַ שטיינדל איז אַראָפּגעפאַלן פונעם הויכן באַרג ערד און האָט אָנגעקלאַפּט אין מיר. איך האָב זיך אומגעקוקט און דערזען, אַז דאָס איז נישט געווען קיין שטיינדל. אין דעם טיפן גרוב מיט שוואַרצער ערד האָט ביי מיין פוס אָנגעקלאַפּט אַ קליינטשיק ווייס פּעקעלע. איך האָב עס אויפגעהויבן, אויפגעוויקלט דאָס ווייסע פּאַפּירל, און דערזען אויף מיין האַנט צוויי קליינטשיקע פּענעצלעך ברויט, באַשמירט מיט מאַרגאַרין. האָב איך שוין געוווּסט, אַז די דייטשקע, וואָס פלעגט פאָרן יעדן טאָג אין דער צייט אויף איר ראָווער אויפן שאָסיי, האָט דאָס אַריינגעוואָרפן פאַר די „יודען" אַ מתנה.

מאָטל האָט געאַרבעט ביי מיין רעכטער זייט, נחמן אויף לינקס. האָב איך צעטיילט די צוויי פּענעצלעך ברויט אויף דריי גלייכע חלקים, פאַר יעדערן אַ ביס ברויט. איך האָב זיך אָנגעשטעקט פון זייער פירונג. אין דעם קאַצעטלערישן לעבן איז אַזאַ געשעעניש געווען אַ גרויסע אַטראַקציע,

און די אַלע, וואָס האָבן געאַרבעט מיט אונדז און דאָס געזען, זענען אונדז געווען מקנא.

— די דייטשקע איז משוגע געוואָרן — האָט איינער געזאָגט.

— אויף די הינט האָבן זיי מער רחמנות, ווי אויף אונדז, יידן — האָט אַ צווייטער געענטפערט.

## „פאַר וואָס ברענט אַזוי פיל ליכט?"

נאָך עטלעכע טעג גיין מיט דער אַרבעטס־קאָמאַנדע איז מאָטל גרינבערג קראַנק געוואָרן. פון פינף אַ זייגער פאַר טאָג ביז אין דער פינצטערער נאַכט איז די קאָמאַנדע געווען אין דרויסן, געליטן פון הונגער און קעלט. אונדזער אַרבעטס־פונקט האָט זיך געפונען דריי קילאָמעטער פונעם לאַגער, און דער וועג אַהין און צוריק האָט אויך אויסגעשעפּט. מאָטל גרינבערגן האָט זיך געמאַכט אַ ווונד אויפן קאַרק און דער סאַניטאַר האָט אים געגעבן אַ פלאַסטער אויף דער ווונד. צו מאָרגנס, נאָך איידער דאָס אָרט האָט זיך פאַרהיילט, האָבן זיך אים, לעבן דעם פלאַסטער, אויסגעשיט נאָך צוויי אַזעלכע ווונדן. דער סאַניטאַר האָט אים געמאַכט נאָך צוויי פלאַסטערס. דעם דריטן טאָג האָט זיך אים פאַרערגערט, דעם פערטן טאָג — נאָך מער. ס'האָט לאַנג נישט געדויערט, און דער לאַגער־דאָקטאָר האָט אים אַריינ־גענומען אינעם קראַנקען־רעוויר. ער איז געווען איינער פון די ערשטע לאָדזשער יידן, וואָס האָבן זיך „אַריינגעצויגן" אין „רעוויר". דאָס איז געווען אין אָקטאָבער 1944. מיר האָבן פאַרגעזעצט דאָס קאַצעטלערישע לעבן — וויטער געגאַנגען צו דער אַרבעט, אָבער מיר האָבן געפילט, אַז מאָטל איז נישטאָ צווישן אונדז און געבענקט נאָך אים.

דער האַרבסט האָט געבראַכט אַלץ שטאַרקערע ווינטן און אָפטערע רעגנס. כסדר הונגעריק, האַלב נאַקעט און באָרוועס, פלעגן מיר שטיין אין די בלאָטעס. מיינע הענט און פיס זענען געוואָרן געשוואָלן. 12 אַ זייגער ביי טאָג, ווען ס'האָט זיך דערהערט דער פייף אויף דעם מיטאָג־איבעררייס, בין איך צוגעגאַנגען צום „קאָמאַנדע־דאָקטאָר" און אים געוויזן מיינע געשוואָלענע הענט און פיס. ער האָט געענטפערט:

— דאָס איז גאָרנישט, דערצו באַדאַרף מען קיין שום מעדיציִנען נישט, אויף אַ נאָרמאַלן, נאַטירלעכן אופן וועט עס זיך אויסהיילן.

— וואָס זאָל איך טאָן דערצו?

— איר דאַרפט עסן מער ברויט.

— ווו זאָל איך נעמען מער ברויט אין לאַגער?

הייבט ער מיט די אַקסלען:

— דערצו האָב איך שוין נישט קיין עצה, קיין בעקער פון ברויט בין איך נישט.

איינע פון די איינגעשטעלטע חוזק־פּאָרמאַליטעטן איז געווען, אַז מיט יעדער גרויסער פּאַרטיע, וואָס די ס. ס. האָבן געפירט צו דער אַרבעט, איז מיטגעגאַנגען איינער פון אונדז אַלס אַ קאָמאַנדע־דאָקטער. אויך מיט אונדזער קאָמאַנדע, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט אין אָנהייב אָקטאָבער 1944 מיט 150 מאָן, איז מיטגעגאַנגען אַזאַ קאָמאַנדע־דאָקטער. אויף זיין אַקסל האָט ער געטראָגן אַ בלעכענע פּושקע מיט אַ גרויסן רויטן קרייץ. דאָס בלעכענע שעכטל איז געווען פּוסט און ליידיק. דער דאָקטער האָט נישט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט צו אונטערזוכן אָדער צו היילן, נישט קיין טערמאָמעטער אַפילו. פאַר אונדזערע פּיינען איז דער דייטשישער חוזק־שפּיל געווען — „צום רומל”. דער קאָמאַנדע־דאָקטער האָט דאָך געהאַט אַ פּריווילעגיע: ער האָט נישט געדאַרפט אַרבעטן.

אַ טאָג נאָכן געשפּרעך מיטן קאָמאַנדע־דאָקטער, האָב איך באַמערקט אַז די „קישעלעך” איבער מיינע פינגער פון די הענט און פיס האָבן זיך אונטערגעהויבן אַ ביסל העכער, אַ טאָג שפּעטער — נאָך העכער. אַז דאָס געשווילעכץ איז שוין געווען זייער גרויס, האָט מיך דער לאַגער־דאָקטער אויך אַריינגענומען אין זיין קראַנקנשטוב. דאָרט האָב איך זיך ווידער געטראָפן מיט מאָטל גרינבערגן.

איך בין דעמאָלט געווען דער „געזונטער”, האָב איך געמוזט אַרויפקריכן אויף דער אויבערשטער פּריטשע. דאָקעגן מאָטל גרינבערג איז שוין געווען זייער קראַנק, ער האָט שוין נישט געקענט אַרויפקלעטערן, איז ער געלעגן אויף דער פּאַרטער־פּריטשע, אונטער מיר. איז מיר באַשערט געווען מיט־צוזייטיקן זיינע שטערבלעכע יסורים. די הויט אויף די פיס איז ביי אים

שוין געווען אָפּגעשיילט. דער לאַגער־דאָקטער האָט אים געמאַכט וואַרעמע וואַנעס, געוואַשן און גערייניקט די מאַטעריע. דער בעלגישער דאָקטער האָט נישט געהאַט קיין שום מעדיקאַמענטן, קיין באַנדאַזשן, גאָרנישט. האָט זיך די קראַנקייט שנעל און פאַטאַל פאַרערגערט. די דריי לעצטע טעג איז ער געלעגן מיט גרויסער היץ, גאַנצע נעכט נישט געשלאָפן און כסדר געפרעגט פון היץ „פאַר וואָס ברענט אַזוי פיל ליכט?". אַזוי איז פאַרלאָשן געוואָרן זיין אייגן לעבנסליכט.

# קאַטשמאַרעק

אין לאָדזש, אויף נאַרוטאָוויטשאַ, לעבן דער פּיעטריקאָווער, איז געווען אַ פיש־געוועלב. פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט מען דאָס געוועלב רעמאָנטירט. דורך די שויבן האָבן די פאַרבייגייער געקענט זען די אינערלעכע איינריכטונג מיט די קאַפלענע באַסיינען און די לעבעדיקע פיש אין זיי. מיר פלעגן רופן דאָס פיש־געוועלב „די אַפּטייק", ווייל אין יענע צייטן איז זעלטן אַ פיש־געוועלב געווען אַזוי זויבער. איבערן פיש־געוועלב איז געהאַנגען אַ שילד מיטן נאָמען פון דעם אייגנטימער — קאַטשמאַרעק.

נאָר רייכע באַלעבאָסטעס פלעגן דאָרט קויפן פיש לכבוד שבת און יו"ט. נאָר דאָס רייכע לאָדזש פון פּיעטריקאָווער און פון די דערבייִיקע גאַסן — די מאַנופאַקטור־פאַבריקאַנטן, סוחרים, רייכע וועבערס, שפּינערס, שטריקערס א"אַ, האָבן זיך געקענט דערלויבן צו עסן גוטע סאָרטן פיש פון קאַטשמאַרקעס „אַפּטייק". פאַר דעם לאָדזשער מיטלשטאַנד און די אַרבעטער איז דאָס געווען אַ צו גרויסער לוקסוס.

דער אייגנטימער האָט, פאַרשטייט זיך, פון זיין פיש־מסחר געהאַט אַ גוטע פּרנסה. די משפחה קאַטשמאַרעק האָט געלעבט בריווח ובנחת, זייער זון האָט מען געפלעגט אין „פּוטער און אין האָניק", קיין זאַך איז נישט געווען צו טייער פאַר זיין געזונט. מען האָט אויך געזאָרגט פאַר זיין גייסטיקער דערציִונג: געשיקט אים אין שול צו גוטע לערערס. ער איז אויפגעוואַקסן הויך, געזונט, שיין און קלוג, און די עלטערן האָבן געהאַט אַ סך

נחת פון זייער געראַטעוועם זון. די פרוי קאַטשמאַרעק האָט זיך געשפּיגלט אין אים.

איז מיר באַשערט געווען, אַז איך זאָל באַקענען אויך דעם געראַטעוועם יונגן קאַטשמאַרעק, נישט אין קיין נאָרמאַלע צייטן, נאָר אין דעם פינצטערן פּעריאָד פון אונדזער קאַצעטלערישן לעבן. אָט דער הויכער, יונגער קאַטשמאַרעק איז דורך די דייטשן אין קאַצעט באַשטימט געוואָרן צו זיין אונדזער קאַפּאָ. און עס איז כדאי צו דערציילן וועגן זיינע מעלות, ווי זיי זענען געקומען צום אויסדרוק אין די צייטן פון נויט, אין וועלכע מען האָט אויף אַן אמת דערקענט אַ פריינד און אַ מענטשן.

## „דו ביסט קאַפּאָ!"

נאָך די ערשטע עטלעכע טעג פון קאַראַנטין איז אין שאַטערווערקער לאַגער איינגעאָרדנט געוואָרן אַן „אַפּעל", אויף וועלכן מען האָט גענוי איבערגעציילט די מענטשן און זיי צעטיילט אויף עטלעכע גרופּעס: איין גרופּע פון 200, איין גרופּע פון 150 און עטלעכע קלענערע גרופּעס — צו 50 און 20 מאַן. די גרופּעס זענען באַשטימט געוואָרן אַלס אַרבעטס־קאָמאַנדעס, די גרעסערע פאַר „אויסער־קאָמאַנדעס" און די קלענערע אויף דער אַרבעט אין לאַגער גופא, אָדער לעבן אים. די גרופּעס האָבן געטראָגן די נעמען: „קאָמאַנדע לאַגער־אויפבוי", „קאָמאַנדע באַן־סטאַציע" א"אַ.

צו דעם צוועק זענען געקומען אין לאַגער ספּעציעלע „געסט": עטלעכע דייטשישע אָפיצירן פון דער אַרמיי, פון ווירטשאַפטס־דינסט און פון דער שטאָדט־קאָמאַנדע. די דייטשן האָבן שפּאַצירט איבער די גלייכע רייען פון די יידישע קאַצעטלער, אַריינגעקוקט זיי אין די אויגן, געמאָסטן מיטן בליק זייער געבוי, באַטראַכט די אַרבעטס־פעיִקייטן פון די פריש־געקומענע יידישע קנעכט. מיט אָט דער פּראָצעדור האָבן זיי אויך אויפן אָרט באַשטימט די קאַפּאָס. נישט ווייט פון מיין אָרט האָבן זיי אָנגעוויזן אויף איינעם, וואָס איז געשטאַנען אין דער צווייטער ריי לעבן מיר און איינער פון זיי האָט אויסגערופן:

— דו ביסט קאַפּאָ!

דער גורל איז געפאַלן אויפן יונגן קאַטשמאַרעק, וואָס איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון אַנדערע, ווייל זיינע עלטערן האָבן אים געפלעגט און דערצויגן צו פיזישער און גייסטיקער פערפעקציע. זעט אויס, אַז זיין הויכע פיגור האָט באַוויגן דעם דייטש אים צו באַשטימען פאַר אַ קאַפּאָ. אין אונדזער קאָמאַנדע פון 150 מאַן זענען באַשטימט געוואָרן 5 קאַפּאָס, איינער אויף 30 מאַן. איך האָב געהאַט די זכיה צו זיין אין דער קאָמאַנדע פון קאַפּאָ קאַטשמאַרעק.

צו מאָרגנס אין דער פרי זענען די קאָמאַנדעס געפירט געוואָרן צו דער אַרבעט. די קאָמאַנדע 200 האָט געדאַרפט גיין 5 ק״מ צו איר אַרבעטס־פּלאַץ, די קאָמאַנדע 150 — 3 ק״מ. אויפן אָרט האָבן מיר באַקומען די אַרבעטס־געצייג: לאָפּאַטעס, האַמערס, קילאָפּן און אייזערנע שטאַבעס. לענג־אויס דעם שאָסיי זענען אויסגעשטעלט געוואָרן די גרופּעס — יעדע 2 — 3 מעטער אַן אַרבעטער צו גראָבן די ערד. אַ קאַפּאָ, דאַקעגן דאַרף נישט אַרבעטן, ער שפּאַצירט בלויז אויפן שאָסיי און זיין אויפגאַבע איז אונדז אונטערצוטרייבן צו שנעלער און פּינקטלעכער אַרבעט.

מיר שטייען מיט די שפּאַדלעס אין די הענט, אַראָפּגעבויגן צו דער ערד און דער קאַפּאָ קאַטשמאַרעק שפּאַצירט אויפן שאָסיי אַהין און צוריק. דער נידערשלעזישער ראַיאָן איז זייער אַ שיינער: פון איין זייט ציִען זיך הויכע בערג מיט גרינע וועלדער, פון דער צווייטער — פעלדער, לאָנקעס און דערפער, ביז אין דעם ווייטן האָריזאָנט אַריין. די ערשטע עטלעכע טעג זענען גראָד געווען שיינע און וואַרעמע. שפּאַצירט זיך אונדזער קאַפּאָ קאַטשמאַרעק צווישן די צוויי קעגנזעצלעכע וועלטן: פון איין זייט די דייטשישע, פון דער צווייטער זייט — די יידישע. די דייטשישע וועלט פאַרמאָגט אַלץ, ווי גאָט וואָלט דאָס באַשאַפן נאָר פאַר דעם „הערן־פאָלק״: הימל און ערד, הויכע וועלדער און טיפע פעלדער, שמאָלע טייכן און דאָרפישע הייזער, אויך שאָף און רינדער אויף די לאָנקעס. די „פּאָסטנס״ פון אָט דעם „הערן־פאָלק״ דרייען זיך אַרום אונדז מיטן אָנגעלאָדענעם געווער, היטנדיק די מענטשן פון דער „נידעריקער ראַסע״, די אויסגעזידלטע קאַצעטלער, די „יודען״ פון דער צווייטער וועלט.

צו וועלכער וועלט געהערט קאַטשמאַרעק? צו די 30 מאַן וואָס אַרבעטן,

וואָס זיין אויפגאַבע איז זיי אונטערצוטרייבן, אָדער צו די, וואָס האָבן אים באַשטימט פאַר אַ קאַפּאָ?

דאָס וואָרט „קאַ־פּאָ" באַשטייט פון די ראשי־תיבות פון די ווערטער קאַמעראַד־פּאָליציי. איז וואָס זאָל ער זיין, אַ יידישער „קאַמעראַד" (חבר), אָדער אַ יידיש־דייטשישער פּאָליציאַנט? אין זיין נערוועזן „שפּאַציר" אויפן שאָסיי דערקענט מען, אַז עס קומט ביי אים פאַר אַן אינערלעכער געראַנגל: זיין אויפגאַבע שטעלט אים אין קאָנפליקט מיט זיינע מאָראַליש־יידישע פּרינציפּן, וואָס ער האָט איינגעזאַפּט אין דער היים, אין קאָנפליקט מיט דער אַלגעמיינער יידישער טראַגעדיע.

ניין, ער געהער נישט צו די באַוואָפנטע ס.ס.־שומרים. ער איז איינער פון זיינע אַרבעטער, וואָס זענען אויסגעשטעלט מיט די שפּאַדלעס אין די הענט, אַראָפּגעבויגן צו גראָבן די ערד. אונדזער קאַפּאָ קאַטשמאַרעק האָט פאַר אונדז פאַרשטענדעניש, ער זעט, אַז מען שטייט מיט די שפּאַדלעס און מען „קיצלט" די ערד מיט די לעצטע כוחות און ער פילט אונדז מיט.

ווי אָפּגעצערט און דערשעפּט עס זאָלן נישט זיין די לאָדזשער יידן אין דעם שאָטערווערקער לאַגער, נאָך די לאַנגע הונגער־יאָרן אין געטאָ, האָט מען דאָך אויסגעגראָבן די נויטיקע טיף און ברייט פון די גריבער און זיך גערוקט אַלץ ווייטער פאָרויס. דאָס אַלץ איז געווען אויף די ערטער מיטן ווייכן באָדן. ביטער איז אונדז אָבער געוואָרן ווען מיר זענען צוגעקומען צום פעלדזיקן באָדן, וווּ מיט קיין לאָפּאַטע האָט מען נישט געקענט גראָבן. דעמאָלט האָבן מיר געמוזט אַרבעטן אין דרייען: איינער האָט צוגעהאַלטן די אייזערנע שטאַבע, און צוויי אַנדערע האָבן פון ביידע זייטן געהאַקט מיט האַמערס אויף דער אייזערנער שטאַבע, אַז זי זאָל אַריין אין שטיין און אים שפּאַלטן. די יידן זענען אָבער שוין געווען זייער שוואַך און האָבן נישט געקענט אויפהייבן הויך די שווערע אייזערנע האַמערס אָדער קלאַפּן פעסט אויף די שטאַבעס. די אַרבעט איז געוואָרן געהאַמעוועט.

קאַטשמאַרעק האָט שפּאַצירט אויפן שאָסיי און זיך צוגעקוקט צו אונדזער פּיין. סוף־כל־סוף איז ער צוגעקומען, גענומען דעם שווערן האַמער אין זיינע הענט, אים העכער אויפגעהויבן, האַסטיקער אַריינגעקלאַפּט אין דער אייזערנער שטאַבע און דער שטיינערנער באָדן האָט נאָכגעגעבן. ער

האָט זיך נישט געבייזערט, ווי אַ טייל קאַפּאָס, אויף זיינע אַרבעטער, נאָר, ווי דאָס וואָלט געווען אַ טייל פון זיין פליכט, האָט ער האַסטיק אָפּגעטאָן די אַרבעט. דערנאָך איז ער צוריק אַרויף שפּאַצירן אויפן שאָסיי אַ צופרי־דענער.

## „זעקס־זעקס" און „טאָפּלט־זעקס"

פלוצלינג האָט קאַטשמאַרעק אָנגעהויבן צו גיין האַסטיק ביים ראַנד פון גרוב און אַריינשרייען צו אונדז: זעקס־זעקס! זעקס־זעקס! מיר האָבן שוין פאַרשטאַנען דעם באַדייט, די „האַסלע". האָבן אַלע זיך גענומען אינ־טענסיווער צו דער אַרבעט. אַ ביסל שפּעטער האָט זיך די שטימונג ביי קאַטשמאַרעקן געענדערט, האָט ער אָנגעהויבן צו שפּאַצירן נאָך האַסטיקער שרייענדיק צו אונדז: לאָוס, לאָוס! באַוועגונג! באַוועגונג! — זיין קול פון אונטערטרייבן האָט געקלונגען הויך. דאָך האָבן מיר זיך נישט געשראָקן פאַר אים; מיר האָבן געוווּסט, אַז ער סימולירט אַ „געטרייען" קאַפּאָ.

אויסער די באַוואָפנטע ס. ס.־זעלנער וועלכע פלעגן אונדז „באַגלייטן" צו דער אַרבעט און צוריק, און וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען צו שיסן אין די, וואָס וועלן אַנטלויפן, איז געווען נאָך אַ פאָרמאַציע פון דייטשישע זעלנער, וואָס זענען געקומען פון צייט צו צייט קאָנטראָלירן אונדזער אַרבעט. קאַטשמאַרעק האָט זיי דערקענט פון דער ווייטנס לויט די מונדירן. ווען איינער פון זיי איז אָנגעקומען, האָט ער אונדז געגעבן צו וויסן מיט זיין צייכן „זעקס, זעקס". ווען יענער איז געקומען נענטער, האָט ער שוין געהויבן זיין קול אויף: „לאָוס, לאָוס, באַוועגונג!"

מיר האָבן זיך שוין צוגעוווינט צו די „האַסלע" און אַלאַרם־סיגנאַלן פון קאַפּאָ קאַטשמאַרעק און זיך אַריענטירט, ווען מען דאַרף סימולירן, אַז מען איז געזונטע אַרבעטער, „נאָרמאַלע" קאַצעטלער, וואָס פאַרדינען זיך די קאַצעטלערישע וואַסער־זופּן, און ווען מען קען רויִק „קיצלען" די ערד. מיר זענען שוין אויך געוואָרן פאַכמענער, געוווּסט וויפל ס'דאַרף זיין די ברייט און טיף פון אַ גרוב און אַז די ווענט דאַרפן זיין גלייך ווי אין שטוב.

ביטער איז אָבער געווען ווען קאַטשמאַרעק האָט פון דער ווייטנס

דערזען אָנקומען דעם נידעריקן דייטש מיטן שטעקן אין האַנט. דאַן האָט אונדזער קאַפּאָ אַריינגעשריגן צו אונדז אין גרוב אַריין זיין אַלאַרם־צייכן: טאָפּלט־זעקס! טאָפּלט־זעקס! מיר האָבן שוין געוווּסט אויף דעם באַדייט פון „טאָפּלט־זעקס". האָט אַ שרעק אַלעמען אַרומגענומען. אַז יענער דייטש האָט זיך דערנענטערט, האָט קאַטשמאַרעק אָנגעהויבן לויפן ווילד אַהין און צוריק און מיט געבייזער געשריגן:

— לאָוס, לאָוס, באַוועגונג, באַוועגונג!

דער „טאָפּלט־זעקס", אַ דייטש פון דער טאָדט־קאָמאַנדע, האָט געהאַט אַ ספּעציעלע סאַדיסטישע מעטאָדע צו „לערנען" אונדז די אַרבעט. ער פלעגט בלייבן שטיין ביים גרוב, זיך אָנבייגן און אַריינשרייען:

— טיף גראַבען אונד האָוך שמייסן! טיף גראַבען אונד האָוך שמייסען!

— יאַ וואָל! — ענטפערט דער ייד.

מער האָט דער „טאָפּלט־זעקס" נישט באַדאַרפט. דאָס איינע וואָרט פונעם ייד איז שוין געווען גענוג, אַז ער זאָל אָנווענדן זיין סאַדיזם. דער דייטש בייגט זיך מער צום גרוב, שטופּט אַריין זיין שטעקן און פּאַכעט איבער דעם יידנס קאָפּ אַהין און צוריק:

— דו האַסט גאַר נישט וואַס צו שפּרעכען! טיף גראַבען און האָוך שמייסען! דו האַסט גאַר נישט וואַס צו שפּרעכען!

אַזוי גייט ער ווייטער, שטעלט זיך אָפּ און שרייט אַריין צו אַ צווייטן יידישן קרבן זיין „לערע":

— טיף גראַבען אונד האָוך שמייסען! טיף גראַבען אונד האָוך שמייסן!

— איך מאַך דאָס גראַדע. — ענטפערט אַן אַנדער ייד. איז ווידער דער שטעקן איבער דעם יידנס קאָפּ:

— דו האַסט גאַר נישט וואַס צו שפּרעכען! טיף גראַבען אונד האָוך שמייסען! דו האַסט גאַר נישט וואַס צו שפּרעכען!

דער ייד האָט זיך נאָך מער איינגעבויגן אין דער טיף פון גרוב ביז צו דער ערד, מיט די הענט צוגעהאַלטן דעם קאָפּ, צו באַגראָבן זיך לעבעדי־קערהייט, אַבי אַנטרינען פון דעם דייטשס שטעקן.

אַזוי איז דער „טאָפּלט־זעקס" געגאַנגען איבער דער גאַנצער לענג פון די אַרבעטס־קאָמאַנדעס, ביי יעדע עטלעכע טריט זיך אָפּגעשטעלט, זיך

אַנגעבויגן, אַריינגעקוקט, געלאָזט הערן זיין „טיף גראָבען" — און געלאָזט פילן זיין שטעקן איבער די יידישע קעפּ.

קאַטשמאַרעקס פּנים האָט געפלאַמט פון אויפרעגונג אויף דעם מנובל־דיקן דייטש, איז ער האַסטיקער געלאָפן אַהין און צוריק אויפן שאָסיי, העכער אויסגעשריגן די ווערטער, וואָס האָבן זיך אויסגעמישט צוזאַמען:

— טאָפּלט־זעקס! לאָוס, באַוועגונג! טאָפּלט־לאָוס, טאָפּלט־זעקס! באַוועגונג!

אין די גריבער האָבן די יידן מיט טויטשרעק און מיט די לעצטע כוחות געשטופּט די לאָפּאַטעס אין דער ערד און אַרויסגעשמיסן אין דרויסן. דערביי זיך באַמיט צו האַלטן דעם קאָפּ טיף אַנגעבויגן, אַז די פּלייצע זאָל זיין העכער און באַשיצן דעם קאָפּ. טיפע ווייטיק און שאַנד באַהערשן דעמאָלט דעם יידישן העפטלינג. ווייטיק פון דעם דייטשס שטעקן און שאַנד פאַר דער טיפקייט פון דער געפאַלנקייט. דעם דייטשס סאַדיסטישער „לערע" און זיינע ווערטער: — „דו האָסט גאָרנישט וואָס צו שפּרעכען! טיף גראָבען"... אויך קאַטשמאַרעקס נערוועזע טריט און „אונטעריאָגן" אונדז צו דער אַרבעט האָבן געהערט צו אונדזערע אייגענע ווייטיק און שאַנד.

## קאַטשמאַרעק בעט אַ שטיקעלע ברויט

די צוויי וואָכן, וואָס איך בין געווען אין רעוויר, בין איך געווען אָפּגעריסן פונעם קאָפּאָ קאַטשמאַרעק. ער איז יעדן טאָג געגאַנגען מיט דער קאָמאַנדע צו דער אַרבעט און איך בין געלעגן אין קראַנקן־רעוויר. אָבער ווי געזאָגט, האָט דער בעלגישער דאָקטער נישט געהאַט קיין רעכט צו האַלטן אַ קראַנקן אויפן רעוויר מער ווי צוויי וואָכן צייט. אָדער מען האָט געדאַרפט געזונט ווערן און צוריקגיין צו דער אַרבעט, אָדער מען האָט שוין געדאַרפט שטאַרבן. איך בין אָבער נאָך נישט געשטאָרבן און אויך נאָך נישט געזונט געוואָרן. די „קישעלעך" איבער די פינגער פון מיינע הענט און פיס זענען אָפּגעפאַלן בלויז אויף אַ העלפט. איך בין געוואָרן אויסגעשריבן פון רעוויר, און צו מאָרגנס פאַר טאָג האָב איך געמוזט „איינטרעטן" צום אַפּעל און מיטגיין מיט דער קאָמאַנדע.

דורך דער צייט פון מיין אַפּוועזנהייט פון דער אַרבעטס־קאָמאַנדע, האָט זיך דאָס וועטער פאַרערגערט. עס האָבן זיך געשטאַרקט די האַרבסטיקע קאַלטע ווינטן און רעגנס. בין איך יענעם טאָג געשטאַנען מיטן שפּאַדעל אין האַנט און נישט בכוח געווען אים אויפצוהייבן, צו באַוועגן און קאַפּען די ערד. איך האָב אים בלויז צוגעהאַלטן און זיך אָנגעלענט אין אים, אַז איך זאָל נישט אומפאַלן. יענער טאָג האָט פאַר מיר געדויערט לענגער ווי אַ יאָר. די קאַלטע ווינטן האָבן נישט אויפגעהערט זיך איינצובייסן אין מיינע געשוואָלענע אברים און דער קאָפּ איז געווען ווי פון גלאָז.

דער ס. ס.־זעלנער, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון מיר, האָט אָפט געקוקט צו מיר און באַמערקט מיין לאַגע. כאָטש זיין אויפגאַבע איז געווען בלויז צו האַלטן וואַך, אַז די „יודען העפטלינגע" זאָלן נישט אַנטלויפן, האָט ער אָבער נישט געקענט פאַרטראַגן, אַז איך שטיי און אַרבעט נישט. איז ער צוגעקומען צו מיר מיט אַ „פּראַקטישן" פּאַ. שלאָג:

— וואָס מאַכסטו, מענטש? — פרעגט ער מיר.

— איך בין קראַנק, געסטערן וואַר איך אין קראַנקען־רעוויר — ענטפער איך אים.

— יאַ וואָל, איך זע דו ביסט קראַנק. הויטע איזט מיטוואָך, נאָך איין מיטוואָך וועסטו נישט לעבן, ווען דו לאָופסט פאָרט אום פינפציק מעטער, דאַן שיס איך דיך! — לאַכט ער מיר אין די אויגן אַריין.

איך האָב בשעת מעשה געפילט, אַז דער דייטש רעדט לאָגיש און פּראַקטיש, ווייל ביז צום אַנדערן מיטוואָך וועל איך נישט אויסהאַלטן צו גיין מיט דער קאָמאַנדע. דאָך האָט זיך מיר נישט געגלוסט צו ליב טאָן דעם דייטשישן מערדער. ווען דער דייטש איז אַוועקגעגאַנגען פון מיר, בין איך צוגעגאַנגען צום קאַפּאָ קאַטשמאַרעק און געבעטן, אַז ער זאָל מיך פירן צום קאָמאַנדע־דאָקטער. בלויז דער קאַפּאָ האָט געהאַט דאָס רעכט צו פירן אַ קראַנקן פון דער אַרבעט צום דאָקטער. קאַטשמאַרעק האָט מסכים געווען, מיך אָנגענומען ביי דער האַנט און געפירט צום צעלטל פון קאָמאַנדע־דאָקטער. אויף דעם קליינעם שטיקל וועג פון בערך 40 מעטער, פילנדיק זיין הייסע ציטערנדיקע האַנט אויף מיין געשוואָלענער און הערנדיק זיינע ווערטער, האָב איך בפירוש געפילט, אַז מיין אומגליק איז אויך אַ צרת רבים,

אַן אַלגעמיין אומגליק. ער האָט זיך צוגעבויגן און אַריינגערעדט אין מיין אויער:

— ערליך! אפשר האָסטו אַ שטיקעלע ברויט?

ביי מיר אין קעשענע האָב איך נאָך געהאַט אַ שטיקעלע ברויט, ווייל איך בין שוין יענעם טאָג „פּאַרזעטיקט" געוואָרן פון דער קעלט און פון דער „טובה", וואָס דער דייטש האָט מיר געוואָלט טאָן מיטן שיסן אין מיר. איך האָב אַרויסגענומען מיין פּיצל ברויט און אים געגעבן. ער האָט דאָס תיכף איינגעשלונגען, צוזאַמען מיט די טרערן, וואָס האָבן אים געשטיקט אין האַלדז.

דער קאָמאַנדע־דאָקטער איז דעמאָלט שוין געזעסן אין אַ צעלטל, אין וועלכן עס האָט געברענגט אַן אייזערן אייוועלע. ער קען נישט און ער טאָר נישט אונטערזוכן אָדער היילן די קראַנקע, וואָס מען ברענגט צו אים, ער האָט בלויז דאָס רעכט צו דערלויבן בלייבן אין וואַרעמען צעלטל ביז 10 מינוט. אַזוי לאַנג בין איך טאַקע דאָרט געבליבן, און איך בין אַ ביסל געקומען צו זיך.

אין דרויסן בין איך ווידער אַדורכגענומען געוואָרן פון ווינט און קעלט און ווידער זיך אָנגעהאַלטן ביים רידעל, איך זאָל נישט אומפאַלן. אַרבעטן בין איך געווען אומפעיק.

ס'איז שוין געווען בין־השמשות, דער טאָג האָט שוין געהאַלטן ביים אויסלעשן זיך, אָבער צום „אַהיימגיין" איז נאָך געווען וויט. דער וועכטער קוקט כסדר אויף מיר און ווידער האָט ער גרויס „רחמנות" און וויל מיך אויסלייזן פון די פּיינען. קומט ער נאָך אַ מאָל צו מיט זיין פאָרשלאָג, אַז איך זאָל אַנטלויפן פון דער אַרבעט, וועט ער מיך שיסן. חזרט זיך ווידער איבער דער זעלבער „שמועס", אָבער דאָס מאָל שוין מיט מער „פּראַקטישע" אָנווענדונגען צו דערגרייכן דעם ציל.

— וואָס מאַכסטו, מענטש?

— איך בין קראַנק, איך וואָר געסטערן אין...

— יאָ וואָל. איך זע, דו ביסט קראַנק. הויטע איזט מיטוואָך, נאָך איין מיטוואָך וועסטו נישט לעבן. ווען דו לאָופסט פאָרט אום 50 מעטער, דאַן שיס איך דיך!

איך האָב ווידער געפילט, אַז דער דייטש רעדט לאָגיש, ער איז גערעכט לגבי מיין לאַגע. האָב איך זיך אין יענער רגע געשלאָגן מיט דער דעה: פאַר וואָס בין איך אַזאַ פחדן, פאַר וואָס האָב איך אַזוי מורא פאַרן טויט? אפשר זאָל איך טאַקע אַנטלויפן און ווערן אויסגעלייזט פון מיין געפייניקט לעבן. אָבער דאָס וואָס ער האָט צוגעשמייכלט ביים לעצטן וואָרט — „דאַן שיס איך דיך!", האָט מיך אָפּגעהאַלטן פון דעצידירן זיך אויף אָט דעם שריט. בין איך געשטאַנען, געקוקט דעם דייטשישן רוצח אין די אויגן, און גאָרנישט געענטפערט. איז ער שוין געוואָרן אומגעדולדיק און בייז, האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט און אַוועקגעשלעפּט פונעם אַרבעטס־פּלאַץ. ווען מיר זענען אָפּגעגאַנגען ביי אַ 20 טריט, האָט ער מיך געגעבן אַ שטופּ אָפּ און באַפוילן מיט אַ בייזן געשריי:

— לאָוף מאָל פאָרט!

איך בין פון דעם שטויס אומגעפאַלן. שפּעטער האָב איך דערזען, אַז דער דייטש איז צוריקגעגאַנגען ווו איך בין פריער געשטאַנען און ער שטעלט אָן די ביקס צום שיסן. דעמאָלט האָט דער יידישער קשי־עורף זיך געשטאַרקט אין מיר. מיט די לעצטע כוחות האָב איך זיך אויפגעשטעלט און געמאַכט עטלעכע טריט אויף צוריק. דאָ איז דער דייטש שוין אַרויס פון די כלים. ערשטנס, האָב איך אים פאַרקירצט דעם שטח פון „אַנטלויפן אויף 50 מעטער" פון מיין אַרבעטס־פּלאַץ, צווייטנס, האָט ער נאָך נישט געהאַט דעם געוויעם ציל צו שיסן. האָט ער מיט גרויס אויפרעגונג געשריגן צו מיר:

— וואָס מאַכסטו, מענטש!

געוועזן איז דאָס שוין פאַר נאַכט, און אַ ביסל שפּעטער האָט די קאָמאַנדע זיך צוריקגעקערט אין לאַגער. דאָרט בין איך באַלד ווידער געגאַנגען צום בעלגישן דאָקטער און דערציילט אים, אַז איך קען נאָך נישט גיין מיט דער קאָמאַנדע. איך בלייב הינטערשטעליק און דער פאַסטן טרייבט מיך מיט זיין קאָלבע. דער בעלגישער דאָקטער האָט מיך אָנגעקוקט, זיך פאַרטראַכט, און לסוף האָט ער מיך אַריינגעשיקט אין דער „שיילערייי".

דאָס איז געווען אין אָקטאָבער 1944.

# דאָס דריטע מאָל מיט קאַטשמאַרעקן

עס זענען אַוועק צוויי חדשים זינט יענעם טאָג ווען דער דייטש האָט מיך געוואָלט באַפרייען פון מיינעליידן און מיך דערשיסן. אין נאָרמאַלע צייטן זענען צוויי חדשים אַ גאַנץ קורצער פעריאָד, אָבער אין יענע באַדינ־גונגען, ווען טויזנטער יידן פון די לאַגערן זענען דערשעפּט און פאַרפייניקט געוואָרן, זענען אָט די צוויי חדשים געווען גרענעצלאָזע, לאַנגע תקופות.

אין דער צייט איז קאַטשמאַרעק יעדן טאָג געגאַנגען מיט דער קאָמאַנדע צו דער אַרבעט און צוריקגעקומען אין דער פינצטערער נאַכט. דאָס איז געווען די ערגסטע צייט פאַר די קאָמאַנדעס: דער ווינטער האָט זיך איינגע־שטעלט מיט שנייען און פרעסט, די קאַלטע ווינטן האָבן זיך איינגעגעסן אין די קאַצעטלער, וואָס זענען נאָך געווען אָנגעטאָן אין די לייכטע פּאַשאַקעס, אין וועלכע מען האָט זיי באַקליידט אין אוישוויץ. הונגעריק, שמוציק, מיט צעריסענע שיך, האַלב־נאַקעט, האָבן די יידישע קאַצעטלער געמוזט אַרבעטן 14 שעה אין טאָג אין דעם אָפענעם דרויסן, ביי דער קאַטאָרגע־אַרבעט. זיי זענען געפאַלן מאַסנווייז, און די דייטשישע פּאָסטנס האָבן אויך מיט זייערע אייגענע הענט צוגעיאָגט זייער טויט. זיי פלעגן שלאָגן די מענטשן ביי דער אַרבעט מכות־רצח. אויך דער קאַפּאָ קאַטשמאַרעק האָט געקריגן מערדערלעכע קלעפּ.

גאַנץ אַנדערש איז געווען מיין לאַגע אין יענע צוויי חדשים, ווייל די גאַנצע צייט האָב איך זיך געפונען אין דעם לאַגער גופא. אָבער אויך דאָרט בין איך אַדורכגעגאַנגען דעם גיהנום ביים לעבן, ביז איך האָב זיך ווידער געטראָפן מיט מיין געוועזענעם קאַפּאָ קאַטשמאַרעק.

איין עפּיזאָד פון דער צייט פון מיין אַרבעט אין דער שיילעריי וועל איך דאָ נאָטירן.

איין מאָל איז דער קאַפּאָ קויפמאַן פון דער „שיילעריי״ בייז געוואָרן, פאַר וואָס איך זיץ נישט אין ביי דער אַרבעט, נאָר איך האַלט אַ גאַנצן טאָג אין איין „לויפן״. דער קאַפּאָ קויפמאַן איז געווען אַן אונגאַרישער ייד, אַ מיטלוווקסיקער, מיט אַ סאָלידער באַנעמונג. ער איז געווען דער היפּוך

פון דעם בלאַק־עלטעסטן שמאי, אויך אַן אונגאַרישער ייד, מיט אַן אַטלעטי־שער פיגור, וועלכער האָט געלערנט די דיסציפּלין מיט קלעפּ. דער קאַפּאָ קויפמאַן האָט זיך צו די שיילערס גוט באַצויגן, אָבער דאָס מאָל איז ער אַרויס פון די כלים פאַר אויפרעגונג אויף מיר. זינט דריי טעג האָב איך זיך נישט אַוועקגעזעצט נאָרמאַל צו שיילן קאַרטאָפל. דעם לעצטן טאָג האָב איך לגמרי נישט געקענט איינזיצן. ווי נאָר איך האָב זיך אַנידערגעזעצט שיילן, האָב איך שוין ווידער געמוזט „לויפן". איז דער קאַפּאָ קויפמאַן אַוועק צום בעלגישן דאָקטער מיט אַ מסירה אויף מיר. ווען ער איז פון דאָרט צוריקגעקומען, האָט ער שטרענג באַפוילן:

— גיי, שייסער! גיי אַריין אין דעם 11טן צעלטל, זאָג דעם דאָרטיקן קאַפּאָ קליין, אַז דער בעלגישער דאָקטער האָט דיך אַהין אַריינגעשיקט.

דאָס 11טע צעלטל איז געווען איזאָלירט פונעם לאַגער, ס'איז געשטאַנען אין ווינקל צום סוף, ביי די דראָטן, שוין נאָך דעם לאַגער־קלאָזעט און דעם חזירים־שטעלעכל. דאָרט האָט דער בעלגישער דאָקטער אַריינגעשיקט די אַלע, וואָס זענען געוואָרן קראַנק אויף דיזענטעריע.

האָב איך נישט געהאַט קיין ברירה, איך האָב גענומען מיין „באַגאַזש" אונטער דער פּאָלע פון דער בלוזע און בין אַריבערגעגאַנגען אין 11טן צעלטל. מיין „באַגאַזש" איז נישט געווען שווער, אָבער זייער טייער: ער איז באַשטאַנען פון צוויי מיט אַ האַלבע פּאַרציעס ברויט, פון די צוויי מיט אַ האַלבע טעג, וואָס איך האָב שוין נישט געקענט עסן, ווייל איך בין געווען „פּאַרזעטיקט" פון דער קראַנקייט.

ווען איך האָב אויפגעמאַכט דאָס טירל פון 11טן צעלטל און געמאָלדן דעם דאָרטיקן קאַפּאָ קליין, אַז דער בעלגישער דאָקטער האָט מיך אַהין אַריינגעשיקט, האָט ער מיר אָנגעוויזן אַן אָרט, ווו איך זאָל זיך אַנידערלייגן.

— דאָרט, אַנטקעגן דעם טירל, איז פאַראַן אַ פרייער פּלאַץ, דאָרט קענסטו זיך אַנידערלייגן.

איך בין אָבער געבליבן שטיין אויפן אָרט און געקוקט אויף די קראַנקע וואָס האָבן אויסגעפילט דאָס רונדיקע צעלטל. די מענטשן ליגן איינער ביים צווייטן, בלויז דאָרט, ווו דער קאַפּאָ קליין ווייזט מיר אָן, איז אַ ליידיק אָרט פאַר איין מענטש. די, וואָס ליגן פון ביידע זייטן פון דעם „פרייען

פלאָץ״, זענען אויסגעדרייט מיט די פּלייצעס און פעסט אָפּגערוקט פון דאָרט. קוק איך אויף דעם שטיקל פּלאָץ, ווו איך דאַרף זיך אַנידערלייגן — און מיינע פיס ווערן צוגעשמידט צום אָרט, די געהירן קערן זיך איבער: ווו נעמט מען איצט דעם דייטשישן וועכטער, וואָס זאָל מיך הייסן לויפן 50 מעטער? איך וואָלט גוטוויליק געלאָפן, כדי צו אַנטלויפן פון אָט דעם לעבן. אָבער איך שטיי לעבן דעם קאַפּאָ אַליין, קוק אויף אים און אויף דעם אָרט, ווו ער הייסט מיר זיך אַנידערלייגן. דער פריערדיקער פלאָץ איז פאַרטיפט ווי אַ מולטער, די „האַלץ־וואַלצע״ איז דאָ פיטש־נאַס און אַ פּאָרע גייט פון דער נעץ. איך זע, אַז אָקערשט איז דאָרט געלעגן אַ קראַנקער, וואָס האָט דאָ אויסגעהויכט זיין נשמה, ווען ס׳האָבן זיך פון אים אויסגעגאָסן אַלע פליסיקייטן, און מען האָט אים נאָר וואָס אַריינגעטראָגן אינעם 12טן צעלטל, ווו מען האַלט די טויטע. אַפילו אַ טויטן נעמט מען דאָך אַרויס פון זיין צואה, איז ווי אַזוי קאָן איך, נאָך לעבעדיקערהייט, זיך אַריינלייגן אין יענעמס צואה?

— קאַפּאָ — בעט איך זיך ביים קאַפּאָ קליין — גיט מיר אַן אַנדער אָרט.

— איך האָב נישט קיין אַנדער פלאָץ — ענטפערט ער מיר גלייכגילטיק. זע איך, אַז מיט תחנונים וועל איך דאָ גאָרנישט אויספירן, זאָג איך צו אים:

— קאַפּאָ, גיט מיר אַן אַנדער אָרט. איך גיב אייך אַ פּאָרציע ברויט — דער קאַפּאָ ווערט שוין ווייכער, און קוקט אַריבער צו איינעם, אַ געוויסן מאַרקאָוויטש.

ביידע, סיי דער קאַפּאָ קליין און סיי מאַרקאָוויטש, זענען געווען אונגאַרישע יידן, אָבער אין זייערע כאַראַקטערן זענען זיי געווען צוויי וועלטן. קאַפּאָ קליין איז געווען אַ הויכער, אַן אַסימילירטער ייד. דאַקעגן מאַרקאָוויטש איז געווען אַ מיטלוועקסיקער, זייער אַ פרומער און אויסערגעוויינלעך ביטערע. צווישן זיך האָבן זיי גערעדט נאָר אונגאַריש. איך דערקען אין דעם קאַפּאָ קליינס קוק אויף מאַרקאָוויטשן, אַז ער וואָלט גערן געוואָלט מיין פּאָרציע ברויט, אָבער ער האָט מורא פאַר יענעם. באַלד קומט טאַקע דעם קאַפּאָ קליינס ענטפער מיט אַ ווייכן טאָן:

— איך האָב נישט קיין אַנדערן פּלאַץ.

— קאַפּאָ! — ווענד איך זיך נאָך אַ מאָל צו אים מיט אַ פאַרצווייפלט געבעט — קאַפּאָ, גיט מיר אַן אַנדער אָרט, איך קען זיך דאָך דאָרט נישט אַוועקלייגן, איך גיב אייך צוויי פּאָרציעס ברויט!

ווערט שוין דער קאַפּאָ קליין מבולבל. ער הייבט זיך אָן צו דרייען און קוקט נאָך אַ מאָל אויף מאַרקאָוויטשן. מאַרקאָוויטש דרייט זיך אויך און שפּיזט מיט די אויגן דעם קאַפּאָ, זיי ווערטלען זיך איבער אויף זייער שפּראַך, איך דערקען, אַז מאַרקאָוויטש שטייט מיר אין וועג, ווייל דער קאַפּאָ ציטערט פאַר אים. לסוף ענטפערט מיר ווידער דער קאַפּאָ, אַז ער האָט נישט קיין אַנדער פּלאַץ.

— קאַפּאָ! איך גיב אייך אַוועק דאָס גאַנצע ברויט, וואָס איך האָב, דריטהאַלבן פּאָרציעס, און גיט מיר אַן אַנדער אָרט.

ערשט איצט באַוויליקט דער קאַפּאָ קליין צוצונעמען ביי מיר דאָס ברויט.

— לייג דאָס דאָ אַנידער, — ווייזט ער מיר אָן דאָס ברעט לעבן אים.

נאָך דעם, ווי איך האָב אַנידערגעלייגט דאָס ברויט, הייסט ער צוויי מאַן פון דער לינקער זייט זיך פונאַנדעררוקן און איך זאָל זיך אַריינלייגן אין דער מיט.

די נאַכט איז צוגעפאַלן און איך בין געבליבן ליגן אין דער ענגשאַפט. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געטראַכט וועגן מיין לאַגע אין דעם 11טן צעלט. איך האָב געזען, אַז ס'איז נישטאָ קיין אויסזיכט אַרויסצוגיין פון דאַנען לעבעדיקערהייט. די ווענטלעך פון צעלט זענען פון דיקט, און ליגנדיק אויפן אָרט, פאַרקילט מען זיך נאָך מער פון נעץ און קעלט. כאָטש אין מיטן פון דעם צעלט ברענט אַן אייזערן אייוועלע, איז עס נישט גענוג צו דערוואַרעמען און אויסטריקענען אַזאַ פּלאַץ. אויך די „האַלץ־וואַללע", אויף וועלכער די מענטשן ליגן אויף דער ערד, איז נישט אין שטאַנד צו שיצן פון דער נעץ, וואָס ציט פון דער ערד. וואָס טוט מען? ווי אַזוי ראַטעוועט מען זיך אַרויס פון דעם 11טן צעלט? איך האָב באַשלאָסן זיך אָנשטרענגען און נישט בלייבן ליגן אויפן אָרט.

צו מאָרגנס, אַז עס האָט נאָר אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, האָב

איך זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס. דער קאַפּאָ קליין האָט דערזען, אַז איך שטיי, האָט ער מיך געהייסן צולייגן קוילן אין אויוון; במשך פון דער נאַכט האָבן זיך די קוילן אין אויוון אויסגעברענט און ס'איז געבליבן אַ קליין פייער. בין איך צוגעגאַנגען צום אויוון, זיך אַנידערגעזעצט אויפן ברעט, וואָס איז דאָרט געלעגן, און אַריינגעלייגט די קוילן. בקיצור, איך בין דאָרט געוואָרן אַ „חוטב עצים ושואב מים". איך האָב כסדר אַרויס־געטראָגן דעם עמער, וואָס איז געשטאַנען ביים טירל און איז אָפט געוואָרן פול — פון די קראַנקע, וועלכע זענען כסדר געזעסן אויף אים. איך האָב יעדן אינדערפרי געברענגט די „קאַווע" פאַרן צעלטל און דער עיקר — איך האָב גאַנצע טעג און נעכט צוגעלייגט די קוילן אין אויוון און זיצנדיק ביים אויוון, האָב איך זיך אויסגעוואַרעמט. אַזוי אַרום האָב איך געקענט אויסהאַלטן אין דעם 11טן צעלטל צוויי חדשים צייט, נאָוועמבער־דעצעמבער 1944.

חוץ די דערמאָנטע אַרבעטן האָב איך אויסגעפירט נאָך עטלעכע פונקציעס. איך האָב זיך באַטייליקט אין „חסד של אמת" פאַר די, וואָס האָבן דאָרט אויסגעהויכט זייערע נשמות. עס זענען דאָרט געלעגן זעכצן מענטשן. יעדן טאָג איז איינער אָדער צוויי געשטאָרבן, און ווי נאָר עס איז פריי געוואָרן אַן אָרט, האָט מען פון די קראַנקן־בלאָקן אַריינגעשיקט אַנדערע קראַנקע, אַזוי אַז שטענדיק איז דאָס 11טע צעלטל געווען פול מיט זעכצן דיזענטעריע־קראַנקע. די מערהייט פון זיי זענען געשטאָרבן אין זייער אַ קורצער צייט. טייל האָבן זיך געראַנגלט בלויז 2 — 3 טעג, אַנדערע — ביז 2 — 3 וואָכן. די, וואָס האָבן זיך נאָך געקענט שטעלן אויף די פיס, האָבן דעם פאַרשטאָרבענעם צוגעטראָגן ביז צום טירל פון צעלטל און אויף זיין קערפּער אָנגעשריבן דעם נומער פון זיין לאַגער־„דאָקומענט". דערנאָך האָט מען אים אַריינגעטראָגן אינעם 12טן צעלטל.

אין אָט דעם 11טן צעלטל איז אין דעצעמבער 1944 אויך געקומען מיין געוועזענער קאַפּאָ קאַטשמאַרעק.

# קאַטשמאַרעק און דער לאַגער־עלטעסטער

צוויי וואָכן איז קאַטשמאַרעק פאַרבליבן אינעם „גן־עדן" פון 11טן צעלטל. זיין פונדאַמענטאַל געזונט און דער יונגער לעבנס־דראַנג האָבן אָנגעהויבן גובר צו זיין די קראַנקייט. זיין געזונט־צושטאַנד האָט זיך פאַר־בעסערט און ער איז אַ לעבעדיקער אַרויס פונעם צעלטל.

דאָס איזאָלירטע 11טע צעלטל איז געווען אַ וועלט פאַר זיך און זייער ווייניק מענטשן פון דעם לאַגער זענען געקומען אין באַריר מיט אים, אַפילו אויף אַ קורצער צייט. איינער, וואָס פלעגט יאָ אַריינקומען, זיך נאָכ־פרעגן, קוקן מיט מיטלייד אויף די קראַנקע, איז גראָד געווען דער געלער לאַגער־עלטעסטער.

ווער איז געווען דער געלער לאַגער־עלטעסטער פון דעם שאָטער־ווערקער לאַגער? אַ יונגער בחור פון אונגאַרן, וועלכער האָט נאָך נישט באַוויזן צו דערקענען דאָס מענטשלעכע לעבן, צו פאַרשטיין די יסודות פון די סאַמע עלעמענטאַרסטע קעגנזייטיקע מענטשלעכע פאַרהעלטענישן און באַציִונגען. די דייטשן האָבן אים באַשטימט אויפן הויכן ראַנג פון לאַגער־עלטעסטן אין שאָטערווערקער לאַגער, אפשר טאַקע צוליב דעם, וואָס ער איז געווען נאָך אַזוי יונג און רוי, און זיי האָבן אים געוואָלט אויסנוצן פאַר זייער ציל. איז דאָס געלע יינגל אַריין אין זיין ראָלע און, ביז אַ געוויסער גרענעץ, אויסגעפירט די פליכטן, וואָס די דייטשן האָבן אַרויפגעלייגט אויף אים. נאָך אַקטיווער איז ער געוואָרן, ווען פון צענטראַל־לאַגער אַבערוויסטע־גירסדאָרף האָט מען אַריינגעשיקט אין דעם שאָטערווערקער לאַגער נאָך אַ לאַגער־עלטעסטן, אַ געוויסן גינזבורג. אויך דער לעצטער איז געווען אַן אונגאַרישער ייד, אָבער אַ סך עלטער פון דעם געלן יינגל.

צווישן דיביידע לאַגער־עלטעסטע איז אָנגעגאַנגען אַ קאָנקורענץ, ווער וועט זיין אַ „בעסערער" לאַגער־עלטעסטער, דאָס הייסט, ווער וועט מער טרייבן, שרייען, שלאָגן די העפטלינגע. האָט דער געלער געאַרבעט מעשים אויסצודרעסירן די העפטלינגע צו אַ שטרענגער לאַגער־דיסציפּלין. ביים „איינטרעטן", ביים „אַפּעל", אָדער ווען מען איז געשטאַנען אין דער ריי נאָך „קאַווע" אָדער זופּ, האָט ער הויך געשריגן, געזידלט און געשלאָגן.

אַפּטער האָט ער אונדז באַשטראָפט מיט „קניבאָגען”. האָט זיך אַפּילו נישט אָפּגעשטעלט פאַרן באַשטראָפן די מענטשן מיטן אויסצ:ען זיך אויף דער ערד אין דער בלאָטע.

„פאָדערמאַן”! — איז אָפט געווען זיין שטרענגער באַפעל. דאָס האָט געמיינט, אַז מען מוז שטיין אין דער ריי גלייך הינטער די פּלייצעס פון דעם „פאָדערפאַן”, ווי אַ מומיע, זיך נישט אַפּרויגן אויף קיין זייט, נאָר קוקן גלייך אויף דעם פאָדערמאַנס פּלייצעס. אַזוי איז דער געלער געלאָפן לענג־אויס דער ריי, מיט אַ ווילד געשריי און געשלאָגן: „פאָדערמאַן! פאָדערמאַן”!

אָט דער פּרא־אדם האָט אָבער נישט געקענט פאַרקאָנקורירן גינזבורגן. די דייטשן האָבן אין אַ געוויסן מאָמענט זיך אַנטוישט אין דעם געלן לאַגער־עלטעסטן. האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין שאַטערווערקער לאַגער, ווי אַן איבעריקער.

איינעם אַ טאָג, בעת אַ באַזוך פון דעם געלן לאַגער־עלטעסטן, האָט זיך אויפגעמאַכט דאָס טירל פון צעלטל און עס האָט זיך אַריינגעשאַרט אין דרייען געבויגן „אַ פרישער גאַסט”. ווען ער האָט זיך אויסגעגלייכט, האָט זיין קאָפּ אונטערגעהאַלטן דאָס דעכל פון צעלטל. דער געלער לאַגער־עלטעסטער האָט אַ געשריי געטאָן:

— קאַפּאָ קאַטשמאַרעק! דאָס ביסטו? דו ביסט אויך שוין אַריינגעקומען אין דעם צעלטל פון די שייסערס?...

## קאַטשמאַרעק ווערט אַ „יחסן”

דעם עיקרדיקן טעגלעכן קאָנטאַקט צווישן דעם לאַגער און דעם צעלטל האָט אָפּגעהיט דער ד״ר גאָלדשטיין. ער איז געווען אַדמיניסטראַטאָר לאַגער־דאָקטער, געוווינט צוזאַמען מיטן בעלגישן דאָקטער אינעם ערשטן בלאָק. ד״ר גאָלדשטיין האָט אָנגעפירט מיט דער באַשפּייזונג פאַר די קראַנקע אין די בלאָקן און אויך אין דעם 11טן צעלטל. ער איז טעגלעך געקומען מיט די, וואָס האָבן געבראַכט דאָס קעסעלע זופּ פאַרן צעלטל און ער האָט געטיילט די זופּן פאַר די קראַנקע. לויט דער דיסציפּלין וואָס האָט געהערשט אין צעלטל, האָבן די קראַנקע געמוזט זיין שטיל ווען ד״ר גאָלדשטיין האָט

געטיילט די זופּן. אָבער ווער עס האָט זיך נאָך געקענט רירן אויפן אָרט, האָט באַמערקט, אַז נישט אַלע קראַנקע אין צעלטל באַקומען גלייכע נאָרמעס זופּ. נאָך דעם, ווי אַלע האָבן שוין באַקומען זייערע וואַסער־זופּן, האָט ד״ר גאָלדשטיין אָנגעהויבן נאָך אַ רונדע צו טיילן די טאָפּלטע זופּן פאַר די יחסנים.

דער ערשטער יחסן איז געווען דער קאַפּאָ קליין. ער האָט נישט באַוויזן אויפצועסן די זופּ, האָט ער שוין באַקומען צוגעגאָסן אין שיסל ביז פול, אַחוץ דעם, וואָס ער האָט שוין געהאַט אָוועקגעשטעלט אין אַ זייט אַ פולע שיסל.

דער צווייטער פּריווילעגירטער איז געווען גוטמאַן — אַ פרום ייִנגל פון אונגאַרן, דעם קאַפּאָס אַן אַדיוטאַנט. ער פלעגט ברענגען די קוילן צו הייצן און אויסקערן דאָס צעלטל. ער האָט באַקומען אַ „צולאַגע״ — נאָך אַ האַלבע שיסל זופּ.

דער דריטער איז געווען „אַ יחוס עצמו״. ער איז נאָך נישט געווען קיין קאַפּאָ און האָט אויך נישט געהאָלפן, נישט פאַרדינט און מיט גאָרנישט פאַרלייכטערט די קראַנקע, — אַזעלכע זאַכן האָט ער איבערגעלאָזט פאַר אַנדערע. זיינע „מעלות טובות״ זענען באַשטאַנען אין זיין וואַכזאַמקייט און דעם ענערגישן רעאַגירן אויף אַלץ און אַלעמען, וואָס געפינט זיך אין דעם צעלטל. קודם־כל האָט ער זיך געלייגט דער ערשטער פון דער רעכטער זייט פון טיר, קעגן איבער דעם קאַפּאָ קליין. יעדן אַריינגייער פלעגט ער אַדורכ־נעמען מיט זיינע כיטרע אויגן. געווען איז ער פון אַ קליין שטעטל אין אונגאַרן, פון פאַך אַ בהמה־סוחר. ער האָט די לאַדזשער ייִדיש־רעדנדיקע אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל אים רופן ר׳ שלמה מאַרקאָוויטש, דאַקעגן מיט די אונגאַרישע ייִדן האָט מאַרקאָוויטש גערעדט אונגאַריש.

ווען ד״ר גאָלדשטיין איז געקומען מיט די זופּן, האָט ער שטענדיק מיט אים געשמועסט אויף זייער שפּראַך, און פאַרשטייט זיך, אַז דער „ר׳ שלמה מאַרקאָוויטש־מאַרקאָוויטשו״ האָט אויך באַקומען טאָפּלטע זופּן.

חוץ דעם, וואָס די יחסנים האָבן באַקומען גרעסערע נאָרמעס זופּ, האָבן זיי אויך „געהאָלפן״ אויפעסן די זופּן פון די קראַנקע, וואָס האָבן שוין נישט

געקענט אויסזופן זייערע פּאַרציעס, אָדער פון יענע, וואָס זענען שוין לגמרי נישט געווען אין שטאַנד צו נעמען דעם לעפל אין האַנט.

מאַרקאָוויטש איז געווען דער אַקטיווסטער אויפן געביט פון עסן. ער האָט אויך אינטריגירט צווישן דעם קאַפּאָ קליין און גוטמאַנען, ביז זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו קריגן.

גאָר פון אַן אַנדער סאָרט „יחסנישקייט" איז געווען קאַטשמאַרעק. ער האָט פון דעם אונגאַרישן ד"ר גאָלדשטיין נישט באַקומען קיין „צולאַגע", אָבער ער האָט זיך אַליין אָרגאַניזירט „צולאַגעס". קאַטשמאַרעק האָט אין משך פון די צוויי וואָכן, וואָס ער איז געווען אין צעלטל, זיך באַמיט נישט צו ליגן אויפן אָרט. ער איז אַרויס אין לאַגערהויף און געפונען אַ פּונקט צוצוקומען צו דער קאַפּיצע מיט קאַרטאָפל. און אַז ער האָט געבראַנגט קעשענעס מיט רויע קאַרטאָפל צום בראָטן, איז ער אין די אויגן פון די יחסנים אויך געוואָרן אַ יחסן. זיי האָבן אים צוגענומען פאַר אַ שותף צוליב די קאַרטאָפל, וואָס ער האָט געבראַנגט און אָפּגעבראָטן אין דעם אייוועלע.

## דער „קדשי־קדשים" און „גן־עדן"

איינעם אַ פרימאָרגן קומט אַריין דער געלער לאַגער־עלטעסטער אין צעלטל און דערציילט, אַז אין „לאַגער קערט זיך וועלטן": ס'איז געקומען אַ קאָמיסיע פון עטלעכע דייטשישע אָפיצירן. זיי גייען אַרום איבער די בלאָקן און קאָנטראָלירן די „אָרדנונג" אין די קראַנקען־בלאָקן, אַלע בלאָק־עלטעסטע און קאַפּאָס זענען אין שפּאַנונג. מען קערט גרינטלעך אויס די שטובעס, מען מאַכט „ריין" די קויקעס, אויך די „האָלץ־וואַללע" מוז זיין גלייך. די קראַנקע מוזן איצט זיין אין דיסציפּלין, זיי מוזן ליגן גלייך, שטיל, נישט רעדן, קרעכצן אָדער יאָכצן, דער לאַגער זאָל נושא־חן זיין ביי די דייטשישע אָפיצירן.

נאָך דעם ווי דער געלער לאַגער־עלטעסטער האָט געשילדערט, וואָס עס קומט פאָר אין לאַגער, האָט ער זיך אַרויסגעשאַרט פון צעלטל. האָט מען אויך אין דעם 11טן צעלטל אָנגעהויבן זיך צו גרייטן צו מאַכן „אָרדנונג", אַז דאָס צעלטל זאָל אויך געפעלן ווערן די דייטשן.

— מען דאַרף שטיין אויף „שמירה״ — זאָגט גוטמאַן — אַז מען וועט דערזען די דייטשישע קאָמיסיע אָנקומען, זאָל קיינער דעמאָלט נישט זיצן אויפֿן עמער. אַלע זאָלן ליגן שטיל, גלייך מיטן פּנים אַרויף צום הימל. — באַלד האָט ער זיך טאַקע אַליין געשטעלט אין טירל אויף שמירה און געקוקט אין לאַגערהויף.

מאַרקאָוויטש טוט זיך אויס די וויקלערס פֿון די פֿיס און דעקט זיי צו, מען זאָל נישט זען די צייכנס, די אָפּדרוקן פֿון די וויקלערס אויף זיינע פֿיס. אָבער די סטאָפּעס האָט ער אַרויסגעשטאַרצט נאַקעט, מען זאָל אָנזען דאָס געשווילעכץ, וואָס איז שוין באַוואַקסן אַרום און אַרום מיט מאַטעריע־בלאָזן.

אין האַלבן טאָג איז גוטמאַן שנעל אַוועק פֿון טירל, זיך אויסגעצויגן אין „אָרדנונג״ אויף זיין פּלאַץ:

— זיי גייען!

אויך דער וואָס איז גראַד געזעסן אויפֿן עמער, און דער וואָס האָט געוואַרט אין דער ריי זיך אַנידערצוזעצן ווען יענער וועט זיך אויפֿהייבן, האָבן זיך באַהערשט, פֿאַרלאָזט דעם עמער און זיך צוגעלייגט אויף זייערע ערטער.

— זיי גייען! זאָל זיין שטיל — זאָגט מאַרקאָוויטש.

די דייטשן זענען צוגעקומען, אויפֿגעמאַכט דאָס טירל. איינער שטעקט אַריין דעם קאָפּ, באַלד רוקט ער זיך צוריק:

— די האָבן אַלע דורכפֿאַללע... — פֿאַרהוסט ער זיך צו די איבעריקע דייטשן און רוקט זיך אין גאַנצן אַוועק. די איבעריקע פּרוּוון אַפֿילו נישט דעם קאָפּ אַריינצושטעקן, זיי שטייען בלויז ביים אָפֿענעם טירל און קוקן אַריין אין משך פֿון אַ פּאָר סעקונדעס. די פּאַרע, וואָס גייט פֿון דעם עמער, פֿאַרטונקלט דאָס צעלטל, זיי באַמערקן קוים, אַז די קראַנקע ליגן אין „אָרדנונג״. דער ריח פֿון עמער האָט זיי שנעל פֿאַרטריבן.

גלייך נאָך זייער אַוועקגיין, לויפֿן די קראַנקע צוריק צום עמער, די ריי שטעלט זיך אויס און דאָס געבעט הערט זיך ווידער:

— אוי, אוי, אוי, לאָז מיך אַנידערזעצן, איך קען זיך שוין מער נישט איינהאַלטן...

קאַטשמאַרעק נעמט אַרויס די עטלעכע קאַרטאָפל, וואָס ער האָט געהאַט באַהאַלטן, און זעצט זיך אַוועק זיי אָפּבראָטן.

— קאַפּאָ קאַטשמאַרעק, איר האָט דאָ ממש אַ גן־עדן! — זאָגט גוטמאַן — נישט בלויז וואָס איר גייט נישט אויף קאָמאַנדע, נאָר איר בראָט זיך אויך קאַרטאָפל ביים פייער.

— דו ביסט אַ שוטה — ענטפערט קאַטשמאַרעק — דאָס 11טע צעלטל איז נישט בלויז אַ גן־עדן, דאָס איז אַ קדשי־קדשים. דאָ איז דאָס הייליקסטע ווינקל פון דעם גאַנצן שאַטערוווערקער לאַגער. זעסט דאָך אַליין, אומעטום זענען די דייטשן געקראָכן, נאָר דאָ אַהער, אין אונדזער קדשי־קדשים, האָבן זיי נישט איבערגעטראָטן די שוועל.

— איר זענט גערעכט, קאַפּאָ קאַטשמאַרעק, עס שטייט טאַקע געשריבן „של נעלך מעל רגלך כי המקום קודש הוא".

— נישט בלויז קודש, איך זאָג דאָך דיר — קודש־קדשים, פאַרשטייסט? קודש־קדשים.

## קאַטשמאַרעק פאַלט אַדורך אויף דער סעלעקציע

במשך פון דער גאַנצער צייט, וואָס איך בין געווען אין 11טן צעלטל, האָט געטראָפן בלויז איין איינציק מאָל, אַז דער לאַגער־פירער איז אַהין געקומען. אין די עטלעכע מינוט פון זיין אַנוועזנהייט איז פאָרגעקומען אַ קורצער געשפּרעך צווישן אַ יידישן קראַנקן מיטן דייטשישן אָפיציר. דער ייד האָט גערעדט עטלעכע ווערטער דייטש, און דעם דייטש איז געפעלן געוואָרן יענעמס אויסשפּראַך.

— פון וואַנען ביסטו? — פרעגט אים דער דייטש.

— פון דיסעלדאָרף.

— איך בין אויך אַ דיסעלדאָרפער — ענטפערט דער דייטשישער אָפיציר דעם קראַנקן ייד. אין פאַרלויף פון דעם קורצן געשפּרעך האָט דער דייטש דערציילט זיין שטאָטישן ייד, אַז זיין פאַך פאַרן קריג, אין דיסעלדאָרף, איז געווען שניידעריי. מער איז דער לאַגער־פירער אין צעלטל נישט געקומען.

דעם 1טן דעצעמבער 1944 האָט דער דיסעלדאָרפער ייד אַ גאַנצן טאָג, ליגנדיקערהייט, איינגעחזרט די ווערטער:

— הויטע איזט דער 1טער דעצעמבער, דעצעמבער, דער באַפרייונגס־מאָנאַט. — אפשר טויזנט מאָל, ביז אין דער שפּעטער נאַכט האָט ער געלאָזט הערן זיין באַגער: דעצעמבער איז דער באַפרייונגס־מאָנאַט. ליידער איז זיין שטרעבונג נישט מקויים געוואָרן, דאַקעגן איז דעמאָלט גאָר אַקטיוו געוואָרן דער דייטשישער שניידער פון דיסעלדאָרף. ער האָט זיך גענומען צו אַ נייער מעטאָדע. ער האָט פאַראָרדנט, אַז אַלע קראַנקע מוזן אַרויסגיין פון די בלאָקן אין לאַגערהויף צוויי מאָל אַ וואָך. די, וואָס האָבן זיך קוים געקענט שטעלן אויף די פיס, האָבן געמוזט זיך שטעלן אין רייען ביי זייערע בלאָקן. דער לאַגער־פירער איז אַרומגעגאַנגען איבערן גאַנצן לאַגער אין דער באַגלייטונג פון דעם בעלגישן דאָקטער. זיי זענען געבליבן שטיין ביי יעדן קראַנקן, דער דאָקטער האָט דערקלערט דעם צושטאַנד פון יעדערנס קרענק. דער לאַגער־פירער האָט יעדן באַזונדער באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, צי דער דאָקטער נאַרט אים נישט אָפּ. אַז עמעצער האָט אויסגעזען אַ ביסל בעסער, האָט דער שניידער גלייך אויפן אָרט דעצידירט און באַפוילן אים אויסצושרייבן פון קראַנקען־בלאָק. און אויף צו מאָרגנס האָט ער געמוזט גיין מיט דער קאָמאַנדע צו דער אַרבעט. אויך די קראַנקע פון דעם 11טן צעלטל האָבן געמוזט זיך שטעלן ביים צעלטל צו דער סעלעקציע. אין דעם ערשטן טאָג האָט דער לאַגער־פירער אַרויסגעשיקט פון דעם צעלטל דעם קאַפּאָ קליין און ביטמאַנען אויף קאָמאַנדע.

אויך מאַרקאָוויטש האָט גוט אויסגעזען, אָבער ער האָט געהאַט אַ סגולה, וואָס אַפילו דער לאַגער־פירער האָט אים נישט געקענט אַרויס־טרייבן פון דעם צעלטל, כאָטש זיין קערפּער איז געווען פול. ער האָט געהאַט בלאָזן איבער די פינגער פון די פיס און אַרום די פיס־קנעכל. דאָס האָט ער געהיטן ס'זאָל זיך נישט פאַרהיילן. יעדע נאַכט פלעגט ער פעסט באַנדאַזשירן די פיס, אַזוי אַז דאָס געשווילעכץ און די בלאַטערן זאָלן זיך נישט פאַרהיילן. צו דער סעלעקציע האָט ער אָנגעטאָן אַ פּאָר צעריסענע טרעפּעס, מען זאָל זען זיינע נאַקעטע געשוואָלענע פיס.

ווי נאָר דער קאַפּאָ קליין האָט פאַרלאָזט דאָס צעלטל, האָט זיך

מאַרקאָוויטש איבערגעטראָגן אויף יענעמס אָרט און איז געוואָרן אַ קאַפּאָ. קיינער האָט נישט פּראָטעסטירט, נישט ד״ר גאָלדשטיין, נישט דער לאַגער־פירער.

אַ צווייט מאָל איז אויך קאַטשמאַרעק אַדורכגעפאַלן אויף דער סעלעקציע. ווי שלעכט ס׳זאָל נישט זיין אין צעלטל, האָט מען בעסער געוואָלט זיין צווישן יענע דיקטענע ווענטלעך מיטן רונדיקן דעכל, ווו דאָס אייוועלע ברענט 24 שעה אין טאָג, און מען איז נישט מיט די באַוואָפנטע ס.ס.־וואַכן אויג אויף אויג, אין דעם פּראַסטיקן ווינטער, אונטער די וואָלקנדיקע הימלען און שנייִיקע ווינטן. קאַטשמאַרעק איז אַזש שוואַרץ געוואָרן פון עגמת־נפש, וואָס ער דאַרף צוריקגיין מיט דער קאָמאַנדע. צו מאָרגנס בין איך טאַקע געבליבן אין 11טן צעלטל אָן קאַטשמאַרעקן, מיט דעם נייעם קאַפּאָ מאַרקאָוויטש.

## קאַטשמאַרעק קומט ווידער אין צעלטל

דער נייער קאַפּאָ „שלמה מאַרקאָוויטש־מאַרקאָוויטשו״, האָט איינגעפירט אַ שטרענגן רעזשים אין צעלטל. זיינע פאַראָרדענונגען האָט ער אַדורכגעפירט מיט אַ שטאַרקער האַנט. זיין פּראָגראַם האָט זיך געשטיצט אויף 2 פּרינציפּן: ערשטנס, אַז ער אַליין דאַרף עסן וואָס מער, און צווייטנס, אַז אַלע אַנדערע דאַרפן עסן וואָס ווייניקער. דאָס האָט ער אויסגעפירט מער ווי אויף 100 פּראָצענט. ער האָט איבערגעצייגט דעם ד״ר גאָלדשטיין, אַז פאַר אַזעלכע קראַנקע איז בעסער זיי זאָלן עסן וואָס ווייניקער, ווייל וואָס מער זיי עסן, אַלץ מער זיצן זיי אויפן עמער. צווישן זיי איז געשלאָסן געוואָרן אַ שותפות: ד״ר גאָלדשטיין האָט גענומען אין דער קיך די פולע באַשפּייזונג פאַרן צעלטל, און דאָס, וואָס מען האָט די קראַנקע נישט אָפּגעגעבן, איז געבליבן ביי זיי. מאַרקאָוויטש איז געוואָרן דער באַלעבאָס איבער דער פיזישער עקזיסטענץ פון די קראַנקע. נישט בלויז די זופּן, אויך דאָס ברויט פלעגט ער צונעמען. ביי טייל קראַנקע פלעגט ער צונעמען דאָס גאַנצע ברויט, ביי אַנדערע — אַ 3/4 פון די פּאָרציעס, ביי די איבעריקע — אַ העלפט. די קאַטעגאָריעס

האָט ער באַשטימט לויט אַן אַריטמעטישן פּלאַן. ער האָט פּאַרנאַטירט וויפל מאָל יעדער איינער דערליידיקט זיך אויפן עמער און מיטן צעטעלע איז ער יעדן אינדערפרי געגאַנגען צום דאָקטער. צוריקגעקומען איז ער מיט אַ דעצידירטן באַשלוס: ווער עס נוצט דעם עמער מער ווי 6 מאָל, באַקומט אין גאַנצן נישט קיין ברויט, פון פיר ביז זעקס מאָל — באַקומט אַ פערטל פון דער פּאַרציע, פון דריי ביז פיר מאָל — אַ העלפט. אָבער אויך דאָס באַשטימטע פיצל ברויט האָט ער נישט אָפּגעגעבן דעם קראַנקן, נאָר געהאַלטן ביי זיך און צוגעטיילט די פּענעצלעך צום טריקענען אויפן אויוון. ער איז געלעגן מיט אַ וואַכעדיק געהער, ווי אַ קאַץ וואָס לויערט אויף אַ מויז. טאָמער האָט ער דערהערט עמעצן עפּעס עסן, האָט ער זיך געגעבן אַ הייב אויף פון זיין אָרט מיט אַ געשריי: ווער עסט? דער פּראָצעס פון אויסשטאַרבן איז דורך דעם צוגעאײלט געוואָרן.

מען דאַרף אָבער אויך דעם קאַפּאָ מאַרקאָוויטש זאָגן אַ שבח: ער האָט געהאַט אַ ווייך האַרץ. יעדן אינדערפרי האָט מען געבראַכט די טויטע פון זייערע ערטער צום טירל, כדי זיי אויסטאָן, אַ ביסל אָפּוואַשן פון דער צואה, אָנשרייבן די נומערן אויף זייערע קערפּערס און זיי אַריינטראָגן אין 12טן צעלטל. די אַרבעט האָבן געטאָן די לאָדזשער יידן: כירוג, בערגער און איך. דער קאַפּאָ מאַרקאָוויטש דאַקעגן האָט דאָס נישט געקענט. ער האָט אַ מאָל געפּרוווט צוהעלפן אין דער אַרבעט, האָט ער באַלד אָנגעקגעדרייט דעם קאָפּ און זיך צוגעהאַלטן ביים האַרץ. ער האָט אָבער באַפוילן, אַז נאָכן אָפּוואַשן, זאָל מען די טויטע נישט אַרויסטראָגן, ביז ער וועט נישט הייסן. ער איז צוגעגאַנגען צו יעדן טויטן, זיך אַראָפּ־געבויגן און געבעטן מחילה...

נאָך עטלעכע טעג פון דער שטרענגער דיסציפּלין פון קאַפּאָ מאַר־קאָוויטש מיט דער „בוכהאַלטעריע” פון זיצן אויפן עמער, איז ווידער צוריקגעקומען מיין געוועזענער קאַפּאָ קאַטשמאַרעק.

ער איז געווען פּאַרמאַטערט, פּאַרצווייפלט און דערשלאָגן. ער האָט זיך געלייגט לעבן מיר און אין דער שטיל זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט זיך נאָך מער פּאַרקילט במשך פון

די עטלעכע טעג, וואָס ער איז געגאַנגען מיט דער קאָמאַנדע. ער האָט אָפטער געמוזט צולויפן צום בערגל, ווו די העפטלינגע דערליידיקן זיך. יעדעס מאָל ווען ער איז צוריקגעקומען פון דאָרט, האָט אים דער פּאָסטן געשלאָגן מיט די פויסטן. קאַטשמאַרעק האָט געוויינט, געציטערט און גערעדט:

— אַז איך וועל איצ״הש געזונט ווערן און דערלעבן זייער מפלה, וועט דער מערדערישער דייטש נישט אַרויס לעבעדיק פון מיינע הענט. פאַר יעדן פּאַטש, וואָס ער האָט מיר געגעבן, וועל איך אים טאָפּלט באַצאָלן. דו מיינסט אפשר, אַז איך וואָלט נישט געקענט אויפן אָרט, קראַנקערהייט, אים צוריקשלאָגן כפל־כפלים? אָבער איך ווייס, אַז ער האָט תמיד געוואָלט פּראָוואָצירן. ער האָט געזוכט אַן אויסרייד צו שיסן אין די מענטשן. דערפאַר האָב איך אַזוי לאַנג געליטן, אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און געשוויגן. איך האָב רחמנות אויף די קראַנקע יידן, וואָס שטייען מיט די רידלס און אַרבעטן אין דרזיסן אין פּראָסט.

קאַטשמאַרעק איז געלעגן דריי טעג און זיך געראַנגלט אין קאָנוואולסיעס ביז ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה.

## „אַ גוט וואָרט פאַרנעמט אַן אָרט"

געשען איז דאָס נאָך די ערשטע וואָכן אין שאַטערווערקער לאַגער, ווען איך בין געגאַנגען מיט דער קאָמאַנדע. שטייענדיק אין גרוב מיטן רידל אין האַנט, דערהערט מען אַ פייף. מען ווייסט שוין, אַז ס'איז 12 אַ זייגער. לויפן אַלע אַרויס פון גרוב אין דער ריכטונג ווו מ'האָט געברענגט די קעסלען מיטן „מיטאָג". קיין סך צייט איז נישטאָ, די גאַנצע פויזע באַשטייט פון 15 מינוט. אין די אַ מינוטן מוז מען באַוווייזן אַרויפלויפן אויפן בערגל, ווו מען טיילט די זופּן, שטיין אין דער ריי און אויסטרינקען דאָס „מיטאָג". אָבער אין מיטן לויפן דערזע איך ליגן ביים ראַנד פון די בייטן אַ צוקער־בוריק. איז דאָך דאָס עפּעס אַ כשרע מציאה. איך דערמאָן זיך, אַז נעכטן, גייענדיק פון דער אַרבעט — ס'איז שוין געווען גוט פינצטער — איז איינער אַרויס פון די רייען, שנעל

אַרויסגעריסן אַ צוקער־בוריק פון אַ פּאַרזייט פּעלד. די דייטשישע וועכ־טערס האָבן דאָס געזען, האָט איינער געזאָגט צום צווייטן: „מאַריץ, גיב אַכט אויף די לויטע"! — האָט יענער געענטפערט: „דאָס זינד קיינע לויטע, דאָס זינד יודען"! אָבער דער ייד איז צוריק אַריין אין די רייען און דער בוריק איז געבליבן ביי אים אין דער הויזן־קעשענע. איצט, אַז איך זע ליגן אַזאַ מציאה ביים בוריקעס־פעלד, און קיין פּאָסטן ביי מיין זייט שטייט נישט, פאַר וואָס זאָל איך נישט אויסנוצן די געלעגנהייט און אויפהייבן דעם בוריק? איך גיב אַ שפּרינג־צו און... ס'איז עפּעס געשען נאָך איידער איך האָב זיך צוגערירט צו דעם לאַקרעץ־זיסן, רויען צוקער־בוריק.

צום בוריקעס־פעלד איז געווען אַריבערצושפּרייזן צוויי טריט איבערן טיפן גרוב, איבער וועלכן ס'איז געלעגן אַ ברעטל. ווי איך שטעל אַרויף אַ פוס, גיט זיך דאָס ברעטל אַ בייג אין אַ זייט, און איך פאַל אַריין אין דעם טיפן בלאָטיקן גרוב. איך האָב שוין רעזיגנירט פון דעם צוקער־בוריק און געוואָלט בלויז באַוויזן נעמען די שיסל וואַסער־זופּ. איך וויל שנעל אַרויסקריכן פון גרוב, אָבער די יסורים זענען גרויס: ביי דער פּלייצע דערפיל איך די ברייטע קאַנאַליזאַציע־רער, וואָס איז שוין געלעגן אינעווייניק, פאַרן פאַרשיטן צוריק דעם גרוב. וואָס טוט מען? דאָס אומגליק איז גרויס, אָבער דער חסד — נאָך גרעסער; ווען איך פאַל מיטן קאָפּ אויף דער אייזערנער רער, וואָלט איך שוין נישט אַרויס קיין לעבעדיקער. די צייט איז אָבער קורץ, איך קען פאַרשפּעטיקן דאָס „מיטאָג" און נאָך באַקומען אַ שטראָף, אויב מען זאָל מיך טרעפן ליגן אין דעם אָפענעם גרוב. איך שטרענג זיך אָן מיט אַלע כוחות, דראַפּע זיך אַרויף אַהין ווו אַלע זיפּן פון די שיסלען. די ווייטיקן פיל איך אין זיך, אָבער אויסערלעך איז גאָרנישט צו דערקענען. קיינער האָט נישט געזען וואָס ס'איז געשען מיט מיר אין דער פריערדיקער מינוט. איצט בין איך שוין צווישן אַלע, גלייך מיט אַלע, און צווישן דער גרופּע לאָדזשער העפטלינגע רופט זיך אָן דער שוואַרץ־חנוודיקער אַלבערט:

— איך האָב געהערט גוטע נייעס — ער בייגט זיך צו און רעדט שטיל, אַקצענטירט די ווערטער — זיי ליידן מפּלות. איר הערט יידן? די מלחמה

וועט שוין לאַנג נישט דויערן, מיר מוזן זיך שטאַרקן און אויסהאַלטן די יסורים.

איך קוק אויף אים און וווּנדער זיך: פון וואַנען ווייסט ער, אַז איך האָב יסורים? אפשר האָט ער עפּעס דערקענט אין מיר, אין מיין פּנים? אָבער געדעכט איז ער פאַרט, טראַכט איך זיך. מען מוז זיך טאַקע שטאַרקן און איבערווינדן די יסורים. מיט די בלויזע טרייסטווערטער האָט אַלבערט מיר פאַרלייכטערט די ווייטיקן.

— אַ גוט וואָרט פאַרנעמט אַן אָרט — רופט זיך אָן אַ צווייטער לאַדזשער קאַצעטלער.

## נחמן מאַכט „דאַס יודען־געבעט"

ווען די „העפטלינגע" פון אונדזער טראַנספּאָרט האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוגיין פון דעם לאַגער צו דער אַרבעט, זענען די טעג נאָך געווען שיין. מיט יעדן טאָג האָט זיך אָבער דאָס ווערטער פאַרערגערט, ביז ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער האַרבסט מיט די שטאַרקע ווינטן און קאַלטע רעגנס.

ווען דער הימל האָט זיך פאַרוואָלקנט און ס'האָט אָנגעהויבן רעגענען, האָבן די ס.ס.־זעלנער אָנגעטאָן זייערע גומענע פעלד־מאַנטלען און ווייטער לאַנגזאַם שפּאַצירט אויפן שאָסיי מיט זייערע גוט־באַזוילטע שיך.

אונדזער אָנטון האָט זיך אָבער נישט געענדערט, פאַרקערט: מיט יעדן טאָג זענען די ליינענע פּאַשאַקן געוואָרן שמוציקער און שיטערער, און די שיך — מער און מער צעריסן פון דעם טאָגמעגלעכן גיין די לאַנגע קילאָמעטערס צו דער אַרבעט און צוריק, און פון דעם שטיין גאַנצע טעג אין די בלאָטיקע גריבער. די זוילן האָבן זיך אָוועקגעריסן, פאַרבויגן און געשטערט אין דעם גיין. ס'איז נישט געווען קיין אַנדערע עצה, ווי אַרומבינדן די זוילן מיט אַ דראָט אַרום די שיך. אַז די ווינטן און רעגנס האָבן זיך געשטאַרקט, האָבן די פיס געטאָפּטשעט אין דער ליימיקער ערד ווי אין סמאָלע. דאָס אָנטון איז געווען דורכגעווייקט, און די נעץ און קעלט איז אַריין אין די ביינער. מער פון אַלע האָט געליטן פון דעם נחמן, ער האָט אַזש געציטערט פון ווייטיק. אַז דער וועכטער איז גע־

שטאַנען לעבן אים, האָט ער פון גרויס פאַרצווייפלונג געזאָגט די עטלעכע העברעיִשע ווערטער:

— שקץ תשקצנו ותעב תעבנו...

דער דייטש האָט נאַטירלעך נישט פאַרשטאַנען דעם באַדייט פון די העברעיִשע ווערטער. ס'איז אים אָבער געפעלן געוואָרן דאָס געבעט פון דער יידישער פאַרצווייפלונג, האָט ער צוגערופן אַ צווייטן וועכטער און מיט אַ געלעכטער אָנגעוויזן אויף נחמנען:

— דער יודע מאַכט דאָס יודען־געבעט ביי זיין אַרבייט! — ביידע דייטשן לאַכן און שפּאַצירן זיך ווייטער מיט די גומענע מאַנטלען אונטערן רעגן. מיר ווערן ווייטער אויסגעווייקט דורך און דורך. שפּעטער, אַז עס זענען אָנגעקומען גאָר גרויסע רעגנס, און די האַרבסטיקע פליוכעס האָבן געשמיסן אין פּנים, פלעגן די דייטשישע זעלנער צוגיין צו אַ שכנישן בנין פון די דאָרפישע הייזער און דאָרט שטייענדיק, אָפּהיטן מיר זאָלן נישט וואַגן אַוועקצוגיין פון דעם דרויסנדיקן מבול.

אַ מאָל, ווען אַ גרויסער רעגן האָט אָנגעהאַלטן שעהען־לאַנג, האָט מען אונדז אַריינגעשיקט אין דעם צעלטל, ווו מען האָט געהאַלטן די כלים צו דער אַרבעט — נישט גלייך, ווען עס האָט אָנגעהויבן צו גיסן, נאָר ערשט נאָך אַ לענגערער צייט, ווען דער רעגן האָט שוין געהאַלטן ביים אויפהערן און מיר זענען שוין געווען אויסגעווייקט. אַז מיר זענען אַריינ־געקומען אין דעם צעלטל און אונדזערע נאַסע קערפּערס האָבן זיך צע־וואַרעמט פון דער ענגשאַפט, ביז אַ פּאַרע האָט זיך געהויבן פון דעם נאַסן אָנטאָן, האָט אונדז אַרומגענומען אַ מידע חלשות. ס'ווילט זיך אַנידערפאַלן און ליגן, אָבער אין דער געפּרעסטער ענגשאַפט איז דאָס נישט מעגלעך. פון דעסטוועגן האָט זיך געוואָלט זיין אינעם צעלטל, אונטערן דעכל, ווו דער רעגן קלאַפּט און זאָגט, אַז אין דרויסן פלייצט נאָך. לאַנג האָט דאָס אָבער נישט געדויערט, דער רעגן האָט זיך דאָך געהאַט אויסגעגאָסן נאָך פריִער. די קערפּערס האָבן זיך ערשט צעוואַרעמט און צעפּאַרעוועט, האָט שוין דער רעגן אויפגעהערט, און מיר האָבן געמוזט אַרויס צוריק צו דער אַרבעט. ביים אַרויסגיין האָבן אונדזערע נאַסע, צעוואַרעמטע קערפּערס

געציטערט אין די קאַלטע האַרבסטיקע ווינטן. דער פּאָסטן האָט אונטער־געטריבן נחמנען:

— יודע! שנעל, מאַך דאָס יודען־געבעט!

נחמן האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף זיין אָרט און איבערגעחזרט:

— שקץ תשקצנו ותעב תעבנו...

אויך די זופּן האָבן זיך פאַרערגערט אין די האַרבסט־טעג. אַ ביטערע אַנטוישונג און פאַרצווייפלונג נעמט אַרום, ווען מען קומט אויסגעפייניקט און אויסגעהונגערט, נאָך אַ 12־שעהעדיקן אַרבעטס־טאָג, און מען באַקומט אַנשטאָט זופּ — אַ ליטער מוטנע וואַסער.

## דער בויכבינדער — אַ שאַליק און אויך אַ גאַרטל צו קריאת־שמע־לייענען

דער ווינטער איז געקומען. דער לאַגער־פירער און אַלע דייטשישע זעלנער האָבן זיך שוין אָנגעטון ווינטערדיק, אין וואַלענע אַנצוגער, מאַנטלען, וואַלענע שקאַרפּעטן און הויכע שיך. אָבער מיר, זייערע יידישע קנעכט, גייען נאָך אַלץ אין די ליין־פּאַשאַקן, אין וועלכע מען האָט אונדז באַקליידט נאָך אין אוישוויץ. איז נישט קיין וואונדער, וואָס אַ סך יידן זענען קראַנק געוואָרן און די שטערבלעכקייט איז געשטיגן אָן אַ שיעור.

ענדלעך איז פאָרט אָנגעקומען אָנטון פאַר אונדז און מען האָט עס אַוועקגעלייגט אין גרויסע קאַסטנס אין די לאַגער־מאַגאַזינען. די דאָזיקע ידיעה האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט, און יעדער איז געווען זיכער, אַז מאָרגן־איבערמאָרגן וועט מען ענדלעך באַקומען וואַרעם אָנטון. מען איז אָבער אַנטוישט געוואָרן, ווען עס איז אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ וואָך נאָך אַ וואָך. און די קאַסטנס זענען געבליבן פאַרמאַכט. די רעגנס האָבן שוין אויפגעהערט, אַ ווייסער שניי ליגט און יעדער טאָג קאָסט דאָס לעבן פון עטלעכע יידן פון לאַגער. פון דער קאָמאַנדע 150 זענען שוין פאַרבליבן בלויז עטלעכע און זיבעציק מאַן. יעדן טאָג פלעגט מען פון דער אַרבעט ברענגען עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן שוין נישט געקענט צוריקגיין אויף זייערע אייגענע פיס. די יינגערע און געזונטערע האָבן אויף זייערע אַקסלען געטראָגן

די יידן, וואָס זענען אַוועקגעפאַלן ביי דער אַרבעט אָדער אויפן וועג פון דער אַרבעט.

איין טאָג, ווען די קאָמאַנדעס זענען געקומען פון דער אַרבעט, האָט מען פאַר דעם לאַגער־טויער יעדן צוגעטיילט אַ שטיק אַנטון. יעדער האָט באַקומען אַ — בויכבינדער. דער בויכבינדער איז באַשטאַנען פון אַ שטיקל פלאַנעל, אין דער מיט ברייטער — ביי 35 צענטימעטער, 1½ מעטער לאַנג, די שמאָלע עקן פאַרענדיקט מיט טאַשמעס.

אויף צו מאַרגנס האָבן אַ סך העפטלינגע זיך אַרומגעוויקלט דעם האַלדז מיט דעם לאַנגן פלאַנעל־געוואַנט, ווייל די פראַקטיקע ווינטן האָט מען מער געפילט אויפן נאַקעטן האַלדז. אויך נחמן קאַנטעראָוויטש האָט זיין בויכבינדער פאַרוואַנדלט אין אַ האַלדזשאַליק.

דער לאַגער־פירער גינזבורג האָט נאָכגעקוקט נחמנען און גלייך דערזען אויף זיין „פאַרברעכן״. האָט ער ווידער מיט עטלעכע קלעפּ אים באַפוילן אויסצוטון דעם בויכבינדער פון האַלדז. אויך דער געלער לאַגער־עלטעסטער און די קאַפּאָס האָבן גענומען מיט קלעפּ „איבערצייגן״ נחמנען, אַז אין דעם לאַגער שאַטערווערק טאָר מען נישט פאַרבייטן דעם בויכבינדער אויף אַ האַלדזשאַליק.

אָבער אויפן אַרבעטס־פּלאַץ האָט די קעלט „איבערצייגט״ פאַרקערט — אַז דער נאַקעטער האַלדז ליידט מער ווי דער בויך פון דער קעלט, בפרט נאָכן שטיין אין אַ טיפן גרוב, ווען די קאַלטע ווינטן בלאָזן אַרום. האָט מען אַראָפּגעצויגן פון זיך דעם בויכבינדער און אַרומגעוויקלט מיט אים דעם האַלדז. אַזוי האָט דער בויכבינדער טאָגטעגלעך געוואַנדערט עטלעכע מאָל פון בויך צום האַלדז און צוריק. אויסצומיידן סיי די קלעפּ פון די לאַגער־עלטסטע און קאַפּאָס און סיי די פראָסט־ווינטן אויף די נאַקעטע העלדזער איז דאָך געווען אוממעגלעך.

נחמן קאַנטעראָוויטש האָט דערפונדן נאָך אַ נוצן פאַר דעם לאַנגן און שמאָלן פּאַסיקל פלאַנעל: ער האָט דאָס גענוצט פאַר אַ גאַרטל, מיט וועלכן ער האָט זיך אַרומגעוויקלט אויף דער בלוזע, די טאַשמעס איבער־געהאַנגען איןביידע זייטן, אַזוי ווי מיט אַן אמתן גאַרטל. מיט דעם האָט

ער אין אַ ווינקל אין בלאָק אַריינגעכאַפּט אַ קריאת־שמע אָדער אַ שמונה־עשרה.

אַזאַ איז געווען אונדזער לעצטער ווינטער פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

## נחמן קאַנטעראָוויטש קומט אין קראַנקן־בלאָק מיט אַ וועסטל

עטלעכע וואָכן צייט איז דער בויכבינדער געווען דער איינציקער ווינטער־דיקער לבוש פאַר די יידן אין שאַטערוועקער לאַגער. די קאַסטנס מיט די מלבושים, וואָס זענען אָנגעקומען פאַר די יידישע העפטלינגע, זענען נאָך אַלץ געשטאַנען אין דעם לאַגער־מאַגאַזין. אָבער דער ווינטער שטייט נישט אויף קיין אָרט, מיט יעדער וואָך רוקט ער זיך טיפער אַריין מיט די ווינטן און קעלטן. יעדן טאָג האָפט מען צו באַקומען דעם אָנטון, און אַזוי גייט ווידער אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ וואָך נאָך אַ וואָך, און די יידן ווערן אַנטוישט. די דייטשישע פּאָסטנס גייען אַהין און צוריק מיט שנעלע טריט, כדי צו דערוואַרעמען זיך, כאָטש זיי גייען גוט אָנגעטון, אָבער די יידן אַרבעטן אין דעם זומערדיקן אָנטון — אַ חוץ דעם בויכבינדער.

איז נישט קיין וווּנדער, וואָס די „פּראַצעסיעס" פון צוריקטראָגן די קראַנקע פון דער אַרבעט האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט. יעדן טאָג בלייבן 2 — 3 מאַן, וואָס קענען שוין נישט צוריקגיין אין לאַגער אַריין, און מען מוז זיי „אַהיים"־טראָגן; יעדן טאָג בלייבן ליגן עטלעכע קראַנקע אין די קראַנקן־בלאָקן און די קאָמאַנדעס פאַרקלענערן זיך.

אַ געוויסן טאָג איז אויך נחמן קאַנטעראָוויטש געוואָרן דערשעפּט און האָט נישט געקענט צוריקגיין אין לאַגער אַריין. ער איז געבליבן ביי זיין שפּאַדעל און 3 יינגערע העפטלינגע האָבן אים געמוזט טראָגן דעם גאַנצן וועג. אָבער ווען די אַרבעט־קאָמאַנדעס פון די קראַנקע זענען צוגעקומען צום לאַגער־טויער, איז דער טויער געווען פאַרשלאָסן און מען האָט די קאָמאַנדעס פאַרהאַלטן. אין דער ערשטער מינוט האָט מען שוין נישט געדענקט, אַז מיט אַ צייט צוריק זענען אָנגעקומען קאַסטנס אָנטון פאַר

די יידישע אַרעסטאַנטן, מען האָט זיך שוין געהאַט מיאש געווען. יענעם אָוונט האָט מען אויסגעשטעלט די רייען פון די קאָמאַנדעס און מען האָט צוגעטיילט יעדן נאָך אַ מלבוש. דאָס מאָל איז עס געווען אַ גרעסערע זאַך, וואָס מען קען דאָס נישט פאַרבייטן — אַזוי ווי ס׳איז באַשטימט, מוז מען דאָס טראָגן. דאָס מאָל האָט יעדערער באַקומען אַ וועסטל.

די וועסטן זענען געווען פון די צוגערויבטע יידישע מלבושים, פון פאַרשידענע גרייסן און קאָלירן: גראַנאַט, ברויך, גרוי, און פון פאַרשידענע קוואַליטעטן. די וועסטן האָבן טאַקע אַ ביסל דערהאַלטן ביים לעבן, די ברוסטן און פלייצעס זענען געוואָרן אַ ביסל געשיצט פון די ווינטן און קעלטן, אָבער די הענט און פיס, דער האַלדז און דער בויך, זענען נאָך אַלץ געווען נאַקעט, און דער בויכבינדער האָט כסדר געוואַנדערט פון האַלדז צום בויך, אַהין און צוריק.

אויך נחמן קאַנטעראָוויטש האָט ביים לאַגער־טויער באַקומען אַ וועסטל, אָבער אַ ביסל צו שפּעט, צו דער אַרבעט האָט ער שוין נישט געקענט גיין. דעם זעלבן אָוונט איז ער אַנגעקומען צום בעלגישן דאָקטער, וועלכער האָט אים געשיקט אין דעם קראַנקען־בלאָק אַריין. מיט דעם וועסטל פלעגט ער מיך אָפט באַזוכן אין דעם 11טן צעלטל. ביז צו דער לעצטער מינוט איז ער געווען מיט מיר נאָענט, ווי מיט אַ ברודער.

## נחמן האָט נישט קיין טרייסט

בלויז 2 וואָכן איז נחמן געווען אין קראַנקען־בלאָק. ער האָט זיך דאָרט אַ ביסל אָפּגערוט, דערוואַרעמט און שוין אָנגעהויבן אַרומצוגיין. אָבער דעמאָלט האָבן די קאַפּאָס און בלאָקאָוועס געמאַכט אַן אַלאַרם: — איינ־טרעטן!

אַלע קראַנקע, וואָס האָבן זיך נאָך געקענט שטעלן אויף די פיס, זענען געוואָרן אַרויסגעטריבן צו שטעלן זיך אין ריי פאַר דעם בלאָק, צו אַ סעלעקציע.

ווען דער לאַגער־פירער מיטן בעלגישן דאָקטער זענען צוגעקומען צו נחמנען און דער דאָקטער האָט אָנגעהויבן דערקלערן אויף וואָס דער

העפטלינג איז קראַנק, האָט דער לאַגער־פירער נישט געלאָזט אים אויס־רעדן. ער האָט נישט געוואָלט הערן, נאָר אָפּגעמאָסטן נחמנען מיט זיינע בליקן פון אויבן ביז אַראָפּ און אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ:

— דער מוז מיט דער קאָמאַנדאָ צור אַרבייט גיין! צור אַרבייט גיין!

מען קען זיך פאָרשטעלן נחמנס ביטערע געפילן — ער האָט געוווּסט, אַז אויב ער וועט צוריקגיין צו דער אַרבעט, וועט ער פיזיש נישט אויס־האַלטן. אָבער קיין ברירה האָט ער נישט געהאַט און איז אויך צו מאָרגנס מיטגעגאַנגען מיט דער קאָמאַנדע.

אין אַ געוויסן טאָג זענען די קאָמאַנדעס אויף זייער וועג פון דער אַרבעט ווידער פאַרהאַלטן געוואָרן פאַרן לאַגער־טויער. יענעם טאָג האָט מען ענדלעך געעפנט די קאַסטנס מלבושים פאַר די העפטלינגע אין שאָטער־ווערקער לאַגער און יעדער האָט באַקומען אַ פּאָר הויזן, אַ מאַרינאַרקע און אַ מאַנטל. דער הונגער, די קעלט, די שמוץ, די ברוטאַלע באַציִונג, די קלעפּ פון די קאַפּאָס און עלטסטע, האָבן שוין געהאַט אויסגעמאָרדעט אפשר ¾ פון די מענטשן, און די וואָס האָבן נאָך געלעבט, זענען שוין אויך געווען נוטה למות. דער ווינטער האָט שוין געהאַלטן ביים סוף. איז די גאָב פון די מלבושים אויפגענומען געוואָרן מיט אַפּאַטיע.

אויך נחמן האָט פאַרן לאַגער־טויער באַקומען זיין אַנטוך, אָבער דאָס האָט אים שוין נישט געקענט ראַטעווען.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אים אַריינגעפירט אין זייער אַ שווערן מצב אין 11טן צעלטל אַריין. ער איז געלעגן אַ האַלב־פּאַראַליזירטער, אין אַ טיפער דעפּרעסיע. ווען מען האָט געברענגט די זופּ, האָט מען אויך פאַר אים אַנגעגאָסן אַ פּאָרציע און אַנידערגעשטעלט לעבן אים די שיסל, אָבער ער האָט שוין נישט געקענט אַפילו אויפזעצן זיך, כדי צו נעמען דעם לעפל אין האַנט.

דער קאַפּאָ מאַרקאָוויטש האָט געוווּסט, אַז נחמן איז מיין בעסטער פריינד, האָט ער מיר איבערגעגעבן, אַז איך זאָל זיך מטפּל זיין מיט אים.

איך בין צו אים צוגעגאַנגען און אים אויפגעזעצט, אָבער ער האָט זיך נישט געקענט דערהאַלטן און איז צוריקגעפאַלן אויפן אָרט. איך האָב זיך געשטעלט הינטער זיינע פּלייצעס, אים אונטערגעשפּאַרט אויף מיינע קני׳ען,

ער זאָל נישט צוריקפאַלן, זיך אַריבערגעבויגן, געשעפּט מיטן לעפל זופּ און אים געקאָרמעט:

— עס, נחמן, דו ביסט דאָך נישט, חלילה, קיין אפיקורס, דו דאַרפסט דאָך געזונט ווערן, מאַך אויף דאָס מויל, עס.

צוויי טעג איז ער אַזוי געלעגן איידער מען האָט אים אַריבערגעטראָגן אין דעם 12טן צעלטל. מען האָט אים צוגעטראָגן ביזן טירל פונעם 11טן צעלטל, אויסגעטון, און אויף זיין נאַקעטן טויטן קערפּער האָט מען אָנגעשריבן מיט גרויסע ציפערן זיין לאַגער־נומער: 27124.

איך האָב זיך בשעת מעשה דערמאָנט, אַז מיט צוויי חדשים פריִער איז אין דעם קראַנקן־רעוויר, אויף פאַר מיינע אויגן, געשטאָרבן נחמנס נאָענטער חבר, מאָטל גרינבערג, וועלכער האָט געטראָגן דעם נומער 27122. איך האָב אינסטינקטיוו אַ קוק געטון אויף דעם רונדיקן בלעכל אויף מיין האַלדז, אויף מיין נומער: 27123.

# די יונגע

אַ גרופּע פון אַכט יוגנטלעכע איז אָנגעקומען אין שאַטערוועקער לאַגער, צוזאַמען מיט די 400 לאָדזשער יידן. די יוגנטלעכע האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען ווי איין משפחה, נאָך מער ווי אין נאָרמאַלע באַדינגונגען, ווען די יונגע אין זעלבן עלטער און מיט אַן ענלעכער דערציִונג, חברן זיך, פאַרשטייען זיך און לעבן זיך געזעלשאַפטלעך אויס אויף דעם זעלבן אופן. אין שאַטערוועקער לאַגער האָבן דער עלנט, דער צער פאַרן גורל פון די עלטערן, די היימלאָזיקייט און אויך די אויסשליסלעך מענערישע געזעלשאַפט אין דעם לאַגער — גורם געווען זיי זאָלן זיך האַלטן צוזאַמען.

אין די ערשטע טעג אין דעם לאַגער, אין משך פונעם „קאַראַנטין", איז מען נאָך נישט געגאַנגען אַרבעטן. אין שאַטערוועקער לאַגער זענען נאָך נישט אויפגעשטעלט געוואָרן די קאַצעטלערישע האָלץ־בלאָקן. מען האָט „געוווינט" אין די דיקט־צעלטלעך, און אַלע יוגנטלעכע זענען געווען צוזאַמען אין איין צעלטל. ווען די לאָדזשער העפטלינגע האָבן אָנגעהויבן

אַרויסגיין אויף אַרבעט, האָבן די יוגנטלעכע זיך געשטעלט אַרבעטן אויף איין אָרט.

די אַרבעט פון קאַצעטלער אין שאַטערוועקער „אַרבעטס־לאַגער" איז ווי געזאָגט, באַשטאַנען אין גראָבן לאַנגע, טיפע גריבער, כדי אין זיי צו לייגן ברייטע קאַנאַליזאַציע־רערן פאַר די דייטשישע דערפער פון יענער געגנט. די יידישע העפטלינגע זענען געשטאַנען אין אַ לאַנגער שורה לענג־אויס דעם שאָסיי, אָפּגערוקט איינער פון צווייטן אויף אַ 2 — 3 מעטער, געהויבן און אַראָפּגעלאָזט די שפּיציקע, שווערע קילאָפּן, שפּאַדלעס, דיקע שטאָלענע שטאַבעס און שווערע האַמערס. אין אָנהייב האָט מען נאָר די לאַגער־מענטשן אַרויסגעזען אין גאַנצן, אַ ביסל שפּעטער האָבן זיי אַרויסגעשטעקט פון די גריבער בלויז אין דער העלפט, נאָך שפּעטער האָבן זיך שוין אַרויסגעזען בלויז זייערע קעפּ, אַזוי, ביז וואַנען מען האָט געקענט זען בלויז אַרויספליען ערד פון די גריבער.

אויפן שאָסיי זענען אויך געווען אַנדערע מענטשן, פרייע, פון דער „הויכער ראַסע". פון אין דער פרי אָן זענען פון צייט צו צייט פאַרביי־געגאַנגען אַלטע מענער, פרויען און קינדער. אַ טייל זענען געפאָרן אויף פורן אָדער ראָווערן. אַפילו מוטערס מיט קליינע קינדער האָט מען אויך געקענט זען פאַרבייגיין. אַזאַ סאָרט מענטשן האָבן מיר קיין מאָל נישט אויפגעהערט צו זען שפּאַצירן אויפן שאָסיי לעבן אונדזערע אַרבעטס־קאָמאַנדעס: די פּאָסטנס, די מונדירטע, באַוואָפנטע דייטשישע ס.ס.־זעלנער. חוץ דעם, וואָס זיי האָבן געהיטן, אַז קיינער זאָל נישט אַנטלויפן פון דער אַרבעט, האָבן זיי אויך געהאָט די אויפגאַבע נישט צוצולאָזן קיין פאַרבייגייער צו אונדז. בלויז די בליקן האָבן געקענט פאַרבינדן די פאַר־בייגייער אויפן וועג מיט די יידישע העפטלינגע ביי דער אַרבעט. נאַטירלעך האָבן אַלע אינסטינקטיוו געקוקט אין אונדזער ריכטונג. טייל בליקן האָבן אויסגעדריקט מיטלייד און רחמנות; אַנדערע האָבן געקוקט מיט צופרידנקייט און אַפילו מיט פרייד; געווען אויך בליקן פון גלייכגילטיקייט. אָבער מיר אַלע זענען געווען באַהערשט פון צער און דעפּרעסיע, אויך צוליב דעם פאַרגלייך צווישן יענע פרייע מענטשן און אונדזער גורל, בלויז דערפאַר, וואָס מיר זענען יידן.

ס׳איז נאַטירלעך, אַז פון אָט די דאָזיקע געפילן האָבן צום שאַרפסטן געליטן די יונגע צווישן אונדז.

## סראָליק מעלדעט זיך נישט צום „אַוסטרעטן״

אויף אַ בערגל, נישט ווייט פון די גריבער ווו מיר אַרבעטן, איז פאַר אונדז געמאַכט געוואָרן אַן אָפן קלאָזעט. די איינריכטונג איז געווען איינפאַך: אַ גריבל און אַ ברעט זיך אַרויפצושטעלן. די אָפענע „באַקוועמלעכקייט״ איז כדי די פאָסטנס זאָלן קענען זען די, וואָס גייען אַהין און האָבן זיי כסדר אויפן אויג. נישט בלויז די זעלנער האָבן געקענט דאָרט „האַלטן אַן אויג״ אויף די יידישע אַרבעטס-קנעכט — אויך די פאַרבייגייער אויפן וועג פלעגן זען די אויפגעדעקטע קערפּער-טיילן בעתן דערליידיקן זיך.

דאָס איז געווען דאָס איינציקע אָרט, ווו מיר האָבן געקענט אַוועקגיין פון אַרבעטס-פּלאַץ. אָבער אויך אַהין איז נישט געווען אַזוי פשוט אָנצוקומען: אַז עמעצער פון די העפטלינגע האָט גענדאַרפט זיך דערליידיקן, האָט ער פריער געמוזט צוגיין צום נאָענטסטן פאָסטן, בלייבן שטיין „אויף אַכטונג״ 3 מעטער פון אים און מעלדן:

— הער פאָסטן, איך בראַוך אַוסטרעטן. — ערשט דעמאָלט האָט ער געקענט באַקומען די דערלויבעניש צו דערווייטערן זיך פונעם אַרבעטס-פּלאַץ ביזן קלאָזעט. טייל מאָל האָבן די פאָסטנס נישט באַוויליקט צו געבן די דערלויבעניש און צוריקגעשיקט דעם ייד, ווייל אויב דאָרט איז שוין עמעצער געגאַנגען, האָבן זיי מורא געהאַט, אַז זיי וועלן נישט קענען אַלעמען אָפּהיטן.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז פאַר די יוגנטלעכע איז געווען נאָך שווערער ווי פאַר די עלטערע דאָס דערנידעריקן זיך און דאָס שטעלן זיך „נאָ באַטשנאָשטש״ (ווי די יוגנט האָט דאָס גערופן) פאַר די ס.ס.-זעלנער מיט דער ביטע: הער פאָסטן, איך בראַוך אַוסטרעטן.

אין די ערשטע טעג אויף דער אַרבעט איז סראָליק איין מאָל אַהינגעגאַנגען נישט אָנמעלדנדיק זיך פריער ביים פאָסטן. ווען ער איז צוריק-

געקומען און זיך אויפגעשטעלט מיט דער לאָפּאַטע, האָט דער וועכטער זיך אַוועקגעשטעלט לעבן אים, מיט איין האַנט געגלעט דעם לעדערנעם פּאַס פון דער ביקס, וואָס איז געווען פאַרוואָרפן אויף זיין פּלייצע און מיט דער צווייטער זיך אונטערגעשפּאַרט דעם היפּט. געשטאַנען איז ער אויף איין פוס און מיט דעם צווייטן געשאָקלט אין דער לופטן. אין אָט דער וויל־יונגערישער פּאָזע האָט ער גענומען רעדן צו סראָליקן:

— דו קראַפּירסט שנעל, ווען דו צו גראָסע פּריווילעגיעס היער פאַרלאַנגסט!

סראָליק האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ רגע באַטראַכט דעם דייטשישן מונדירטן מערדער. דער אופן פון זיין שטיין און זיינע ווערטער האָבן אים אויפגערעגט. נאָך מער האָט סראָליקן פאַרדראָסן דאָס, וואָס דער וועכטער איז כמעט אין זעלבן עלטער וואָס ער אַליין. אַ יונגער דייטש רעדט צו אים אַזוי חוצפּהדיק, ווי צו אַ קליין יינגל. סראָליק האָט זיך דאָך באַהערשט, איינגעהאַלטן דעם פאַרדראָס און געענטפערט רויק און זאַכלעך:

— וואָס קען איך שוין האָבען היער פּריווילעגיעס אין דיזן קנעכטישן לאַגער? — דערמיט האָט זיך אָנגעהויבן דער דיאַלאָג צווישן סראָליקן און דעם פּאָסטן, וואָס האָט זיך געצויגן אַזוי לאַנג, ביז דער פּאָסטן האָט אים געדראָט צו דערשיסן:

— לאַוף מאַל וועק 50 מעטער פון היער, דאַן שיס איך דיך גערן. אַבער דו שמוציקער לאַוזער, האַסט קיין אַמביציע, דו וואָלסט ליבערשט שמאַכטן און קראַפּירן ביי דער אַרבייט; באַווייז דיין מוט און לאַוף מאַל וועק, דאַן שיס איך דיר ווי איין הונט!

— ווען דו שיסן מיך וואָגסט, דאַן וועסטו אימער באַדויערן, דאָס געוויסנביסן וועט דיך פאַרפאָלגן אין דער אייביקייט.

דערויף האָט דער וועכטער זיך צעלאַכט מיט חוזק. ער האָט צוגערופן דעם וועכטער דערנעבן, און אים דערציילט סראָליקס לעצטע ווערטער און ביידע האָבן זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער. סראָליק איז געוואָרן אַזוי אויפגעבראַכט, אַז ער איז אַרויס פון גרוב, כדי צו באַגיין זעלבסטמאָרד — אַנטלויפן. די יוגנטלעכע חברים, וואָס זענען געשטאַנען לעבן אים, האָבן אים מיט געוואַלט אָפּגעהאַלטן פון דעם פאַרצווייפלטן שריט. אַז

ס'איז אַריבער די ערשטע כוואַליע פון צאָרן, איז סראַליק ווייטער געשטאַנען מיט דער לאָפּאַטע ביי דער אַרבעט. ער איז שוין אָבער געווען אַ געענדערטער מענטש.

איצט האָט סראַליק געאַרבעט אין שווייגעניש, אָבער פּאָר זיינע חברים איז זיין שווייגן געווען ערגער ווי דאָס שרייען. מען האָט דערקענט אין אים די טיפע, פּרעסנדיקע פאַרביטערונג. במשך פון די ווייטערדיקע טעג זענען אין לאַגער פאַרגעקומען העפטיקע וויכוחים צווישן סראַליקן און זיינע חברים. זיי האָבן נישט געוואָלט אָננעמען זיין פאַרצווייפלונג:

— מיר מוזן ממשיך זיין מיט דער האָפענונג אויף אַ שנעלער באַ־פרייונג, — האָבן זיי געטענהט. סראַליק האָט זיך נישט געלאָזט באַרויקן, ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס:

— מען טאָר נישט זיין גלייכגילטיק צו אַזאַ שקלאַפּעריש לעבן, צו הונגער, צו קאָפּען די ערד אונטער דער שמירה פון באַוואָפנטע היטלעריסטן און צו דאַרפן זיך קנעכטיש מעלדן צו גיין אין דעם אָפענעם קלאָזעט.

עטלעכע טעג זענען פאַרביי. אויף דעם אָרט, וווּ עס האָבן געאַרבעט סראַליק מיט זיינע חברים, איז שוין געווען אַ טיפער גרוב. אַז מען האָט געוואָלט אַרויפגיין, האָט מען געמוזט פאַרלייגן די לאָפּאַטע אין דער הויך, אָנשפּאַרן די עקן אין די קאַנטן פוןביידע זייטן אויפן באָדן, צוהאַלטן דעם שטעקן פון דער לאָפּאַטע און אויף אַזאַ אופן זיך אַרויסדראַפּען פון דעם טיפן גרוב.

סראַליק איז יענעם טאָג געשטאַנען אין אַ זייט. זיינע חברים האָבן עס נישט באַמערקט אין דער ערשטער מינוט. אָבער דאָס מאָל האָט דער פּאָסטן געפּאַנגען זיין קרבן. ער איז ווידער צוגעגאַנגען, זיך געררייצט מיט סראַליקן און אים פּראָוואָצירט. די אַמביציע האָט נישט געלאָזט דעם יונגן סראַליקן פאַרשווייגן די באַליידיקונג. ער האָט שנעל פאַרלייגט זיין לאָפּאַטע איבער זיך און אַרויס אויף דער אויבערפלאַך. אַ מינוט איז ער געשטאַנען פּנים אל פּנים מיטן נאַצישן רוצח, און באַלד האָט ער זיך אויסגעדרייט און אָנגעהויבן אַנטלויפן פון אַרבעטס־פּלאַץ. אַז ער האָט זיך שוין דערווייטערט אַ שפּאָר שטיקל וועג, האָט ער זיך אויסגעדרייט און אַ רגע געקוקט אויף צוריק.

ווען זיינע חברים האָבן באַמערקט, אַז ער איז אַרויס פון גרוב, איז ביי זיי געוואָרן אַ בהלה, און עטלעכע זענען גלייך אַרויס אים צו ראַטעווען. אויף אַ מאָמענט האָט מען געקענט מיינען, אַז סראַליק וועט זיך צוריקציען און צוריקקערן צו דער אַרבעט. ער איז אָבער געשטאַנען מוטיק, געקוקט אויף זיינע חברים און אויף די יידישע קאַצעטלער. ווען ער האָט געזען, אַז די פאַסטנס הייבן די ביקסן, כדי צו צילן אין אים, האָט ער שנעל, מיט אַן אינערלעכער פעסטער דערצידירטקייט, געגעבן זיך אַ דריי אויס און וויטער האַסטיק געלאָפן פאָרויס. באַלד האָט ער זיך צום צווייטן מאָל אויסגעדרייט, אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אָנגעשטעלט די ברוסט — אַלץ מיט אַ בליץ־שנעלקייט. „זיין" וועכטער האָט צו אים אויסגעשאָסן צוויי קוילן, דער צווייטער האָט אין אים אויך אַריינגעשאָסן אַ קויל. סראַליק איז געפאַלן מיטן פנים אַרויף, צום הימל.

די אַרבעט פון די קאָמאַנדעס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן און די העפטלינגע האָט מען צונויפגעטריבן אויף איין אָרט. די ס.ס.־זעלנער זענען געווען צערייצט און דענערווירט. תיכף זענען אויך געקומען נאַציישע אָפיצירן און מיט דייטשישער „פינקטלעכקייט" אָפּגענומען דעם באַריכט און אים פאַרפראָטאָקאָלירט.

און מיר, די הונדערטער יידישע לאַגער־קנעכט, זענען געשטאַנען צונויפגעפּרעסט און אַרומגערינגלט פון די באַוואָפנטע ס.ס.־זעלנער. אָפּ־געמעקט איז אונדזער פאַרגאַנגענהייט און די צוקונפט, און ווי פאַר אונדזערטוועגן האָט זיך דער הימל פאַרוואָלקנט און עס גיסט אַ רעגן. קאַלטע ווינטן בלאָזן נאָך אַלץ אין דעם אָפּהילך פון די ביקסן־שאָסן, וואָס האָבן דערהרגעט סראַליקן.

## נאָך אַ יוגנטלעכער

נאָך איינער פון דער לאָדזשער יוגנט־גרופּע אין שאָטערוועקער לאַגער איז דערמאָרדעט געוואָרן. אויך ער איז געפאַלן אַ קרבן פון אַ פּראָוואָקאַציע. אָבער דאָס מאָל איז דער מאָרד געוואָרן אויסגעפירט מיט אַן עפנטלעכער דייטשישער „צערעמאָניע" — דורך הענגען.

ווען איך דערמאָן זיך אין זיין לאַנגזאַמען, שטילן אַרויפגיין צו דער תליה, אין זיין שווייגנדיקער רעזיגנאַציע פון לעבן, זידט אין מיר אויף דאָס בלוט. איך האָב געזען מיט מיינע אייגענע אויגן, ווי אַזוי די דייטשן האָבן אים גייסטיק דערמאָרדעט, נאָך איידער זיי האָבן אים געהאָנגען. ווייניק, זייער ווייניק מענטשן, זענען געבליבן לעבן פון יענעם לאַגער. איך צווייפל, צי עמעצער האָט שוין באַשריבן אָט די געשעענישן, פיל איך, אַז עס איז מיין חוב צו פאַרשרייבן דאָס אין מיינע זכרונות און אויף אַ מינוט אויפ׳ידן זיין יונג פאַרגאָסן בלוט.

געווען איז דאָס אין סוף אָקטאָבער 1944. איך האָב דעמאָלט געאַרבעט אין דער שיילעריי אין קיך פון שאַטערוועקער לאַגער. נאָך דער אַרבעט בין איך „אַהיים״ געגאַנגען אין פערטן בלאָק אַריין. דער טאָג איז געווען אַ רעגנדיקער, איינער פון די האַרבסטיקע טעג, וואָס האָט אויסגעווייקט, אויסגעשעפּט און צעבראָכן די מענטשן. אויך דער אָונט איז געווען אַ נאַסער, אַ קאַלטער און אַ בלאָטיקער. מיט שווערע בלאָטיקע שקראַבעס אויף די פיס, מיט נאַסע לייוון־בלוזן, איז מען נאָך דער אַרבעט געשטאַנען אין די רייען נאָך דער זופּ און נאָך דער פּאַרציע ברויט. איז מען שוין אַריין אין די בלאָקן, זיך אַוועקגעלייגט אויף די קויקעס זיך צו דערוואַרעמען, אויסטריקענען און אָפּרוען. פּלוצעם איז איינעם לאַגער געוואָרן אַ בהלה. די עלטעסטע לויפן איבער די בלאָקן מיט אַ באַפעל: „איינטרעטן!״

וואָס איז געשען? די נאַכטרו נעמט מען אונדז שוין אויך צו? אָבער אין לאַגער איז נישטאָ קיין צייט אַפילו צו טראַכטן: די עלטעסטע און קאַפּאָס שלאָגן און טרייבן אַלע פון די בלאָקן. אין מיטן הויף ווערן מיר אויסגעשטעלט אין דריי זייטן: פון מזרח, פון צפון און פון דרום, מיט די פּנימער אויף מערב־זייט. דאָרט איז שוין געווען צוגעגרייט אַ תליה.

נעבן דער תליה זענען געשטאַנען „געסט״, דייטשישע אָפיצירן, וואָס זענען ספּעציעל געקומען צו פאָרן, אַזוי ווי מחותנים אויף אַ חתונה. אַ ביסל ווייטער זענען אויך געשטאַנען גרייטע, מיטן אָנגעשטעלטן געווער, עטלעכע ס.ס.־זעלנער.

די עלעקטרישע לאָמפּן אַרום דעם לאַגער האָבן זיך געוויגט און געוואָרפן שטראַלן. אַלעמענס בליקן זענען געווען געווענדט אַהין, ווו עס

ווערט געשיקט צו דער תליה אַ לאָדזשער ייִנגל פון אַ יאָר 18 — 19. מיט לאַנגזאַמע טריט גייט ער אַרויף אויפן טיש און שטעלט זיך אויפן קליינעם בענקעלע.

די דייטשישע אָפיצירן רעדן צווישן זיך. דער לאַגער־פירער פון שאַטערווערקער לאַגער באַפעלט דעם געלן לאַגער־עלטעסטן פאַרלייגן די שטריק. דאָס ייִדישע ייִנגל פון אונגאַרן, וואָס פלעגט שטענדיק אַזוי גוט אויספירן זיין ראָל אַלס דער לאַגער־עלטעסטער, האָט דאָס מאָל פאַרראָטן זיינע „אַרבעטס־געבער״: ער האָט געוואָגט זיי אָפּצוזאָגן; ער קען דאָס נישט אויספירן. (שפעטער האָבן אים די דייטשן דעגראַדירט און פאַרשיקט, קיינער ווייסט נישט וווּהין).

דער לאַגער־פירער האָט זיך דעמאָלט געווענדט צום צווייטן לאַגער־עלטעסטן, צו גינזבורגן. אים האָט שוין פאַרפעלט מוט אָפּצוזאָגן, ער האָט דאָס אויסגעפירט: פאַרלייגט די שטריק, אַוועקגעשאַרט דאָס בענקעלע. דאָס יונגע לעבן איז געבליבן הענגען אין דער לופטן. הונדערטער ייִדישע אויגן, טויט־מידע און צעפּייניקטע, קוקן זיך צו, ווי עס קורטשעט זיך און בלייבט הענגען אַן אויסגעגאַנגען יונג ייִדיש לעבן.

די עלעקטרישע לאָמפּן אַרום דעם לאַגער האָבן זיך געוויגט און דער האַרבסטיקער ווינט האָט ווייטער געבלאָזן אויף די הונדערטער ייִדן. די פיס זענען פאַרשטייפט פון שטיין אין דער קעלט, עס ווילט זיך אַזש פאַלן אין דער בלאָטע, נאָר קיין באַפעל צו גיין צוריק אין די בלאָקן איז נאָך נישט געקומען. מען מוז נאָך שטיין אין דער ריי, כדי אויסצוהערן די דייטשישע מעלדונג. דער לאַגער־פירער דערקלערט:

— דעם געהאָנגענעם האָט מען באַשטראָפט, ווייל ער איז אַנטלאָפן פון דער אַרבעט. מען האָט אים געפונען אין אַ דייטשישער שטוב אין אַ דאָרפישער היייזקע. אַזוי וועט מען מאַכן מיט יעדן, וואָס וועט וואָגן צו אַנטלויפן.

דער לאַגער־עלטעסטער גינזבורג האָט געמוזט איבערזעצן די מעלדונג אויף אונגאַריש, פאַר די אונגאַרישע ייִדן, וואָס פאַרשטייען נישט קיין דייטש.

ווי געזאָגט, איז דאָס געווען אַ פּלאַנירטע פּראָוואָקאַציע. אַ דייטשישע

נעץ איז פֿאַרלייגט געוואָרן צו פֿאַנגען דעם יוגנטלעכן און אים דערמאָרדן. ביים שאָסיי, ווו עס האָבן געאַרבעט די העפטלינגע, האָבן זיך געפֿונען עטלעכע דאָרפֿישע שטובן. עטלעכע טעג פֿאַרן מאָרד האָבן די פֿאַסטנס דערליובט דעם בחור אַריינצוגיין אין אַ פּריוואַטער שטוב — ס׳האָט געהייסן, אַז זיי האָבן אויף אים רחמנות — אַז ער זאָל זיך אַ ביסל אָפּרוען פֿון דער אַרבעט, זיך אָנוואַרעמען און אויסטריקענען פֿון דער נעץ. דערנאָך זענען אַריינגעקומען צוויי אַנדערע ס.ס.־מענער און אים אַרויסגעפֿירט. ערשט דעמאָלט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער איז פּראָוואָצירט געוואָרן, אַז זייער גוטסקייט איז פֿון אָנהייב אָן געווען געצילט אים צו פֿאַנגען אין אַ פֿאַסטקע. אָבער ס׳איז שוין געווען צו שפּעט. ער האָט שוין נישט געקענט זיך אַרויסרייסן פֿון זייערע מערדערישע הענט. איז ער אַריין אין אַ מעלאַנכאָליע און האָט זיך אונטערגעגעבן מיט אַ פֿאַרצווייפֿלטער גלייכגילטיקייט.

די דאָזיקע געשעעניש אין שאַטערוועקער לאַגער איז נישט געווען קיין אָפּגעזונדערטער פֿאַל. די טאַקטיק פֿון פּראָוואָקאַציעס און מאָרד איז געווען איינגעפֿירט אין אַלע לאַגערן אין יענער צייט, כדי אָנצוּוואַרפֿן אַ פּחד, פֿאַריאושן די העפטלינגע און זיי אַריינטרייבן אין אַ דעפּרעסיע און גלייכגילטיקייט.

ליידער האָבן די דייטשן זייער ציל דערגרייכט, ווייל אין דעם שאַטערוועקער לאַגער זענען כמעט אַלע יידן, מיט ווייניקע אויסנאַמען, אויסגעשטאָרבן פֿון הונגער, שמוץ, און פֿאַרשידענע אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן.

זאָלן די שורות דינען ווי אַ מצבה־זכרון פֿאַר זייערע פֿאַרשניטענע יאָרן.

## דער „אַנטלאָפֿענער״

ערטערווייז קוקן אַרויס פֿון פֿאַרוואָלקנטן פֿינצטערן הימל בלאַס־קענדיקע שטערנס. די עלעקטרישע לאָמפּן, וואָס הענגען אַרום די שטעכל־צוימען פֿון לאַגער, שאָקלען זיך פֿון די נאַכטיקע ווינטן. ס׳איז נאָך טיפֿע נאַכט, אָבער די העפטלינגע אין שאַטערוועקער לאַגער זענען שוין וואַך

און גרייט זיך צו שטעלן לויט די קאָמאַנדעס צום פרימאָרגן־אַפּעל. ווי יעדן טאָג אין דער צייט, בעת די קאָמאַנדעס ווערן אויסגעשטעלט מיטן פּנים צום לאַגער־טויער אַרויסצומאַרשירן צו דער אַרבעט, ווערן געציילט די מענטשן. דער שרייבער פאַרשרייבט זייער צאָל. ווייזט זיך אַרויס, אַז פּונקט ווי מיט עטלעכע טעג פריִער מיט סראַליקן, איז ווידער עפּעס געשען. אויך איצט ווערן די קאָמאַנדעס פאַרהאַלטן. מען קוקט צום לאַגער־פירער, אָבער קיין צווייטער סראַליק שטייט נישט לעבן אים. בלויז די לאַגער־ און בלאָק־עלטעסטע דרייען זיך מיט דרך־ארץ און אונטערטעניקייט לעבן אים. זיי גייען איבער די בלאָקן, זוכן דעם וואָס פעלט צום אַפּעל און קומען צוריק איינציקווייז צו מעלדן דעם לאַגער־פירער, אַז דער וואָס פעלט איז נישטאָ. קוקט דער לאַגער־פירער אויף די עלטעסטע מיט פאַראַכט, אָבער זיי ענטפערן אים מיט אַ קוק פון אוממעכטיקער אונטערטעניקייט און פאַרצווייפלונג.

דערווייל וואַרטן די יידישע העפטלינגע אין די רייען: די פאַרטאָגיקע ווינטן דרינגען אַדורך די קאַצעטלער־פּאַשאַקן און די מענטשן ציטערן פאַר קעלט. דאָך מוז מען שטיין אין די גלייכע רייען — דיסציפּלינירטע קאַצעטלער.

די באַוואָפנטע ס.ס.־זעלנער, וואָס וואַרטן אויך, אַז דער טויער זאָל זיך עפענען, זענען אַנגעטון וואַרעם. דאָך שפּאַצירן זיי אויף זייערע ערטער און קענען נישט איינשטיין פאַר קעלט.

אַלע עלטעסטע זענען באַשעפטיקט ביים זוכן, פון דעסטוועגן געלונגט זיי נישט צו אַנטדעקן דעם ווידערשפּעניקן. ס׳איז ממש אַ רעטעניש וואָס קיינער קען נישט באַשיידן, און ס׳איז נישטאָ אויף וועמען אויסצולאָזן דעם כעס. דער וואָס האָט געוואַגט זיך ערגעץ אויסצובאַהאַלטן אָדער אַנטלויפן, איז נישטאָ, און נישטאָ וועמען צו באַשטראָפן, אַזוי ווי ס׳פירט זיך אין די דייטשישע טויט־לאַגערן.

דערווייל הייבט שוין אָן צו ווערן ליכטיק. יעדן טאָג אין דער צייט איז מען שוין אָנגעקומען צו דער אַרבעט און מען נעמט זיך שוין צו די כלים. היינט איז נאָך דאָס טויער געשלאָסן.

לסוף, האָט דער לאַגער־פירער צייטווייליק רעזיגנירט פון געפינען

דעם אַנטלאָפּענעם. ער האָט באַפוילן צו עפּענען דאָס טויער און די קאָמאַנדעס האָבן אַרויסמאַרשירט צו דער אַרבעט. די העפּטלינגע האָבן אַ גאַנצן טאָג ביי דער אַרבעט געטראַכט וועגן דעם גורל פון יענעם, וואָס מען האָט אים נישט געפונען. ביי נאַכט אין לאַגער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז נאָך דעם, ווי די קאָמאַנדעס זענען אַוועק צו דער אַרבעט, האָט דער לאַגער־פירער געגעבן אַ שטרענגן באַפעל, אַז מען מוז אים אויסזוכן און באַשטראָפן. די עלטעסטע האָבן נאָך אַ מאָל געניששטערט און געזוכט ביז זיי האָבן אים „געפּאַקט". אָבער באַשטראָפן האָט אים דער לאַגער־פירער שוין נישט באַוויזן. מען האָט אים געפונען הענגען אין אַ ווינקל פון אַ הויכער קויקע, שוין אַ טויטן.

## דער גורל פון צוויי יידן אין אַ חזרים־שטאַל

אין שאַטערווערקער לאַגער איז געווען, לעבן דעם לאַגער־קלאָזעט, אַ חזרים־שטאַל. דער לעבעדיקער אינווענטאַר איז געווען אונטער דער אויפזיכט פונעם קיך־פאַרוואַלטער.

דער קיך־פאַרוואַלטער איז געווען אַן אָפיציר פון דער ווירטשאַפט־לעכער „טאָדט־קאָמאַנדע"; ער האָט געפירט די קיך לויט אַלע כללים פון דער נאַצישער „אָרדענונג". דאָס עסן, וואָס איז געקאָכט געוואָרן אין לאַגער־קיך, אין איין סאָרט קעסלען, איז געמאַכט געוואָרן גוט, נאַרהאַפטיק און געשמאַק. דאָס איז געווען דאָס עסן פאַר די דייטשישע זעלנער און פאַר די חזרים. פאַר די הונדערטער יידישע העפּטלינגע דאַקעגן איז געקאָכט געוואָרן אין אַנדערע קעסלען, אַ שיטער־ביטערע זאַך, וואָס איז באַשטאַנען כמעט אין גאַנצן פון וואַסער. אפילו אין דער שיילעריי האָבן געאַרבעט צוויי גרופּעס שיילערס: עטלעכע מאַן האָבן געמוזט שיילן די קאַרטאָפל ריין און זיי גוט וואַשן, ווייל זיי זענען געווען באַשטימט פאַר דעם יחסנישן קעסל. די איבעריקע שיילערס האָבן געאַרבעט ביי אַן ערגערן סאָרט קאַרטאָפל און ברוקעוו און מען האָט אויך געקענט לאָזן שאָלן אויף זיי, ווייל דאָס איז געווען באַשטימט פאַר די יידישע העפּטלינגע. טייל מאָל האָט מען טאַקע

בכלל נישט געשיילט די קאַרטאָפל פאַר די העפטלינגע — בלויז זיי צעשניטן און אַ ביסל געוואַשן.

דער קיך־פאַרוואַלטער האָט גאַנץ אַנדערש באַזאָרגט עסן פאַר די חזרים. פון די קעסלען, אין וועלכע מען האָט געקאָכט פאַר די יידן, פלעגט נאָך אַ מאָלצייט גאַרנישט בלייבן, און אויב ס'וואָלט אַ מאָל יאָ געבליבן אַ ביסל וואַסערזופּ, וואָלט דאָס אויך נישט גענוג געווען צו זעטיקן די חזרים. אין דעם דייטשישן קעסל האט מען געקאָכט מער, כדי ס'זאָל סטייען פאַר די חזרים. ס'פלעגט שטענדיק בלייבן עסן אויך אין די דייטשישע שיסלען, און די געדיכטע, פעט־געשמאַקע רעשטלעך האָט מען נישט אַרויסגעוואָרפן, און אַוודאי נישט געגעבן פון דעם די יידן צו פאַרזוכן, נאָר מען האָט עס אַוועקגעטראָגן אין חזרים־שטאַל. זענען די חזרים אין דעם שאָטערוועדקער לאַגער טאַקע געווען פעטע.

אין די חדשים נאָוועמבער־דעצעמבער 1944 האָבן זיך די אַרבעטס־קאָמאַנדעס פאַרקלענערט מיט יעדן טאָג. מענטשן זענען דערשעפּט געוואָרן פון הונגער און קעלט, און יעדע נאַכט, ווען די קאָמאַנדעס פלעגן קומען פון דער אַרבעט, פלעגט דער בעלגישער דאָקטער אַריינגעמען אין די קראַנקן־בלאָקן עטלעכע שטערבלעך־קראַנקע.

דער פאַל מיטן „אַנטלאָפענעם", וועלכן מען האָט געפונען הענגען אַ טויטן איבער זיין קויקע, איז נישט געווען קיין אויסנאַם־פאַל אין יענע טעג אין לאַגער. מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט זיך דאָס איבער־געחזרט: אויף אַ פרימאָרגן־„אַפּעל" האָט ווידער געפעלט איינער, אַ „געזונטער", צום קאָמפּלעט. ווידער האָבן די עלטעסטע דורכגעפירט גרינט־לעכע רעוויזיעס, ביז מען האָט געטראָפן אויך דעם „אַנטלאָפענעם" הענגען טויט אין חזרים־שטאַל.

אין זעלבן חזרים־שטאַל האָט זיך מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער אָפּגעשפּילט אַ געראַנגל מיט אַן אַנטלאָפענעם, אַ יונגער יידישער העפטלינג פון אונגאַרן. נאָך אַ גרינטלעכער רעוויזיע, האָט אַן עלטעסטער געמאָלדן דעם לאַגער־פירער, אַז ער באַהאַלט זיך אויס אין חזרים־שטאַל. איז דער לאַגער־פירער אַריין אין צאָרן און גלייך געלאָפן אַהין מיטן רעוואָלווער אין האַנט:

— יונגער פֿאַרברעכער! — האָט ער געברומט — דער וויל נישט גיין מיט דער קאָמאַנדע!

תיכף ווי ער האָט אויפגעמאַכט דאָס טירל פון שטאַל, האָט ער אָנגעשטעלט דעם רעוואָלווער אויף דעם יונגן העפטלינג. עס איז אויסגעבראָכן אַ בהלה, אַ טומל פון מענטש און פון חיה.

דער יונגער בחור איז אין גרויס שרעק אַריין אין אַ היסטעריע. מיט ווילדן אימפעט האָט ער זיך געבויגן אין דרייען צווישן די חזרים און געלאָפן פון איין ווינקל אין צווייטן, שרייענדיק דערביי צום לאַגער־פירער:

— האַלט! היער איזט שווינען!

ס׳איז אויסגעבראָכן אַ קוויטשעריי פון די חזרים. דער לאַגער־פירער האָט געוואָלט שיסן, אָבער צוליב דעם, וואָס דער „יונגער פֿאַרברעכער" האָט זיך באַהאַלטן צווישן די חזרים, האָט ער מורא געהאַט, ער זאָל נישט טרעפן אין קיין חזיר.

דעם לאַגער־פירער זענען זייער געפעלן דער אַנגסט־פחד און די ווילדע פאַרצווייפלטע געשרייען פון דעם יונגן יידישן העפטלינג. טראָץ זיין רחמנות פאַר די חזרים, האָט עס אַרויסגערופן ביי אים אַ גרויסן געלעכטער. צום סוף האָט ער דעם יונגן יידישן „פֿאַרברעכער" באַגנעדיקט.

דער מזלדיקער בחור איז דערנאָך מער שוין נישט געגאַנגען מיט די קאָמאַנדעס און זיך פריי אַרומגעדרייט אין לאַגער: ער האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער איז משוגע.

איך האָב שוין דעמאָלט „געוווינט" אין 11טן צעלטל. אין מיטן טאָג פלעגט ער אַריינקומען אין צעלטל. דער קאַפּאָ מאַרקאָוויטש, וואָס איז דעמאָלט געווען דער „בעל־הבית" פון צעלטל, פלעגט מיט אים פאַרפירן שמועסן אויף אונגאַריש. איך האָב בשעת מעשה אָבסערווירט די האַלטונג פון דעם יונגן מענטשן. מיט זיין אַריינקומען אין צעלטל האָט ער זיך שטענדיק אין גאַנצן געענדערט. אין לאַגער איז ער כסדר געווען צעשטרייט און גערעדט הויך, אָבער דאָ פלעגט ער ווערן רויק, ערנסט און זאַכלעך — אַ נאָרמאַלער מענטש.

# אברהמל גייט אויף קידוש־השם

ער איז געווען אַ נידעריקער, און ווי אַלע יידן אין שאַטערווערקער לאַגער — אָן שום אויסערלעכע אייגנשאַפטן, ווי מען זאָגט: אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר. אַ פאָלקסמענטש מיט אַ רעליגיעזער דערציִונג, איז ער געווען איבערצייגט, אַז יש דין ויש דיין. ער האָט זיך דעצידירט צו גיין אויף קידוש־השם. אויב ער האָט נישט געקענט אָנקומען צו קיין בית־דין של מטה מיט זיינע שווערע באַשולדיקונגען קעגן דער דייטשישער מלכות הרשע, איז ער גרייט געווען דאָס טאָן פאַרן בית־דין של מעלה.

אָנגעהויבן האָט זיך דאָס אין אַ פינצטערן פרימאָרגן אין שאַטער־ווערקער לאַגער. ווי אַלע טאָג אין דער צייט, הערט מען פון די עלטעסטע און קאַפּאָס דעם אַלאַרם־געשריי: — אויף! שנעל רייסט מען אַלע אָפּ פון דער נאַכטרו. מען טוט זיך אָן, נאָכן אויסטרינקען די „קאַווע" ווערן איינגעשטעלט די רייען צו גיין מיט דער קאָמאַנדע צו דער אַרבעט. אָבער אברהמל וויל נישט אַרויסגיין פון בלאָק. ס'העלפט נישט דעם שטובן־עלטעסטנס בייזן געשריי, דעם קאַפּאָס שטופּ און שטויס — אברהמל האַלט זיך ביי זיינס:

— איך בין קראַנק, איך פיל, אַז איך קען נישט און טאָר נישט גיין מיט דער קאָמאַנדע אַרבעטן אין דרויסן.

גינזבורג לויפט צום לאַגער־עלטעסטן, מיט אַ באַריכט וועגן אברהמלס קרענק. דער לאַגער־עלטעסטער באַפעלט, אַז ער זאָל אַרויסקומען, זיך צושטעלן צום דאָקטער, וועט ער אים באַפרייען פון דער אַרבעט און שיקן אין קראַנקען־בלאָק אַריין. מען ברענגט אברהמלען, מען פירט אים צו ביז צו דער וואַנט פון בלאָק און דאָרט שטייען שוין דער לאַגער־פירער און דער בעלגישער דאָקטער.

— וואָס איזט דען לאָוס? — פרעגט דער לאַגער־פירער. אברהמל קלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן פון שוידער און היץ. דער בעלגישער דאָקטער נעמט אָן זיין האַנט ביים פולס:

— דער האָט פיבער — זאָגט דער בעלגישער דאָקטער צום לאַגער־פירער, און ער גיט אברהמען דעם טערמאָמעטער.

די רייען זענען שוין איינגעשטעלט אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט. אויך אויף יענער זייט טויער זענען שוין די באַוואָפנטע ס.ס.־דייטשן איינגעשטעלט און וואַרטן, אַז דער טויער זאָל זיך עפענען, די יידיש העפטלינגע זאָלן אַרויסמאַרשירן, ווען זיי זיך אַרומשטעלן און היטן די יידישע אַרבעטס־קנעכט. אָבער דאָס טויער איז נאָך צו. אַלע קוקן דאָרט אַהין און ווילן וויסן צוליב וואָס די נאָרמאַל קאַצעטלערישע „אָרדענונג" ווערט אויפ־געהאַלטן.

דער דאָקטער נעמט אַרויס דעם טערמאָמעטער פון אברהמלס אָרעם און מעלדעט דעם לאַגער־פירער:

— אַכט און דרייסיג און פינף פיבער צייגט דער טערמאָמעטער.

— ווען ס׳גיבט קיין נוין און דרייסיג פיבער מוז דער יודע צור אַרבייט גיין!

דער לאַגער־עלטעסטער שטייט ביי דער זייט, ווען ער הערט דעם באַפעל פון לאַגער־פירער, באַפעלט ער אברהמען, אַז ער זאָל זיך שטעלן אין די רייען צו גיין מיט דער קאָמאַנדע. דאָ ברעכט אויס אברהמל אין אַ ביטער געוויין:

— איך בין קראַנק, איך קען נישט!

אַלע אין לאַגערהויף הערן זיך צו צו זיינע יללות, אַזעלכע וויגעשרייען דאַרפן די הימלען שפּאַלטן. דערווייל איז אויפגעהאַלטן געוואָרן די דייטש־קאַצעטלערישע „נאָרמאַלע אָרדענונג". דער בעלגישער דאָקטער און אַלע העפטלינגע קוקן מיט רחמנות צו אברהמלען.

— נאָך איין מאָל די פיבער מעסטן — זאָגט דער לאַגער־פירער צום דאָקטער.

ווען דער בעלגישער דאָקטער נעמט אַרויס דעם טערמאָמעטער דאָס צווייטע מאָל, מעלדעט ער דעם לאַגער־פירער:

— דער טערמאָמעטער צייגט יעצט אַכט און דרייסיג זעקס פיבער.

— ווען קיין פולע נוין און דרייסיג פיבער מוז דער צור אַרבייט גיין!

אַלע זענען דערשטוינט, אָבער די עלטעסטע און קאַפּאָס קוקן צום

לאַגער־פירער מיט אונטערטעניקייט, צוויי קאַפּאָס נעמען אברהמלען און שטעלן אים אין די רייען צו דער קאָמאַנדע.

אויף מזרח־זייט באַווייזן זיך שוין סימנים פון טאָג, דאָס טויער איז שוין אָפן, מען גייט. אָבער פּלוצלינג לויפט אברהמל בליץ־שנעל אַרויס פון דער ריי, מיט אַ ביטערן ווייגעשריי זעצט ער זיך אַנידער אויף דער ערד לעבן דעם בעלגישן דאָקטער.

דער אַרויסמאַרש איז פאַרהאַלטן געוואָרן נאָך אַ מאָל. דער דייטשישער לאַגער־פירער האָט געהייסן ברענגען אַן עמער וואַסער, און אַזוי ווי אברהמל איז געזעסן אויף דער ערד, האָט ער דעם פולן עמער קאַלט וואַסער אַרויפגעגאָסן אויף אים.

די קאָמאַנדע איז אַוועק צו דער אַרבעט. איצט האָט מען אברהמלען שוין אַריינגענומען אין קראַנקען־בלאָק. דאָרט איז ער געלעגן צוויי טעג און אויסגעהויכט די נשמה.

## מיין געראַנגל מיט דער נאַצישער חיה

די רוימער האָבן אין אַלטערטום באַשטראָפט די ערשטע קריסטן מיט דעם, וואָס זיי האָבן זיי פאַרמאַכט צוזאַמען מיט לייבן אין שטייגן. דער מענטש האָט באַדאַרפט פאַרטיידיקן זיין לעבן אין אַ פאַרמעסט מיט אַ חיה. און די געצנדינערישע רוימער האָבן זיך געפרייט, ווען זיי האָבן געזען דורך די דראָטענע ווענט, ווי אַזוי דער פאַרצווייפלטער מענטש ראַנגלט זיך און די ווילדע חיה צערייסט אים.

מיר איז אויסגעקומען צו פירן אַ געראַנגל מיט אַ מענטשלעכער חיה אין שאַטערוועקער לאַגער. דאָס איז געווען דער לאַגער־פירער, פון וועלכנס הענט ס׳איז כמעט אוממעגלעך געווען זיך צו ראַטעווען.

געווען איז עס אין די ערשטע טעג פון יאַנואַר 1945. ס׳איז מיר אויסגעקומען עטלעכע מאָל צו שטיין אין לאַגער־הויף ביים 11טן צעלטל, ווען ער איז צוגעקומען צו מיר, צוזאַמען מיטן בעלגישן דאָקטער. ער האָט מיך אָפּגעמאָסטן מיט זיינע אויגן פון אויבן ביז אַראָפּ. דער בעלגישער דאָקטער דערקלערט אים בשעת מעשה מיין געזונט־צושטאַנד:

— דער האָט דורכפאַל, אַנשטעקענדע דיזענטעריע־קרענק.

אין אָט דער רגע קומט פאַר מיין משפט. שפּילט זיך אָפּ מיין גורל — לחיים או למוות. אָדער ער באַפעלט איך זאָל אַרויס פון 11טן צעלטל און גיין מיט דער קאָמאַנדע — און דאָס איז אַ זיכערער טויט־אורטייל — אָדער ער לאָזט מיך איבער אין דעם צעלטל. שטיי איך אַזוי אַליין, אויג אויף אויג מיט אים און וואַרט אָפּ דעם אורטייל. איך האָב אָפּגעאָטעמט פרייער ווען ער האָט זיך אַוועקגערוקט פון מיר אַן ווערטער; דאָס האָט געהייסן, אַז איך בלייב דאָ. מיין לעבן איז פאַרלענגערט צו „ווינען" ווייטער אין דיקטענעם צעלטל מיט די איזאָלירטע דיזענטעריע־קראַנקע.

אָבער סוף־כל־סוף האָט דעם דאָקטערס דערקלערונג וועגן מיין קראַנקייט נישט געהאָלפן. ער האָט מיך נאָך אַמאָל אָנגעקוקט און שטרענג באַפוילן:

— צור אַרבעט!

דערמיט איז געפאַלן אויף מיר דער ענדגילטיקער אורטייל. מיין גורל איז געחתמעט: איך מוז אַרויס פון דעם 11טן צעלטל און גיין מיט דער קאָמאַנדע אַרבעטן, מיטן רידל קאָפּען די ערד.

זייער וויניק העפטלינגע זענען שוין דעמאָלט געגאַנגען מיט דער קאָמאַנדע. אַ סך זענען שוין געווען אויסגעשטאָרבן, אַנדערע זענען געלעגן אין די קראַנקען־בלאָקן. פון די יינגערע און געזינטערע, וואָס זענען נאָך דעמאָלט יאָ געגאַנגען אין די פרימאָרגנס צו דער אַרבעט, זענען יעדן טאָג עטלעכע צוריקגעקומען קראַנקע און דער בעלגישער דאָקטער האָט זיי געמוזט אַריינגעמען אין קראַנקען־בלאָק. אַלע איבעריקע זענען געקומען שטאַרק דערשלאָגן און אויסגעשעפּט. צו אָט די, שוין לעצטע, שיטערע רייען פון די קאָמאַנדע־לייט דאַרף איך זיך צושטעלן. וואָס טוט מען?

גיי איך אַרויס פון 11טן צעלטל מיט אַ געפיל, אַז איך זע דעם טויט פאַר די אויגן, אַז מאָרגן־איבערמאָרגן וועל איך טיילן דעם גורל פון מאָטל גרינבערג, נחמן קאַנטעראָוויטש, קאַטשמאַרעק און הונדערטער אַנדערע, וואָס זענען פאַר מיינע אויגן אויסגעגאַנגען פאַר דער צייט.

איידער איך גיי אַריין אין בלאָק פון דער אַרבעטער־קאָמאַנדע, גיי איך פריִער צום בעלגישן דאָקטער. דער בעלגישער דאָקטער, מיין שטענדיקער

רעטער, קוקט מיך אָן מיט רחמנות. ער פילט מיר מיט, אָבער ער איז אוממעכטיק און קען נישט דעצידירן. בעט ער זיך ביי מיר איך זאָל אים זאָגן וואָס מיר טוט וויי. בלייב איך שטיין פאַרטראַכט און קלער זיך אַריין אין זיך: וואָס טוט מיר וויי? אַלץ טוט מיר וויי. אָבער דער דאָקטער קוקט אויף מיר מיט פאַרשנדיקע בליקן און איך שטיי פאַרצווייפלט. ביז איך דערמאָן זיך, אַז איך פאַרמאָג דווקא יאָ אַ גוטע סחורה פאַר דער איצטיקער גויט. אפשר וועט דאָס זיין די סיבה פאַר דער רפואה און מיך ראַטעווען פון דער קאָמאַנדע־אַרבעט. זאָג איך צום בעלגישן דאָקטער:

— הער דאָקטער! איך האָב אַ מכה אויפן פוס.

— צייג! טו אויס דעם טרעפּ.

איך טו אויס דעם טרעפּ, נעם אַראָפּ דעם „פוס־לאַפּ" (אַ מין לאַגער־שקאַרפּעט), דער דאָקטער באַטראַכט דאָס „באַלעמל" איבער די פינגער פון פוס, וואָס איז גרויס ווי אַ וועלשענע ניס און פול מיט גרינער מאַטעריע. ער גליט אָן זיין קניפּיקל און הייסט מיך אַנידערשטעלן דעם פוס אויפן בענקל. ער וועט אויסשניידן די מכה. איך בין זיך מפקיר, זאָל ער שניידן, אַבי נישט צו גיין מיט דער קאָמאַנדע. איך שטעל אַנידער דעם פוס אויפן בענקל, הייב אויף דעם קאָפּ און פאַרקלעם די ציין. ווען דער דאָקטער האָט אויסגעשניטן די מכה, האָט ער מיך, מיט אַ לאָך אין פוס, אַריינגעשיקט אין קראַנקען־בלאָק אַריין.

אַזוי אַרום בין איך דעמאָלט געראַטעוועט געוואָרן פון די באַפעלן פון שאַטערוועקער לאַגער־פירער.

## ווען דער הימל שטורעמט

ווי נאָר די קאָמאַנדעס האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט, האָט זיך איינגעשטעלט די אייזערנע דייטשישע דיסציפּלין. די העפטלינגע שטייען אַ גאַנצן טאָג אין די טיפע און לאַנגע גריבער מיט אַראָפּגעבויגענע קעפּ און גראָבן די ערד. אַז די האַרבסטיקע הימלען האָבן זיך פאַרוואָלקנט און עס האָבן אָנגעהויבן צו גיסן רעגנס, באַגלייטע פון קאַלטע ווינטן, איז דאָס אויסגעגאַנגען צו די יידישע קעפּ. דאָס וואַסער איז אָנגעקומען

אין די גריבער, די ערד האָט זיך געקלעפּט צו די פּיס, פאַרשוווערנדיק די טריט. דאָס וואַסער איז אַריין דורך די לעכערדיקע שיך און דורכגעווייקט די פּיס. די זאַטע ס.ס.־פּאָסטנס, וואָס האָבן שפּאַצירט אויפן שאָסיי אין די גומענע מאַנטלען און גאַנצע שיך, האָבן פון דעם נישט געליטן.

ס׳האָט אָבער אַ מאָל אויך געטראָפן אַן אַנדער סאָרט „וועטער״. דאָס ערשטע מאָל איז עס געשען נאָך אין די ערשטע וואָכן פון דער קאָמאַנדע־אַרבעט. יענער האַרבסטיקער טאָג איז גראָד געווען אַ שיינער, מיט אַ לויטערן בלויען הימל, דורכזיכטיק און טרוקן. אויף אַזאַ וועטער פלעגן יידן זאָגן: אַ געשאַנק פון גאָט, זיין ליבן נאָמען, אַליין. אָבער פּלוצלינג האָבן די דייטשישע זעלנער דערפילט, ווי די ערד אונטער זייערע פיס וואַלט זיך געוואַקלט, אַ פּיבער־שרעק האָט אַרויסגעקוקט פון זייערע אויגן, פון זייערע פאַרפלאָמטע פּנימער.

גלייך ווי די סירענעס האָבן אָנגעהויבן אַלאַרמירן, האָבן די ס.ס.־זעלנער געזוכט אַן אָרט ווו זיך צו באַהאַלטן. זיי זענען שנעל צו צו אַ בוים, אָדער הינטער אַ וואַנט פון אַ דאָרפישער שטוב. די יידישע העפטלינגע זענען געבליבן אונטערן פרייען הימל. דאָך איז מען געווען צופרידן. אַ פונק פון האָפענונג האָט זיך באַוויזן, אַ שטראַל פון דערלייזונג, וואָס האָט געמונטערט אין דער פאַרצווייפלונג.

עטלעכע מאָל האָט מען אויך געהערט די „דונערן״, די אויפרייסן און ערד־טרייסלונגען. כאָטש אונדזער לעבן איז אויך געווען אין געפאַר, האָט די סאַטיספאַקציע פון דעם, אַז דאָס איז געווענדט קעגן די דייטשן, דער־מוטיקט די יידישע העפטלינגע.

די באָמבאַרדירונגען זענען דירעקט צו אונדז נישט דערגאַנגען, אַ מאָל האָבן מיר געהערט די דעטאָנאַציע נענטער, אַ מאָל ווייטער. אָבער אַפילו פון דער ווייטנס זענען זיי געווען פאַר די יידן אַ דערפרייענדיקע מוזיק. ס׳האָט זיך דערוועקט אַ האָפענונג: אפשר מאָרגן, איבער מאָרגן, וועט דאָס דערגרייכן צו אונדזער לאַגער אויך. ווען מיר האָבן געזען ווי די פּנימער פון די פאַרריסענע דייטשן ווערן באַהערשט פון דעם פחד, האָבן מיר זיך געפילט נישט אין גאַנצן פאַראיינזאַמט.

די לופט־אַלאַרמען זענען פון אָנהייב פאָרגעקומען נישט אָפט, אָבער

אין די חדשים דעצעמבער 1944 און יאַנואַר 1945 האָבן זיי זיך אָפּט איבערגעחזרט; די פֿאַבריק־סירענעס האָבן געפּייפט ביי טאָג און ביי נאַכט: ווען די קאָמאַנדעס זענען געווען אויף דער אַרבעט און ווען אַלע זענען שוין געווען אין לאַגער, ווען מען איז געשלאָפן און ווען מען האָט „איינ־געטראָטן".

גאַנץ אָפּט איז עס פֿאָרגעקומען פֿאַר טאָג, ווען מען האָט אונדז אויפגע־וועקט און אַרויסגעטריבן פֿון די בלאָקן אינעם לאַגער־הויף. די ווינטערנאַכט האָט איינגעהילט דעם לאַגער אין אַ פֿינצטערניש, ס'איז נאָך געווען עטלעכע שעה צום טאָגליכט. אונטער די שטראַלן פֿון די עלעקטרישע לאַגער־לאָמפּן אַרום די שטעכלדראָטענע ווענט ווערן איינגעשטעלט די רייען פֿון די קאָמאַנדעס, אַרויסצומאַרשירן צו דער אַרבעט. אָבער איידער ס'ווערט פֿאַרענדיקט דאָס איינשטעלן זיך, הערן זיך די אַלאַרם־סיגנאַלן און די לאַגער־לאָמפּן לעשן זיך אויס. אַ געדיכטע פֿינצטערניש דעקט צו דעם לאַגער־הויף. מען שטייט אַזוי אין דער פֿינצטערניש אַ שעה און צוויי, אָבער אַנשטאָט צו שיקן די קאָמאַנדעס צו דער אַרבעט, ווי אַלע טעג, שיקט מען זיי גאָר צוריק אין די בלאָקן. אַזעלכע פֿאַלן האָבן זיך איבערגעחזרט גאַנץ אָפּט.

די באַן־סטאַציע ביים שאַטערווערקער לאַגער איז שוין דעמאָלט שטום געוואָרן. די פּאַסאַזשיר־צוגן וואָס פֿלעגן פֿריִער צוויי מאָל אין טאָג פֿאַר־ביייפֿאָרן אַהין און צוריק, האָט מען מער נישט געהערט און געזען. אויך קיין לאַסטצוגן זענען שוין מער נישט געפֿאָרן. די אַרבעט־קאָמאַנדע פֿון די באַן־סטאַציע איז מער נישט נויטיק געווען — מען האָט שוין מער נישט געדאַרפֿט אָנלאָדן אָדער אויסלאָדן קיין וואַגאָנען.

אין יענע טעג זענען פֿאָרגעקומען די איבערגרופּירונגען. די דייטשן האָבן אויסגעקליבן די העפֿטלינגע, וואָס האָבן נאָך געקענט גיין, אַרומגעשטעלט זייערע רייען מיט ס.ס.־זעלנער, וואָס האָבן כסדר געהאַלטן די הענט ביים צינגל פֿון זייערע ביקסן, און אַוועקמאַרשירט. אַזוי האָט מען געפֿירט די רעשטלעך געפֿאַנגענע, נאָך לעבעדיקע יידן, אויף מערב, דערווייטערט זיי פֿון מזרח־פֿראָנט, וועלכער האָט זיך שוין געפֿונען בלויז עטלעכע קילאָמעטער פֿון אונדז. די יידן האָבן געמוזט מאַרשירן אין גלייכע רייען, מיט „גלייכ־

שריט״. טעג און נעכט זענען זיי געגאַנגען, הונגעריקע און געפּרוירענע. ביי יעדן נישט פּינקטלעכן טראָט האָבן די דייטשישע זעלנער געשאָסן. אַ סך מענטשן זענען געפאַלן אויפן וועג, קיינער האָט זיי נישט אויפגעשטעלט. די, וואָס האָבן נישט געקענט גיין שנעל און זענען געבליבן הינטער־שטעליק, האָבן די דייטשן דערשאָסן. אַזוי אַרום זענען אויף די וועגן, אויף וועלכע די דייטשן האָבן געשלעפּט די יידישע לאַגער־אַרעסטאַנטן, געבליבן ליגן מאַסן טויטע.

אין שאַטערוועקער לאַגער זענען געבליבן בלויז די קראַנקע פון די קראַנקען־בלאָקן. איך בין דעמאָלט אויך געווען צווישן די גליקלעכע, וואָס זענען נישט געוואָרן אַוועקגעשיקט אין מאַרש. אָבער קיין „איבערגרופּירונג״ האָט אויך מיך נישט אויסגעמיטן. נאָך דעם ווי זיי האָבן אַוועקגעשיקט די „געזונטע״, האָבן די דייטשן צונויפגענומען אַ גרופּע קראַנקע, וואָס זענען נאָך געווען פעיִק אַ ביסל צו גיין, און אַוועקמאַרשירט מיט זיי 3 קילאָ־מעטער פון שאַטערוועקער לאַגער אין אַן אַנדער לאַגער אַריין. אַזוי אַרום בין איך, מיט אַט דער גרופּע קראַנקע, אָנגעקומען אין לאַגער דערנאַו.

# לאַגער דערנאַו

## אוישוויץ־זוטא — דערנאַו

איידער איך שרייב וועגן לאַגער דערנאַו, מוז איך כאָטש מיט עטלעכע ווערטער זיך אָפּשטעלן אויף דעם קליינעם, הייליקן פּלאַץ, וואָס דערוועקט אין מיר אַ ציטער. אויף דעם שטח געפינט זיך דער ברידער־קבר פון טויזנטער יידן פון די „אַרבעט״־לאַגערן אין יענער געגנט. אָט די אַלע טויזנטער יידן זענען סיסטעמאַטיש אויסגעמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן אין די יידישע מענער־לאַגערן אין נידער־שלעזיע. אין יענעם ברידער־קבר ליגן די, וועלכע זענען פריִער, אין אוישוויץ, סעגרעגירט געוואָרן אַלס יונגע, געזונטע און אַרבעטס־פעִיקע און געוואָרן פאַרשיקט אין די לאַגערן, ווו זיי האָבן געליטן פון אומדערטרעגלעכן הונגער, שמוץ, פּראָוואָקאַציעס און קלעפּ, קעלט און דערשעפּונג. די, וואָס האָבן דאָס אַלץ אויסגעהאַלטן, זענען אומגעקומען אין די עפּידעמיעס.

די מענטשלעכע שפּראַך איז צו אָרעם אויף צו קענען געבן כאָטש אַ קליינעם באַגריף פון די פּיינען און ליידן פון אָט די אַלע יונגע מענער, וועלכע האָבן מיט די לעצטע אינערציע־כוחות אויסגעהאַלטן און געוואָלט דערלעבן די פרייהייט. אַלע סימנים האָבן עדות געזאָגט, אַז די הילף איז שוין נאָענט, אַז דער מזרח־פראָנט איז שוין ממש „אונטער דער נאָז״. מען האָט געוווּסט, אַז אוישוויץ איז שוין באַפרייט, אַז די דייטשן פאַרגאַזן שוין נישט דאָרטן קיין יידן און פאַרברענען זיי שוין נישט אין קיין קרעמאַטאָריעס. אָבער דער פראָנט האָט זיך גראָד פאַרהאַלטן ביי נידער־שלעזיע. האָבן די דייטשן אין יענער געגנט אָרגאַניזירט אַן אַנדער סיסטעם, אַן „אוישוויץ־זוטא״.

יענע געגנט איז געוואָרן פאַרזייט מיט יידישע „אַרבעט״־לאַגערן, וועלכע האָבן זיך שנעל פאַרוואַנדלט אין טויט־לאַגערן, צווישן זיי דער צענטראַל־לאַגער אָבערוויסטעגירסדאָרף, שאַטערווערק, דערנאַו און

נאָך. יעדע 2 — 3 קילאָמעטער האָט זיך געפונען אַזאַ לאַגער, מיט יידן פון פוילן, אונגאַרן, גריכנלאַנד, דייטשלאַנד און פון אַנדערע לענדער.

דאָס סיסטעמאַטישע דערשעפן פון די יונגע יידישע מענער אין די אַרבעט־לאַגערן האָט זיך אָנגעהויבן פון די ערשטע חדשים פון פאַרשיקונג, אין האַרבסט 1944, אָבער דער טעמפּאָ און די פאַרמען האָבן זיך פאַרשטאַרקט און פאַרשאַרפט אין די ווינטער־מאָנאַטן. די קראַנקע פון די קראַנקן־בלאָקן זענען מאַסנווייז אויסגעשטאָרבן. יעדער טאָג, וואָס האָט אונדז דערנענטערט צו דער באַפרייונג, האָט אויך געבראַכט אַלץ מער יידישע קרבנות אין די אַלע לאַגערן. אין פרילינג, אין די חדשים מערץ, אַפּריל און אין די ערשטע טעג מאַי 1945, האָט די שטערבלעכקייט, אָדער דייטלעכער געזאָגט, די דייטשישע אויסראָטונג פון די פאַרשיקטע יידישע אַרבעטער, אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער פון אַ כמעט טאָטאַלן טויט־שניט.

פון אַלע לאַגערן אין דער געגנט אַרום דערנאַו, פלעגט מען יעדן טאָג ברענגען האַנט־וועגעלעך. עטלעכע יונגע העפטלינגע, וואָס האָבן זיך נאָך געקענט האַלטן אויף די פיס, פלעגן זיך איינשפּאַנען צום וועגעלע, צוויי מענער פלעגן עס אונטערשטופּן פון הינטן, און אַזוי פלעגט מען פירן אַ מרחק פון 2 — 3 קילאָמעטער דעם „באַגאַזש" פון 8 אָדער 10 טויטע יידן, אין דער באַגלייטונג פון אַ באַוואָפנטן ס.ס.־זעלנער. צוקומענדיק צום באַשטימטן גרוב, האָט מען די קדושים אַריינגעוואָרפן אויף די פריִערדיקע טויטע. אַזוי אַרום האָט זיך דאָרט געשאַפן אַ יידישער ברודער־קבר פון טויזנטער — פון די לעצטע רעשטלעך דערמאָרדעטע לאַגער־יידן.

די דייטשן האָבן איינגעפירט אַ גענויע רוטין לגבי די קערפּערס פון די געשטאָרבענע אין יענע לאַגערן. ביי די, וואָס האָבן עס פאַרמאָגט, האָט מען אַרויסגעריסן די גאָלדענע ציין פון די מיילער, דערנאָך האָט מען מיט אַ פּענדזל אָנגעשריבן אויף די נאַקעטע קערפּערס די לאַגער־נומערן. אין די ביוראָען זענען יעדן טאָג געוואָרן נאָטירט די נומערן פון די העפטלינגע, וועלכע זענען אַדורך די דייטשישע פּראָצעדור, ביז זייערע קערפּערס זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין דעם טיפן יודען־גרוב. אַזוי האָט דער דערנאַוער יידישער ברידער־קבר, נישט ווייט פון דעם לאַגער אין דערנאַו, איינגע־שלונגען טויזנטער יידישע קדושים. אַט דער אוישוויץ־זוטא האָט עקזיסטירט

ביז דעם סאַמע לעצטן טאָג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ביז דעם 8טן מאי 1945.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, אָנהויבנדיק פון יאָר 1946, ווען ס׳איז געקומען די יידישע רעפּאַטריאַציע פון ראַטן־פאַרבאַנד קיין פּוילן, האָט זיך אין נידער־שלעזיע אַנטוויקלט אַ יידישער ישוב. די יידן פון יענער געגנט — ווי שווידניץ און וואַלבזשיך — פלעגן יעדן יאָר קומען צו דעם ברידער־קבר פון דערנאַו, אָדער — ווי מען האָט דאָס אָרט דערנאָך גערופן אויף פּויליש — „גיערזשטשע פּוסטע״. היינט צו טאָג, ווייס איך נישט, צי ס׳איז נאָך דאָרט פאַרבליבן כאָטש אַ קליינער יידישער ישוב, און צי עמעצער באַזוכט נאָך אַמאָל דאָרט דעם ברידער־קבר. דאָך, טאָר עס נישט פאַרגעסן ווערן. זאָלן מיינע עטלעכע שורות דינען ווי אַ מצבת־זכרון פאַר די אַלע טויזנטער קרבנות.

## די נאַקעטע יידן און דער דייטשישער שפּאַט

דער לאַגער דערנאַו, ווי דער לאַגער אין אָבערוויסטעגירסדאָרף, געפינט זיך אין אַ געוועזענעם פאַבריק־בנין פון 3 שטאָק. אויף יעדן שטאָק אין די אַלע דריי גרויסע פאַבריק־האַלעס, זענען איינגעאָרדנט רייען פּריטשעס פון רויען האָלץ, צו 2 גאָרנס, איין „בעט״ איבערן צווייטן. גלייך ביי מיין אָנקומען האָב איך זיך איבערצייגט, אַז דער לאַגער שאַטערוועדק איז נאָך געווען „ליבעראַל״ אין פאַרגלייך מיט דער דייטשישער „אָרדנונג״ אין דערנאַו. די אַלע מדורי גיהנום, וואָס איך בין אַדורך אין שאַטערוועדק, זענען נישט געקומען צו דעם, וואָס פאַר מיינע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אין דערנאַו.

אין בלאָק פון דריטן שטאָק, באַפעלן מיך דער בלאָק־עלטעסטער און די קאַפּאָס זיך אויסצוטאָן און זיי נעמען צו מיין אָנטון. זיי ווייזן מיר דאָס פּרייע „בעט״, ווו איך זאָל זיך אַנידערלייגן. איך לייג זיך, דעק זיך צו מיט דעם קאָץ, וואָס ליגט אויפן בעט, קוק זיך אַרום אין דער גרויסער האַלע מיט די פאַרשטויבטע ציגל־ווענט. דער ריזיקער זאַל איז פול מיט לאַגער־בעטן; רייענווייז, אויף רעכטס און לינקס, הינטער מיר אַלע אַזש ביז צו דער טיר. אין אַלע בעטן ליגן די העפטלינגע אין גאַנצן נאַקעט, אַזוי ווי איך.

געווען איז דאָס סוף יאַנואַר 1945. די טעג זענען קורצע, די נאַכט פאַלט שנעל צו. די געציילטע שוואַכע עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס הענגען אַראָפּ פון סופיט, באַלויכטן כמעט נישט די טיפע ווינקלען צווישן די בעטן, דאָך זע איך די באַוועגונג אין בלאָק. פון צייט צו צייט גייט אַ נאַקעטער העפטלינג צו צו דער טיר, ביי וועלכער עס שטייט אַ טיש מיט אַ באַרג פון מאַנטלען. די מאַנטלען זענען אַלט און פון פאַרשידענע גרייסן און קאָליר. דער דאָזיקער טיש ווערט שטרענג אָפּגעהיטן פון די עלטעסטע און קאַפּאָס. צוקומענדיק צו דער טיר באַקומט דער נאַקעטער העפטלינג פון דעם קאַפּאָ אויסגעבאַרגט אַן אַלטן, שמוציקן מאַנטל, וועלכן ער טוט אָן אויפן נאַקעטן גוף. אַזוי גייט ער אַראָפּ אויפן פאַרטער, ווו עס געפינט זיך דער לאַגער־קלאָזעט. צוריקקומענדיק, מוז דער העפטלינג גלייך אויסטאָן דעם מאַנטל און אים אַרויפלייגן אויפן טיש און אַליין גייט ער צוריק אַ נאַקעטער צו זיין געלעגער, רוקט זיך אַרונטער אונטער זיין קאָץ — דאָס איז דער „נאַקעטער" יידישער קראַנקען־לאַגער דערנאַו.

צו מאָרגנס פרי, ווען איך עפן די אויגן, ווער איך תיכף אינטריגירט פון דעם, וואָס איינער שטייט אויף מיין בעט צופוסנס און קוקט אַרויס פון דעם פענצטערל, וואָס געפינט זיך אין דער וואַנט פונקט איבער מיין בעט.

וואָס קוקט ער דאָרט, וואָס זעט ער דען אויף די פעלדער פון דעם דערנאַוער דאָרף? — פרעג איך זיך אַליין און באַשליס זיך אויפצושטעלן און אויך אַרויסקוקן. אָבער איידער איך באַוויז זיך אויפצושטעלן און זיך אַרומנעמען מיטן קאָץ, איז שוין נאָך איינער אַרויף אויף מיין בעט כדי אַרויסצוקוקן. שטעל איך זיך צו ווי דער דריטער און קוק צווישן די צוויי קעפּ, וואָס ליגן אויפן פענצטערל. אין דער ערשטער מינוט זע איך גאָרנישט אויסער די פאַרשנייטע פעלדער אוןביימער.

— וואָס איז אייך עפּעס אַזוי אינטערעסאַנט אַרויסצוקוקן? — פרעג איך זיי.

— ער זעט גאָרנישט דעם שאָסיי, ווו די דייטשן וואַנדערן! — לאַכן זיי פון מיר.

איצט זע איך שוין בולט דעם שוואַרצן פּאַס צווישן די וויסטע פעלדער. דאָס איז דער שאָסיי, ווו די דייטשן וואַנדערן: גרויסע קאַראַוואַנען פילן אויס

זיין גאַנצע לענג און ברייט. מען גייט מיט רוקזעק צו פוס און מען פאָרט אויף ראָווערן. מען רייט אויף פערד און ס׳פאָרן דאָרפישע פורן, פולע מיט געפעק, אויף וועלכע עס זיצן עלטערע פרויען און קינדער. טייל פורן זענען אַזוי איבערגעלאָדן מיט געפעק, אַז די פאַמיליעס גייען צו פוס; דער אַלטער בעל־הבית גייט גלייך מיט די פערד פון פאָרנט, מיט דער בייטש אין זיין האַנט, דער הונט לויפט פאָרויס און די משפחה גייט אַרום דער פור. צו טייל פורן זענען צוגעבונדן קי אָדער קעלבלעך.

דאָס רופט נאַטירלעך אַרויס אַסאָציאַציעס מיט אונדזערע אייגענע וואַנדערונגען אין אָנהויב פון דער מלחמה. אין משך פון פינף און אַ האַלב יאָר האָבן אונדז די דייטשן באַרויבט, צעשטויבט, דערמאָרדעט אונדזערע משפחות און אונדז פאַרשיקט אין די „אַרבעט״־לאַגערן, ביז מיר זענען אָנגעקומען דאָ אַהער, אין אָט דעם „נאַקעטן״ יידן־לאַגער דערנאַו. די זכרונות פון דער פאַרגאַנגענהייט און די געפילן פון דער פיינלעכער קעגנוואָרט זענען אויסגעמישט מיט דער האָפענונג פאַר דער נאַצישער מפלה. מען קען זיך גאָרנישט אָוועקרוקן פון פענצטערל, מען ווערט נישט מיד צו שטיין און קוקן, צו זען די אַלע נייע מענטשן־כוואַליעס. דאָס איז דאָך אַ בולטער באַווייז, אַז דער מזרח־פראָנט איז נאָענט: די דייטשישע באַפעל־קערונג וואַנדערט אַוועק טיפער אין דייטשלאַנד, אויף מערב. דער סוף פון דער מלחמה דערנענטערט זיך!

אָבער אַזוי ווי מיר שטייען און שלינגען מיט פאַרגעניגן די פּאַנאָראַמע פון דער דייטשישער אויסוואַנדערונג, דערהערט זיך דער גוט־באַקאַנטער באַפעל:

— אַכטונג! אַכטונג!

דאָס האָט דער בלאָק־עלטעסטער געמאָלדן די נאַקעטע העפטלינגע, אַז „געסט״ זענען אַריינגעקומען אין בלאָק אַריין און מען מוז זיי באַגריסן מיט דיסציפּלינירטער ערע.

אַלע צעלויפן זיך מאָמענטאַל פון דעם פענצטערל, אַלע העפטלינגע אין בלאָק לייגן זיך אַריין אין די בעטן, אונטער די קאָצן.

ביי דער טיר, לעבן דעם בלאָק־עלטעסטן, שטייען צוויי יונגיטשיקע נאַצישע אָפיצירן. דאָס זענען די צוויי לאַגער־פירער, אין עלטער פון 16 — 18

יאָר, אויסגעפּוצטע אין געפּאַסטע אָפּיצירן־אַנצוגער און היטלען. זײערע גלאַטיקע לויטערע פּנימער קוקן מיט גאַווהדיקע אויגן אויף די טויזנט נאַקעטע ייִדן און זײ שמײכלען מיט שפּאָט.

די נאַקעטע ייִדן מוזן אָבער קוקן אויף די צװײ יונגע דײַטשלעך. אַזאַ איז די דיסציפּלין־פּראָצעדור: די העפטלינגע מוזן ליגן גלײַך, אויף „אַכטונג", מיט די פּיס אונטער די קאָצן, האַלטן די הענט גלײַך אויסגעצויגן איבער די קאָצן און קוקן אויף די צװײ דײַטשלעך. אין בלאָק איז איצט שטיל, די שטימונג איז געשפּאַנט, אין די טויזנט קראַנקע נאַקעטע ייִדן קאָכט דער עקל איבער דעם מערדערישן ראַסן־שפּאָט, װאָס עס װײַזן נאָך אַלץ אַרויס די צװײ יונגע דײַטשישע לאַגער־פּירער — אַפילו איצט, האַרט פאַר דער נאַצישער מפּלה.

# ג ע ר ט נ ע ר

גערטנער איז געלעגן װײַט פון מיר. נאָך עטלעכע טעג פון מײַן זײַן אין דעם בלאָק האָב איך אים נאָך נישט געקענט. די אומשטענדן האָבן אָבער דערפירט צו דעם, אַז איך האָב זיך מיט אים געטראָפן, און ער האָט מיר דערצײלט װעגן זײַן לאָדזשער פאַרגאַנגענהײט און אויך װעגן זײַנע שטרע־בונגען פאַר באַפרײַונג. צוליב דער אַלגעמײנער באַדײַטונג פון זײַנע װערטער, האָב איך געהאַלטן פאַר נויטיק, תיכף נאָך דער מלחמה, דאָס צו פאַרנאָטירן.

אײנעם אַ פרימאָרגן האָט דער בלאָק־עלטעסטער אויסגערופן:

— װער ס'װיל אויסקערן דעם בלאָק, דער באַקומט אָנצוטון אַ מאַנטל!

װאָס פאַר אַ גליק איז דאָס פאַר אַ נאַקעטן מענטשן, װען ער באַקומט די מעגלעכקײט אָנטון עפּעס אויף זײַן קערפּער! אָבער װײניק ייִדן אין בלאָק האָבן זיך אָפּגערופן אויפן בלאָק־עלטעסטנס מעלדונג. פאַר די קראַנקע איז ממש שװער געװען די אַרבעט פון אַרומגײן מיטן בעזעם און קערן דעם בלאָק. בלויז געצײלטע גײען אַראָפּ פון די געלעגערס צו דער טיר צו נעמען אַ מאַנטל — זאָל זײַן אַ פרעמדער, אַלטער שמוציקער מאַנטל — אַבי

צוצודעקן דעם נאַקעטן גוף. עטלעכע מאָן שטעלן זיך אין אַ ריי, דער קאַפּאָ נעמט אַראָפּ פון טיש דעם ערשטן מאַנטל און דערלאַנגט עס דעם ערשטן אין דער ריי. ס'איז נישט וויכטיק, אויב דער מענטש איז גראָד אַ הויכער, און דער מאַנטל אַ קליינער, אָדער פאַרקערט. אין לאַגער לייגט מען נישט קיין אַכט אויף אַזעלכע קלייניקייטן. נאָך דעם באַקומט מען אויך אַ בעזעם, און מען נעמט זיך צו דער אַרבעט: יעדער גייט צווישן די לאַנגע רייען פון צוויי־גאָרנדיקע פּריטשעס.

איך בין אויך געווען צווישן די, וואָס האָבן באַקומען אַ פאַלטן און אַ בעזעם. האָב איך פאַרלייגט די ברייטע פּאָלעס פון מיין צו לאַנגן פאַלטן און אַריין צווישן די פּריטשעס אויסקערן.

עטלעכע העפטלינגע פון לאָדזש האָבן מיך דערקענט, און אַזוי, ווי איך בין געשטאַנען באַקליידט אין דעם פאַלטן און מיט דעם בעזעם אין דער האַנט, האָבן מיר זיך באַגריסט און זיך אַ ביסל דורכגעשמועסט.

ווען איך בין אָבער צוגעקומען אויסקערן ביי גערטנערס געלעגער, האָט ער מיך פאַרהאַלטן אויף לענגער. איך האָב זיך אַנידערגעזעצט, און ער האָט מיר דערציילט וועגן די אונטערערדישע געזעלשאַפטלעכע טעטי־קייטן אין לאָדזשער געטאָ.

— איך האָב געוווינט — האָט ער מיר דערציילט — אויף בערקאָ יאָסעלעוויטשאַ גאַס נומער 16 אין טויער אויפן 2טן שטאָק. ביי מיר אין שטוב זענען אָפט פאַרגעקומען זיצונגען פון די פאַך־קאָמיסיעס, פון דער קיך־פאַרוואַלטונג, באַראַטונגען בנוגע די וועגן צו באַקעמפן רומקאָווסקיס אַדמיניסטראַציע. דו ווייסט — זאָגט ער צו מיר וויטער — דו ווייסט, די מלחמה וועט זיך אַ ליאַדע טאָג ענדיקן, דעמאָלט וועט אונדז גאָרנישט פעלן, אונדזער חבר רינגעלבלום אין וואַרשע אַרבעט אין „דזשאָינט".

בשעת מעשה האָב איך זיך געוווּנדערט און באַצויגן זיך מיט פאַרדאַכט צו זיינע אויסטערלישע רייד, דאָך האָב איך געמיינט, אַז ס'איז פאַראַן אויך אמת אין זיינע פאַנטאַזיעס. לסוף האָט ער געזאָגט:

— אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן, און מיר וועלן זיין פריי, וועל איך נישט קענען אַרויסגיין, ווייל איך בין דאָך נאַקעט. אפשר וועסטו מיך קענען באַזאָרגן מיט אַ מאַנטל, איך בעט דיך! — זיינע ווערטער האָבן אין מיר

אויפגעוועקט אַ געפיל פון רחמנות — פאַר אים. פאַר מיר, פאַר די אַלע געפאַנגענע, קראַנקע און נאַקעטע יידן אין לאַגער דערנאַו.

## פּאַרדאָן! פּאַרדאָן!

יעדן טאָג פלעגן מיר שטיין, עטלעכע שכנים, אַרומגענומענע מיט די קאָצן אַרום אונדזערע נאַקעטע קערפּערס. צופוסנס מיין „בעט", און אַרויסקוקן פון פענצטערל אויפן שאָסיי. דאָרט זעט מען כסדר די קאַראַוואַנען דייטשישע ציוויל־באַפעלקערונג, וואָס וואַנדערן אויף מערב. טיפער אין דייטשלאַנד. דאָס פאַרגעניגן, וואָס עס ברענגט די האָפענונג פון דער באַפרייונג, שטאַרקט די קראַנקע יידן, זיי שטייען אַזוי אָפּ אַ לאַנגע צייט אויף די פיס, נאָכקוקנדיק וואָס עס קומט פאַר אויף יענער זייט פון דעם דערנאַוער לאַגער. אַז מען ווערט מיד, לייגט מען זיך צוריק אין די „בעטן" און מען שמועסט וועגן דער לאַגע. מיין שכן פון דער רעכטער זייט קרעכצט און דריקט אויס דאָס, וואָס אַלע ווייסן און פילן:

— דאָרט, אויפן שאָסיי, טרעטן שוין אָפּ די ציווילע דייטשן, אָבער דאָ היטן די באַוואָפנטע ס.ס.־דייטשן אַרום דעם לאַגער־בנין 24 שעה אין מעת־לעת, ס'איז פאַר זיי וויניק, וואָס זיי האָבן צוגענומען אונדזער אַנטון און מיר ליגן נאַקעט, זיי האָבן נאָך מורא, אַז מיר וועלן נאַקעטערהייט זיך באַפרייען פון זייערע מערדערישע הענט.

אַז מען רוט זיך אָפּ, שאַרט מען זיך ווידער צו צום פענצטערל אַרויס־קוקן אויפן שאָסיי. אַפילו ווען דער טאָג האַלט שוין ביים זיך אויסלעשן, כאַפּט מען אַריין די לעצטע גרויע טאָגליכט, כדי צו דערזען די אומענדלעכע באַוועגונג אויפן שאָסיי. אָבער פלוצלינג דערהערט זיך דער דונערדיקער באַפעל:

— אַכטונג! אַכטונג!

מען צעלויפט זיך פון דעם פענצטערל אין די „בעטן". אין בלאָק ווערט שטיל, אַלע ליגן מיט די פיס אונטער די קאָצן און די הענט — פון אויבן, ווי שטענדיק, ווען עס קומען אַריין די צוויי לאַגער־פירערס. איינעם אַ טאָג איז אָבער באַלד נאָך דעם באַפעל „אַכטונג!" געקומען אַן אַנדערער שטרענ־

גער באַפעל מיט אַ וואָרענונג פון דעם בלאָק־עלטעסטן: אַלע זאָלן זיך אויסדרייען אויף דער זייט צו דער טיר און גאַנץ רויִק זיך צוקוקן!

וואָרשיינלעך איז עס דאָס מאָל נישט קיין געוויינטלעכער באַזוך פון די צוויי יונגע דייטשלעך. געשפּאַנט דרייען זיך די טויזנט נאַקעטע יידן אויס צו דער טיר. עס שטייען שוין דאָרט די „געסט" — די צוויי פּאָר אויגן פון די אויסדרעסירטע היטלער־יוגנט־אַפּיצירן שפּיזן שוין אויף די יידן מיט אַ מערדערישן חוזק.

אויפן טיש ביי דער טיר, לעבן די צוויי רוצחים, שטייט אַ בענקעלע ביי דער וואַנט און עס איז צוגעגרייט אַ תליה. דער שטובאָווע פירט אַרויף אַ נאַקעטן ייד אויפן בענקעלע. דער ייד איז אַרום דרייסיק יאָר אַלט. ווען ער שטייט אויפן בענקעלע, בינדט מען אים צו די הענט צו דער תליה און דאָס בענקעלע נעמט מען אַוועק.

דער דרייסיק־יעריקער מאַן בלייבט הענגען אויף זיינע הענט, נעבן די שטריקלעך ווערן זיי ברוין און בלאָ. הייבט ער אָן הויך און פאַרצווייפלט צו שרייען:

— פּאַרדאָן! פּאַרדאָן!

דער ייד איז אַ גריכישער, קיין דייטש אָדער יידיש קען ער נישט. ווען עס האָבן אים אַרומגענומען די יסורים, האָט ער ביי די דייטשן געבעטן רחמים מיט דעם איינציקן וואָרט: „פּאַרדאָן"! מיט יעדן רגע זענען די ברוין־און־בלויע רייפן אויף זיינע הענט געוואָרן טיפער, ברייטער און שוואַרצער. גלייכצייטיק האָבן פּונקט אַזעלכע ברוין־און־בלויע פאַרשוואַרצטע רייפן זיך באַוויזן אויף זיינע פיס. מיט יעדער רגע האָבן זיך די קאָלירן פון זיין מיתה־משונה אַראָפּגעלאָזט פון די אויפגעהויבענע הענט אַלץ נידעריקער. גלייכצייטיק האָט זיך אויך געענדערט זיין שטימע. אין אָנהייב האָט ער געשריגן הויך, דערנאָך איז דאָס געשריי געוואָרן שוואַכער און שוואַכער.

די קראַנקע לאַגער־יידן האָבן זיך צו דעם אַלעם צוגעקוקט. דער שטובאָווע האָט פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט. זיין פּנים איז באַדעקט געוואָרן מיט אַ רויטן גרימצאָרן־קאָליר. דערווייל איז ביים געהאָנגענעם דער גאַנצער קערפּער שוואַרץ געוואָרן און דאָס שטילע שעפּטשען „פּאַרדאָן" איז שוין פאַרשטומט. ווי אַ שוואַרצע מילך אין אַ מענטש־געשטאַלט הענגט ער און

צאַנקט מיט דער נשמה. ביים שטובאָווע האָבן אָנגעהויבן די פיס זיך צו טרייסלען; מיט אַ תחנונים־בליק קוקט ער צו די צוויי יונגע דייטשלעך, אַז זיי זאָלן אים דערלויבן באַפרייען דעם געהאָנגענעם פון די שטריק. אָבער די צוויי יונגע דייטשן קוקן זיך גלייכגילטיק צו, ווי דער ייד הענגט אויף זיינע הענט און ראַנגלט זיך אין זיינע קאָנוואולסיעס. זיי קוקן אויף די קראַנקע וואָס טרייסלען זיך פון אַ פיבערדיקער אויפרעגונג, אָבער זיי פאַרגעסן אויף קיין איין מינוט נישט אין זייערע זייגערס: ווי אַן ענטפער אויפן שטובאָוועס תחנונים־בליקן, פויקט איינער פון די דייטשן מיטן פינגער אויף זיין זייגער:

— נאָך פיר מינוטן! — ווידער קוקן זיי זיך קאַלטבלוטיק אַרום. דער דייטשישער מערדער פויקט ווייטער:

— נאָך דריי מינוטן, נאָך צוויי!

יעד סעקונדע דויערט אַן אייביקייט. דעם יידס קערפער ווערט אַלץ שוואַרצער, און אַלץ שוידערלעכער איז אויף אים צו קוקן.

ענדלעך האָט דער זייגער אויף דעם דייטשס האַנט געוויזן, אַז עס זענען אַריבער צען מינוט, די צוויי יונגע דייטשלעך האָבן גלייכגילטיק, ווי אויטאָמאַטן, פאַרלאָזט דעם בלאָק. נאָך זייער אַוועקגיין האָט דער שטובאָווע געוואָלט שנעל אויפבינדן די שטריק, אָבער זיינע הענט האָבן געציטערט. עס איז געוואָרן אַ געשריי.

— אַ מעסער! אַ מעסער! — ענדלעך האָט מען געבראַנגט אַ מעסער, דער שטובאָווע האָט אָפּגעשניטן די שטריק. מען האָט דעם ייד אַראָפּגענומען, אַנידערגעלייגט אויפן דיל ווו ער איז געלעגן עטלעכע שעה, ביז ער האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך.

מיט וואָס האָט זיך דער גריכישער ייד פאַרזינדיקט פאַר די דייטשלעך? פאַר וואָס האָבן זיי אים בשום אופן נישט געוואָלט מוחל זיין, נישט שענקען אים אַפּילו קיין איין מינוט פון דער שטראָף — צו הענגען צען מינוט אויף די הענט, און נאָך דערצו נאַקעטערהייט, פאַר די אויגן פון אַלע קראַנקע אין בלאָק?

דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער דייטשישער תאווה פאַרן גאָלד, וואָס האָט זיך געפונען אין די מיילער פון די טויטע יידן.

אויף דער קויקע אונטער דעם גריכישן ייד איז זיין שכן געשטאָרבן. איידער מען האָט אַרויסגעטראָגן דעם טויטן קערפּער, האָט מען אַרויסגעריסן פון זיין מויל זיינע גאָלדענע ציין. דערביי האָט מען באַפוילן דעם גריכישן ייד, אַז ער זאָל נישט אַראָפּקוקן צו זיין שכן. אָבער ער האָט זיך יאָ צוגעקוקט צו דער אַרבעט. אָט דערפאַר איז ער אָפּגעקומען די עקזעקוציע פון הענגען צען מינוט אויף די הענט.

## צווישן יאָ און ניין

אין אונדזער בלאָק איז אַן אויפלעבונג, ממש אַ „יריד״. מען גייט און מען קומט, מען פאַרשט און מען פאַרשרייבט.

אַ יריד אין די דייטשישע לאַגערן איז נישט געווען פאַר אונדז קיין נייעס. ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין אוישוויץ, אין סעפּטעמבער 1944, זענען מיר גלייך אַריינגעפאַלן אין דער דייטשישער מאַשין, וואָס האָט די מענטשן צעטרייסלט, געשליידערט, געיאָגט, געשלאָגן און דערנידעריקט.

אָבער איצט, אין פעברואַר 1945, אין פאַרוואָרפענעם נידער־שלעזישן לאַגער דערנאַו, צווישן די ווענט פון אַ געוועזענער פאַבריק, ווו עס ליגן טויזנט יידישע קראַנקע און נאַקעטע אַרבעטס־קנעכט — וואָס קען דאָ נאָך זיין פאַר אַ יאָגן און פלאָגן? ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז די דייטשישע אויסטערלישע המצאות פאַר דער יידישער דערנידערונג זענען נאָך אַלץ נישט אויסגעשעפּט.

אין די פרימאָרגן־שעהען זעצן זיך אַוועק אין מיטן בלאָק דער לאַגער־דאָקטער, דער שרייבער און די עלטעסטע. דער בלאָק־עלטעסטער רופט אַרויס איינצלווייז די קראַנקע העפטלינגע פון די „בעטן״ צום דאָקטער; דער דאָקטער פרעגט דעם העפטלינג אַ וואָרט, דער העפטלינג ענטפערט און דער שרייבער פאַרשרייבט דעם ענטפער. ווען ער גייט צוריק אויף זיין געלעגער, ווערט אַרויסגערופן אַ צווייטער, דערנאָך אַ דריטער, און אַזוי כסדר. בכלל, ס׳איז „לעבעדיק״ אין בלאָק, ס׳איז אַ באַוועגונג. מען טוט נישט חלילה קיין שלעכטס די מענטשן, מען פרעגט בלויז אַ וואָרט, און ס׳וועט פאַרשריבן זיין ענטפער. אָבער דאָך מישט זיך יעדן אין קאָפּ פון

דער אַנשטרענגונג צו געפינען אַ ריכטיקן ענטפער אויף דער „יעקישער" פראַגע, ווי אויף אַ רעטעניש.

— וואָס האָט דיך דער דאָקטער געפרעגט? — ווענד איך זיך צו מיין שכן פון רעכטס ווען ער איז צוריקגעקומען צעשטרייט און שטאַרק דענערווירט.

— ער האָט מיך געפרעגט, צי אין אַ חודש אַרום וועל איך שוין זיין געזונט.

— וואָס האָסטו אים געענטפערט?

— איך האָב אים געזאָגט, אַז איך ווייס נישט, וואָס ס'וועט זיין מיט מיר אין אַ חודש אַרום. דערויף האָט דער קאַפּאָ מיך אָנגעזידלט; דאָס — בייזערט ער זיך — איז נישט קיין ענטפער. אַזאַ ענטפער טאָר דער שרייבער נישט פאַרשרייבן, פאַרשטייסט? דו מוזט ענטפערן קורץ און שאַרף, מיט איין וואָרט — יאָ, אָדער ניין. חזרט דער דאָקטער איבער נאָך אַ מאָל די פראַגע: — אין אַ חודש אַרום וועסטו זיין געזונט?

איך האָב געוואָלט ענטפערן, אַז ניין, אָבער איך האָב זיך צוריקגעכאַפּט און געענטפערט, אַז יאָ, און אַזוי האָט דער שרייבער פאַרשריבן.

— און וואָס איז טאַקע בעסער צו ענטפערן? — פרעגט מיין שכן פון דער לינקער זייט — יאָ, אָדער ניין? ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ דייטשישע תחבולה ווערט ווידער צוגעגרייט פאַר אונדז. — אין בלאָק אַנטוויקלט זיך אַ דיסקוסיע וועגן דעם, וואָס איז בעסער צו ענטפערן; יאָ צי ניין.

ס'איז אויך געקומען מיין ריי.

— אין אַ חודש אַרום וועסטו...

— ניין! — ענטפער איך — איך בין זיך מפקיר, וואָס וועט זיין, זאָל זיין.

צו מאָרגנס פרי בין איך, מיט נאָך אַ גרופּע העפטלינגע, צוריקגעשיקט געוואָרן קיין שאַטערווערק.

# צוריק אין שאַטערוועריק

## טויזנט הונדערט און פופציק יידן

ווען איך בין פון דערנאָו צוריקגעקומען אין שאַטערוועריק, האָב איך דעם לאַגער כמעט נישט דערקענט. דורך די צוויי וואָכן, וואָס איך בין געווען אין דערנאָוער לאַגער, זענען דאָ פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען. דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער איבערגרופּירונג. אין שאַטערווער־קער לאַגער זענען געבליבן נאָר די קראַנקע פון די קראַנקען־בלאָקן. אויך אין אַנדערע יידן־לאַגערן זענען פאָרגעקומען איבערגרופּירונגען. די געזונטע האָט מען געשיקט אויף די גרויליקע ווענן. עטלעכע יידן־לאַגערן אין נידער־שלעזיע זענען אין גאַנצן ליקווידירט געוואָרן; די קראַנקע העפּטלינגע פון די ליקווידירטע לאַגערן זענען איבערגעשיקט געוואָרן אין שאַטערווערקער לאַגער. אַזוי אַרום איז דער שאַטערווערקער לאַגער געוואָרן אַ קראַנקען־לאַגער.

די ס.ס.־זעלנער, וואָס האָבן געוואַכט טאָג און נאַכט פון יענער זייט דראָט־פאַרצוימונג, און געהיטן אַז קיין לאַגער־ייד זאָל נישט אַריבער די שטעכל־דראָטענע צוים, קיין איינער זאָל נישט אַרויס אויף דער פריי — אויך זיי זענען איבערגרופּירט געוואָרן: די געזונטע דייטשן זענען אַוועק, און שוואַכע און קראַנקע זענען אָנגעקומען צו האַלטן וואַך אַרום די לאַגער־ווענט. אויך אויפן אָרט פון פריִערדיקן געזונטן מערדערישן לאַגער־פירער איז געקומען אַ נייער, אַ לאַמער.

אויף די ענדערונגען אין לאַגער שאַטערוועריק האָט אויך עדות געזאָגט דאָס 11טע צעלטל, וואָס איז שוין געווען פוסט און ליידיק. בלויז אַן איבער־בלייבעכץ, אַן אָנצייכעניש פון דעם, וואָס דאָס 11טע צעלטל איז געווען, האָב איך געזען אויף דער לייסט, אונטער דעם דעכל פון צעלטל: דאָרט זענען נאָך געלעגן אַרום דעם רונדיקן צעלטל אַ סך ברילן. די אַלטע ברילן האָבן געקוקט צו מיר ווי פון אַ ברידער־קבר. די רעמלעך פון די ברילן זענען געווען פון פאַרשידענע קאָלירן, אַ טייל פון די ברילן איז געווען

בלויז מיט איין גלאָז, אַנדערע — מיט צעבראָכענע אויערן־דראָטן, טייל אויך אין אַ בעסערן מצב, מיטביידע גלעזער. דאָס איז געווען די איינציקע איבערבלייבעניש פון די יידן.

דאָס צעלטל איז ליקווידירט געוואָרן, נישט דערפאַר, ווייל ס'איז שוין נישט געווען מער קיין דיזענטעריע־קראַנקע, נאָר פאַרקערט: ווייל דאָס צעלטל איז שוין געווען צו קליין און האָט סיי ווי נישט געקענט אַרייננעמען אין זיך אַלע דיזענטעריע־קראַנקע, וואָס זענען כסדר צוגעקומען. דעריבער איז דער בלאָק נומער 4 באַשטימט געוואָרן פאַר אַ דיזענטעריע־בלאָק אין לאַגער שאַטערוועָרק. דער קאַפּאָ פון צעלטל, מאַרקאָוויטש, איז געשיקט געוואָרן אין ערשטן בלאָק. די יידישע בלאָק־עלטעסטע און שטובן־עלטעסטע זענען אויך געטוישט געוואָרן אויף קראַנקע. דער געלער לאַגער־עלטעסטער איז נעלם געוואָרן פון לאַגער, ווייזט אויס, די דייטשן האָבן אים באַשטראָפט פאַר זיין „חוצפה״, ווייל ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרלייגן די שטריק אויפן יוגנטלעכן, וועמען זיי האָבן געשיקט צו דער תליה. אויך דער פריערדיקער „שרייבער״ איז דעגראַדירט געוואָרן, ער איז איבערגעשיקט געוואָרן אין דערנאָוער לאַגער אויף אַרבעט. דער איינציקער פון די אַלטע יידישע דיגניטאַרן, וואָס איז געבליבן אין שאַטערווערקער לאַגער ביז דער באַפרייונג, איז געווען דער לאַגער־עלטעסטער גינזבורג.

נאָכן צוריקקער פון לאַגער דערנאָו, בין איך אַריין אין זעקסטן בלאָק. שפּעטער האָט מען מיך איבערגעשיקט אין פינפטן בלאָק. אין פעברואַר 1945 איז מיר, בעת אַן אַפּעל, אויסגעקומען צו שטיין לעבן דעם פרישן שרייבער, וועלכער האָט איבערגעגעבן דעם לאַגער־פירער די צאָל העפּט־לינגע פון לאַגער שאַטערווערק: „טויזנט הונדערט און פופציק״. איך האָב דאָס דייטלעך געהערט, זיך גענומען אין זינען און דערציילט אין בלאָק מיינע שכנים. תיכף נאָך דער באַפרייונג, ווי איך בין נאָר געקומען צו זיך, האָב איך פאַרשריבן: טויזנט הונדערט און פופציק יידן אין חודש פעברואַר 1945 אין לאַגער שאַטערווערק.

# דער נאַכטוואַנדערער

די מעשה מיטן נאַכטוואַנדערער איז געווען אַזאַ: אין זעקסטן בלאָק, ווען איך האָב דאָרט „געוווינט", איז אַ מאָל איינער פון די 16 באַוווינער פון מיין קויקע אויפגעשטאַנען אין דער פרי מיט גרויס פאַרדראָס און פאַרביטערונג: ער האָט דערציילט, אַז מ'האָט ביי נאַכט אים צוגעגנבעט דאָס פּיצל ברויט פון קעשענע. קען דאָס מעגלעך זיין? ער האָט דאָך דאָס געהאַט אין דער הויזן־קעשענע, פאַרוויקלט און אונטערגעלייגט צוקאָפּנס. ווער וועט זיך וואַגן אין מיטן נאַכט, אין דער פינצטער, אַפּערשלעפּן די הויזן, אַרויסנעמען דאָס ברויט און צוריקלייגן די איינגעוויקלטע הויזן יענעם צוקאָפּנס? אין עטלעכע טעג שפּעטער האָט זיך די זעלבע זאַך איבערגעחזרט ביי אַ צווייטן, אַ פּאָר טעג אַרום — ביי אַ דריטן. ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז ס'געפינט זיך איינער, וואָס פּירט אויס דאָס שטיקל אַרבעט יעדע נאַכט ביי אַן אַנדערן. מען האָט אָנגעהויבן פאַרדעכטיקן איינער דעם צווייטן, מ'האָט אָנגעהויבן אָבסערווירן, וואַכן אין די נעכט, ביז מען האָט געכאַפּט אויף דער הייסער מינוט, אין מיטן דער אַרבעט, דעם נאַכטוואַנדערער. דאָס איז געווען אַ יונגער בחור פון אַ יאָר 18 — 20, פון אונגאַרן. דער הונגער האָט אים נישט געלאָזט איינשלאָפן. אין מיטן נאַכט, אין דער פינצטער, איז ער דאָס געקראָכן איבער די שלאָפנדיקע, געזוכט, געשנישטערט, ביז ער האָט עפּעס געפונען צו עסן.

די אונגאַרישע יידן פון בלאָק זענען געווען שרעקלעך אויפגעבראַכט אויף אים. יעדעס מאָל, ווען מ'איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי און ס'האָט עפּעס עמעצן געפעלט האָבן זיי אים געשלאָגן מכות־רצח. איין מאָל האָבן זיי אים צעקלאַפּט, אַז זיי האָבן אים שיער נישט דערהרגעט. אָבער ס'האָט נישט געהאָלפן. דאָרט, ווו ער איז געשלאָפן, איז ער ביי נאַכט געווען דער בעל־הבית.

אין בלאָק איז געוואָרן אַ פּאַניק. מ'האָט מורא געהאַט צו האַלטן אַ פּיצל ברויט. מ'איז נישט זיכער געווען אַפילו מיט דער בעסטער באַהעלטעניש. מ'האָט זיך איבערצייגט, אַז דער „נאַכטפויגל" קען אומעטום דערגרייכן. דאָס בעסטע באַהעלטעניש איז דעריבער געווען — אין מאָגן.

אַלע האָבן אָנגעהויבן אויפּצועסן די פּאָרציע ברויט תיכף ווי מען האָט זי באַקומען און גאָרנישט איבערגעלאָזט אויף מאָרגן, כאָטש מ׳האָט געמוזט הונגערן דעם גאַנצן טאָג.

## נאָוואַק

אין דער לעצטער שטובע פון פינפטן בלאָק, אויף דער אויבערשטער קויקע פון דער לינקער זייט, האָבן מיר, עטלעכע מענער, וועלכע זענען כסדר געווען צוזאַמען, זיך צונויפגעלעבט ווי ברידער. דער גורל האָט אונדז צוזאַמענגעפירט דורך די זעלבעליידן און דורך דער איינציקער האָפענונג — די האָפענונג פון שנעלער באַפרייונג.

נאָוואַק איז געווען איינער פון אונדז. איך האָב אים געקענט נאָך פון לאָדזשער געטאָ — איך פלעג אים דאָרט טרעפן אין קיך אויף בערקאָ יאָסעלאָוויטשאַ 16. שפּעטער, נאָך דער „שפּערע״, בין איך געווען ביי אים אין מעלדונגס־ביוראָ, ווו ער האָט געאַרבעט און אים געבעטן, אַז ער זאָל איבערמעלדן שיינדעלען, מיין יינגסטע טאָכטער. לויט די פאָדע־רונגען פון די דייטשן, האָבן קיין קינדער אין געטאָ נישט געטאָרט לעבן. אַלע מענטשן אין געטאָ האָבן געמוזט אַרבעטן אין איינער פון די געטאָ־פאַבריקן. נאָוואַק האָט גלייך „אויסגעבעסערט״ מיין שיינדעלעס געבורן־דאַטע און זי פאַרשריבן ווי אַן עלטערע. זינט דעמאָלט זענען שוין אַוועק 3 יאָר, אין משך פון וועלכע נאָוואַק האָט זיך געעלטערט ווי מיט 30 יאָר. אַזוי ליגנדיק מיט אים זייט ביי זייט, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט אים גוט צו דערקענען. מיט יעדן טאָג האָב איך אַלץ מער באַוווּנדערט זיין כאַראַקטער. אין די באַדינגונגען, אין וועלכע די יסורים האָבן אָפּגעמעקט דעם צלם־אלקים פון אַ מענטשן, האָט נאָוואַק געהאָלפן און געטרייסט זיינע חברים, אַליין געליטן, און דאָך מיטגעפילט אַנדערע. איך האָב באַוווּנדערט זיין מאָראַלישן כוח, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין דעם קראַנקן־לאַגער שאַטערווערק, און געוואָלט אויך זיך דערהויבן צו זיין הויכער מאָראַלישער מדרגה. אָבער איך פלעג זיך יעדן טאָג איינברעכן אונטער דער לאַסט פון פיין און אויסשעפּונג.

אין אָוונט ברענגט מען אַריין אין דער „שטובע" דעם קעסל זופּ מיט די פּאַרציעס ברויט. פון ביידע זייטן קוקן זיך צו די קראַנקע, אויסגע־הונגערטע העפטלינגע, ווי מען טיילט די זופּן; זעכצן פּאָר אויגן פון דער אונטערשטער קויקע און זעכצן פּאָר אויגן פון דער אויבערשטער, אַזוי פון ביידע זייטן טיר. מען דרייט זיך אויס מיטן פּנים צופוסנס כדי צו קענען גוט זען ווי דער שעפּער שעפּט די זופּן, צי עס שווימען אַרום אויך עטלעכע קרישקעס, ווייל אין ביסל זופּ מיטן שטיקל ברויט ווענדט זיך, צי מען וועט אַדורכלעבן די קומענדיקע 24 שעה, ביזן אַנדערן טאָג אין דער צייט. טייל העפטלינגע צעטיילן זיך די פּאַרציע ברויט אויף צוויי, אַ העלפט עסן זיי גלייך אויף און די רעשט באַהאַלטן זיי אויף מאָרגן. אָבער די מערהייט קענען זיך נישט באַהערשן און עסן אויף די גאַנצע פּאַרציע אויף איין מאָל און אַ גאַנצן טאָג מוזן זיי פאַסטן און צאַנקען מיט דער נשמה ביז צו דער פרישער קומענדיקער פונאַנדערטיילונג.

אויסגעהאַלטן אין דער הינזיכט איז געווען כמעט בלויז נאָוואַק, ביי אים האָט נישט פּאַסירט ער זאָל אויפעסן דאָס ברויט אויף איין מאָל. שטענדיק האָט ער געהאַט אַ שטיקעלע ברויט צו דער „קאַווע" אין דער פרי און אויך אַ שטיקעלע אויף ביי טאָג.

איך בין געווען צוגעווינט, נאָך פון דעם זעקסטן בלאָק, אויפצועסן מיין פּאַרציע ברויט אין זעלבן אָוונט. נאָך דעם ווי איך האָב זיך צוגעקוקט צו נאָוואַקס פירונג, האָב איך באַשלאָסן צו פירן זיך אַזוי ווי ער: אַז איך וועל באַקומען מיין פּאַרציע ברויט, זאָל איך זיך באַהערשן און איבערלאָזן אַ העלפט אויף מאָרגן. איך האָב טאַקע דעם ערשטן אָוונט באַהאַלטן אין קעשענע אַ האַלבע פּאַרציע, אָבער נאָכן אויסטרינקען די זופּ האָבן זיך מיינע קישקעס צעבונטעוועט קעגן „שכל הישר" און אָנגעהויבן רעוואָלטירן קעגן מיין באַשלוס.

בין איך אַזוי געלעגן אַ לאַנגע צייט און די אינערלעכע מלחמה אין מיר האָט זיך אַלץ געשטאַרקט, ביז איך האָב שטילערהייט אַרויסגעגנבעט מיין באַהאַלטענע האַלבע פּאַרציע ברויט און זי צעטיילט אויף צוויי גלייכע פּערטלעך. אויך איצט האָב איך אויפגעגעסן אַ העלפט און די רעשט גוט באַהאַלטן — דאָס מוז איך האַלטן אויף דעם מאָרגנדיקן גאַנצן

טאָג. מער וועל איך היינט נישט שוין רירן פון דעם ברויט, האָב איך זיך געזאָגט. אָבער אַז מען ליגט, פרעסט זיך די צייט אַריין אין די אָדערן. די שעהען האָבן זיך געצויגן אָן אַ סוף און מיך נישט געלאָזט איינשלאָפן. דאָס אויפגעגעסענע ברויט האָט מיין גוף בלויז אויפגעוועקט צום לעבן, אָבער אים נאָך נישט אָנגעזעטיקט. האָט ער געמאָנט דאָס לעצטע פיצל ברויט, וואָס איך האָב באַהאַלטן אין קעשענע. האָב איך ווידער געשלאָגן זיך מיט דער דעה: נאָכגעבן דעם „שמד" פון הונגער און מאָרגן אַ גאַנצן טאָג פאַסטן, אָדער זיך באַהערשן, ווי נאַוואַק. מיט אַט די געדאַנקען האָב איך לאַנג זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער — ביז דער יצר־הרע פון הונגער האָט מיך באַזיגט און איך האָב אַרויסגענומען דאָס לעצטע פיצל ברויט פון דער הויזן־קעשענע און עס אויפגעגעסן. דערנאָך האָב איך זיך שוין באַרויִקט, כאָטש דער הונגער איז נאָך נישט געווען אין גאַנצן איינגעשטילט; אָבער דאָס מאָל איז שוין נישט געווען קיין ברירה — ס'איז גאָרנישט געבליבן, אויסגעליידיקט ביז דער לעצטער קרישקע. אַזוי בין איך שוין איינגעשלאָפן.

צו מאָרגנס אין דער פרי, ווען איך האָב געזען, ווי נאַוואַק עסט זיין שטיקעלע ברויט צו דער „קאַווע", האָט מיר שוין באַנג געטאָן אויף מיין שוואַכקייט. פאַר וואָס קען איך זיך נישט באַהערשן? האָב איך זיך ווידער באַשווירן: היינט, ווען איך וועל באַקומען מיין פּאַרציע ברויט, וועל איך זיך פירן פונקט ווי ער. ביי דעם באַשלוס האָב איך זיך געהאַלטן אַ גאַנצן טאָג, ביז איך האָב דערהאַלטן די פּאַרציע ברויט; אַז איך האָב דאָס שוין געהאַט אין רשות, האָט זיך איבערגעחזרט אין מיר די זעלבע מלחמה, וואָס דעם פריִערדיקן אָוונט.

נאַוואַק איז געלעגן ביי מיין זייט, האָט זיך צוגעקוקט און געזען וואָס עס קומט פאָר מיט מיר, האָט ער מיר געמוסרט. אַריינגעזאָגט און פּרובירט ווירקן מיט גוטן, אָבער איך האָב נישט געקענט אַרויס פון דער אייגענער הויט. מיין פּירעכץ האָט זיך ביי מיר פאַרוואַנדלט אין אַ געוווינהייט.

# מיין ברויט־„מלחמה" מיט נאָוואַקן

דער ווינטערדיקער אָוונט איז אַ לאַנגער. נאָך דעם ווי מען עסט אָפּ די זופּ מיט ברויט, דערוואַרעמט מען זיך אַ ביסל און ס׳דערוועקט זיך אַ פונק פון האָפענונג צו דערלעבן די פרייהייט. אין אַזאַ צייט הייבן זיך אָן די שמועסן צווישן די קראַנקע קאַצעטלער, אין די ערשטע חדשים פון 1945 זענען געווען אַקטועל די ענינים פון דער מלחמה און די אויסזיכטן זי איבערצולעבן.

— אַלע סימנים זאָגן, אַז די דייטשן ליידן גרויסע מפּלות; זיי מוזן זיך אין קורצן איינברעכן, קאַפּיטולירן — האָט געזאָגט שוואַרץ. ער איז געווען אַן אָפּטימיסט און געמאַכט פּלענער אויף נאָך דער מלחמה — מיר וועלן זיי איבערלעבן — האָט ער ווייטער גערעדט — מיט די אייגענע אויגן וועלן מיר נאָך זען די היטלער־מפּלה. מיר וועלן נאָך אַ מאָל וויסן פון אַ פריי, שיין לעבן.

דער קליינער יאַנקעלע איז געווען אַנדערש געשטימט:

— מיר געפינען זיך איצט אין אַזאַ לאַגע — האָט ער געטענהט — אַז די באַפרייונג איז פאַר אונדז בלויז צוקונפט־מוזיק. אין דער לאַגע, איז יעדער טאָג פאַר אונדז אַן אייביקייט. דורות מענטשן האָבן אויס־געלעבט זייערע יאָרן און נישט געליטן אַזוי פיל, וויפל מיר אין איין וואָך; דער הונגער און די לייז עסן אונדז ביים לעבן. אוישוויץ איז שוין טאַקע פאַרנומען פון די רוסן, קיין גאַז־קאַמערן איז שוין דאָרט נישטאָ. אָבער דאָ, ביי אונדז אין שאַטערווערקער לאַגער, דאַרפן די דייטשן זיך נישט באַנוצן מיט קיין גאַז־קאַמערן, כדי אונדז צו דערמאָרדן. זיי מאַכן דאָס איצט אויף טרוקן, קאַלט. יעדן טאָג ווערן אַרויסגעטראָגן פון יעדן בלאָק עטלעכע טויטע.

איך האָב אויסגעהערט די געשפּרעכן און די מיינונגען און גלייכ־צייטיק האָב איך געפילט, אַז אַן אינערלעכע „דיסקוסיע" קומט פאָר אין מיר גופא. שוין זינט אַ לענגערע צייט האָב איך געהאַט אויפגעגעסן מיין ערשטע האַלבע פּאַרציע ברויט. אַזוי ווי אַלע טאָג, האָט זיך דער הונגער געריצט מיט מיר און איך האָב צעטיילט די צווייטע האַלבע פּאַרציע

אויף צוויי העלפטלעך, איין פערטל באַהאַלטן אין דער הויזן־קעשענע און די צווייטע „אַראָפּגעלאָזט“ אין זיך.

נאָוואַק האָט געזען וואָס איך האָב געטאָן. דאָס מאָל האָט ער געשוויגן, ער איז געווען פאַרנומען מיט די חברישע שמועסן:

— דאָס, וואָס מיר האָבן נעכטן געהערט דערציילן — רופט זיך אָפּ נאָוואַק — וועגן דעם וואָס מען האָט גערעדט ביי די לאַגער־דאָקטוירים, דאָס זענען ערנסטע וואָרענונגען, וועלכע מיר דאַרפן גוט געדענקען. איצט איז נאָך ווינטער, ס׳איז קאַלט. אויב די לאַגע וועט זיך נישט שנעל ענדערן, אויב מיר וועלן אין די נאָענטסטע טעג נישט באַפרייט ווערן, דראָט אַ געפאַר פון אַן אַלגעמיינער מגיפה אין לאַגער. ביי דעם שמוץ און שלעכטער דערנערונג, קען דאָס אַנדערש נישט זיין. ווי נאָר ס׳וועט זיך מאַכן וואַרעם, זענען מיר אַלע קאַנדידאַטן אויף די געפערלעכסטע קראַנקייטן.

— מ׳דאַרף נישט זיין קיין פּאַניק־מאַכער — מישט זיך אַריין דער געלער אברהמל — דער אויבערשטער וועט העלפן. ס׳איז נענטער ווי ווייטער.

נאָוואַק האָט אים אָנגעקוקט און אַקצענטירט יעדעס וואָרט באַזונדער:

— דער בעלגישער דאָקטער איז אַ ייד מיט אַ גוט האַרץ, און אַ גוטער דאָקטער דערצו. אויך דער דאָקטער גאָלדשטיין ווייסט וואָס ער רעדט. די לאַגע איז גאָר ערנסט, די געפאַר פון אַן עפּידעמיע איז גרויס. מיר דאַרפן דאָס וויסן.

— וואָס זשע דאַרפן מיר טאָן? — דערהערט זיך אַ פראַגע. און נאָוואַק רעדט ווייטער:

— ערשטנס, מוזן מיר, ווי ווייט מעגלעך, זיך האַלטן ריין. צווייטנס, דאַרף מען זיך באַמיִען צו צעטיילן די פּאַרציע ברויט אויף 2—3 מאָל, נישט אויפעסן אויף איין מאָל און אויף צו מאָרגנס אַ גאַנצן טאָג פאַסטן. דריטנס, מיר דאַרפן זיך האַלטן צוזאַמען, העלפן ווי ווייט מעגלעך איינער דעם צווייטן, נישט לאָזן אַ חבר פון צווישן אונדז פאַלן.

כאָטש נאָוואַק איז געווען פון די ייִנגסטע אין דער גרופּע, האָבן דאָך אַלע אויסגעהערט מיט אַכטונג זיינע ווערטער, ווייל ער האָט גערעדט

„דברים היוצאים מן הלב". ער איז געווען דער, וואָס האָט צעמענטירט אונדזער „משפחה".

דער לאַנגער, ווינטערדיקער אָוונט האָט איינגעשלונגען די חברישע שמועסן צווישן די קראַנקע העפטלינגע. אין דער שפּעטער נאַכט זענען שוין כמעט אַלע געשלאָפן, אָבער איך האַלט נאָך אין איין דרייען זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער. „ס'טאַטשעט" מיך דאָס שטיקעלע ברויט וואָס איך האָב נאָך ליגן אין דער הויזן־קעשענע. די „דיסקוסיע" פון מיין גוף מיטן שכל שטעלט זיך נאָך אַלץ נישט אָפּ, נישט איך קען איינשלאָפן און נישט איך קען וואַך זיין און טראַכטן פון עפּעס אַנדערש, ווי פון דעם פּיצל ברויט. נעם איך דאָס שטילערהייט אַרויסגנבענען פון מיין קעשענע און אויפעסן. ווי איך נעם נאָר די האַנט צום מויל, ווערט זי איינגעקלעמט אין נאַוואַקס האַנט. האָב איך דאָס ברויט געשלעפּט מיט דער צווייטער האַנט, האָט אויך ער אויסגעשטרעקט זיין צווייטע האַנט מיך איינצוהאַלטן. דאָס שטיקעלע ברויט איז געוואָרן איינגעקלעמט צווישן אונדזערע הענט. אַ מינוט האָבן מיר זיך געקוקט אין די אויגן: זיינע שטרענגע, גלאַנציקע אויגן האָבן אויסגעדריקט אַ געפיל, וואָס נאָר עלטערן מיט קינדער, אָדער געטרייע ברידער, קענען דערפילן. מיין כעס און פאַרדראָס זענען געלינדערט געוואָרן, און נאַוואַק האָט מיך באַזיגט: ער האָט צוגענומען מיין פּיצל ברויט.

צו מאָרגנס אין דער פרי, ווען ער האָט עס מיר צוריקגעגעבן, איך זאָל דאָס עסן מיט דער „קאַווע", האָב איך אים צוגעוואָרפן אַ וואַרעם שמייכעלע.

אין אָוונט, ווען מען האָט געטיילט די פרישע פּאַרציעס ברויט, האָט נאַוואַק געזאָגט צו מיר:

— אַז דו קענסט זיך נישט באַהערשן, טאָרסטו קיין ברויט נישט האַלטן. פון איצט אָן וועל איך נעמען צו מיר דיין פּאַרציע און איך וועל דיר אויסטיילן די מאַלציייטן.

איך האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן פאַרשעמט, אָבער אַ וואַרעם־צופרי־דענער שטראָם איז מיר אַדורך די ביינער. פון דעמאָלט אָן האָט נאַוואַק גענומען דאָס ברויט פאַר מיר און מיר עס אויסגעטיילט אין דריי מאָל,

פונקט אַזוי, ווי ער האָט עס געטאָן פאַר זיך אַליין. איך האָב שוין מער נישט געטראַכט פון עסן, איך בין געוועזן זיכער, אַז מיין ברויט געפינט זיך אין גוטע הענט, פיל בעסערע ווי מיינע אייגענע. דאָס האָט געדויערט די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געווען אין 5טן בלאָק צוזאַמען מיט נאָוואַקן.

## נאָך פון חברישע שמועסן אין לאַגער שאַטערווערק

שלמה אייכנבוים איז אויך געווען איינער פון אונדזער חברישער גרופּע העפטלינגע אין 5טן בלאָק. איך האָב אים געקענט נאָך פון לאָדזשער געטאָ. אויך ער האָט געאַרבעט אין דער קיך אויף בערקאַ יאָסלעוויטשאַ 16, אין די יאָרן 41 — 1940. דערנאָך זענען אַוועק די טרויעריקע געטאָ־יאָרן און די ערשטע חדשים פון די פינצטערע לאַגערן, אין משך פון וועלכע איך האָב זיך מיט אים נישט געטראָפן. אָבער אין דער צייט ווען די קראַנקע העפטלינגע פון אַנדערע לאַגערן אין נידער־שלעזיע זענען קאָנצענטרירט געוואָרן אין שאַטערווערקער לאַגער, איז שלמה אייכנבוים אָנגעקומען צו אונדז אין 5טן בלאָק. אַזוי אַרום איז ער, צוגלייך מיט נאָוואַקן, געווען איינער פון אונדזער גרופּע לאָדזשער העפטלינגע, וואָס האָבן דעמאָלט „געלעבט" צוזאַמען.

שטיי איך איין מאָל אין לאַגער־הויף צוזאַמען מיט שלמהן. דער טאָג איז געווען אַ ליכטיקער, די זון האָט מילד געוואָרעמט און אָנגעזאָגט דעם אָנקומענדיקן פרילינג. די ס.ס.־זעלנער, וואָס האָלטן שמירה טאָג און נאַכט פון יענער זייט דראָט־פאַרצוימונג, מיט די אָנגעלאָדענע ביקסן, קענען נישט פאַרשטעלן די לויטערע, פרישע לופט פאַר דעם קראַנקען־לאַגער שאַטער־ווערק. די קראַנקע העפטלינגע, וואָס קענען זיך נאָך שטעלן אויף די פיס, גייען אַרויס אין לאַגער־הויף.

— דו ווייסט — זאָגט צו מיר שלמה אייכנבוים — מיר דאַרפן זיך שוין אָנהייבן גרייטן אין וועג. מ'האָט נעכטן דערציילט, אַז די דייטשן האַלטן גאַר שמאָל, די מלחמה וועט זיך אַ ליאַדע טאָג ענדיקן, וועלן מיר אַהיימפאָרן קיין לאָדזש, אפשר איז נאָך עמעצער פון דער משפחה געבליבן. — און

אַזוי ווי מיר שטייען אין לאַגער־הויף, זע איך, אַז איינער, אַ גריכישער העפטלינג, קומט אַרויס פון קיך מיט אַ ברויט אין האַנט. אַלע אין לאַגער־הויף האָבן אים נאָכגעקוקט מיט שטוינונג. אַזאַ זאַך איז ביז דעמאָלט נישט געשען — אַ העפטלינג זאָל באַקומען אַ גאַנץ ברויט מיט איין מאָל!

— זאָג מיר, שלמה, אפשר ווייסטו פאַר וואָס מען האָט אים געגעבן אַ ברויט? אַ גאַנץ ברויט!

— דו ווייסט גאָרנישט, וואָס עס טוט זיך אין לאַגער? — בייגט זיך שלמה צו צו מיר און דערציילט מיר שטיל די נייע אויסטערלישע געשעע־נישן אין לאַגער:

— די דייטשן קויפן אָפּ די גאָלדענע ציין פון די העפטלינגע.

— דאָס איז ביי דיר אַ נייעס? — זאָג איך צו אים — איך ווייס דאָס שוין פון לאַנג. ווי נאָר עמעצער שטאַרבט אין לאַגער, רייסט מען אים באַלד אַרויס די גאָלדענע ציין פון מויל.

— איצט איז עפּעס אַנדערש — זאָגט שלמה — איצט וואַרט מען שוין נישט ביז מען וועט שטאַרבן, זיי האָבן שוין נישט קיין צייט צו וואַרטן. היינט רייסט מען שוין אַרויס די גאָלדענע ציין נאָך ביים לעבן, נאָך איידער מיר שטאַרבן אויס, פאַרשטייסט?

איך בין געבליבן שטיין ווי געליימט. איך האָב עס נישט געקענט תופס זיין.

— ס׳קומט איצט פאַר אַ שטאַרקער גאָלד־האַנדל — זאָגט ווייטער שלמה — ס׳איז איצט אַ גרויסע קאָנקורענץ אויף דער דייטשישער גאָלד־בערזע.

— וואָס טויגן מיר דיינע פילאָזאָפיעס — ווער איך שוין אין כעס — דערצייל וואָס קומט פאָר אין לאַגער?

— גלייבסטו נישט אין דעם וואָס איך דערצייל דיר? האָסט דאָך אַליין געזען, אַז ער האָט פון דער קיך אַרויסגעטראָגן אַ ברויט. אַדרבא, קוק אים אַריין אין מויל, וועסטו זיך איבערצייגן, צי ער האָט נאָך אַ גאָלדענעם צאָן אין מויל. די קיך־אַרבעטער — דערציילט ווייטער שלמה — פאָרן קיין שווידניץ אָדער וואַלדענבורג נאָך פּראָדוקטן פאַר די ס.ס.־זעלנער. פירן זיי אַהין אַוועק די גאָלדענע ציין, וואָס די העפטלינגע פאַר־

קויפן פאַר ברויט. פאַר אונדז האָט מען פאַרקלענערט די פּאַרציעס ברויט אויף 12 דק"ג אַ טאָג, אָבער פאַרן גאָלד פון די טויטע און לעבעדיקע יידן איז דאָ ברויט.

זינט איך האָב געזען, ווי מען טראָגט אַרויס אַ ברויט פון קיך, האָב איך ווידער אָנגעהויבן טראַכטן פון ברויט, בפרט, אַז דער הונגער איז געוואָרן גרעסער צוליב די פאַרקלענערטע פּאַרציעס.

— די כוחות לאָזן זיך מיר אויס — זאָג איך צו נאָוואַקן — איך פיל, אַז מיין סוף דערנענטערט זיך. איך וועל דאָס נישט איבערהאַלטן. איך וואָלט נישט געוואָלט, אַז מען זאָל מיר נאָכן טויט אויפמאַכן דאָס מויל און אַרויסרייסן די גאָלדענע ציין. איך האָב צוויי שטיקלעך גאָלד אין מויל — אַ צאָן מיט אַ קאָראָנע. איז מיר באַשערט צו שטאַרבן אין לאַגער, וויל איך פריִער אַליין אויפעסן מיינע ציין.

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן — ענטפערט נאָוואַק — מיר מוזן זיך שטאַרקן, מיר דאַרפן איבערלעבן דעם לאַגער, און אונדזער חוב, כאָטש טיילוויז, אויסצופילן. נעם אין אַכט, אַז מיר דאַרפן זיין די עדות פאַר דער וועלט, פאַר דער יידישער געשיכטע. ווער וועט דען דערציילן וועגן די הונדערטער און טויזנטער, וואָס זענען דערמאָרדעט געוואָרן, וועגן די, וואָס מען פירט זיי טאָגטעגלעך אַוועק? ווער וועט דאָס אַלץ קענען דער־ציילן, אויב נישט עמעצער פון אונדז, וואָס וועט זיך ביים לעבן דערהאַלטן?

— איך בין דיך מקנא — זאָג איך צו נאָוואַקן — דו האָסט אַ גוט האַרץ מיט אָפענע אויגן. פון פינצטערן לאַגער קוקסטו צו דער צוקונפט פון נאָך דער מלחמה. דו דאַרפסט טאָפּלט לעבן, איבערלעבן דעם לאַגער און דערלעבן די פרייהייט. ווער פילט און פאַרשטייט נאָך אַזוי גוט ווי דו די איצטיקע און צוקונפטיקע פּראָבלעמען? אָבער איך פיל זיך שוין נישט בכוח. איך זע געווּי דעם גורל פון אַלע יידן אין שאַטערווערקער לאַגער. היינט — ער, מאָרגן — איך. האָב איך באַשלאָסן אַליין אויפ־צועסן מיינע גאָלדענע ציין איידער איך שטאַרב.

איך האָב שוין נישט געקענט רוען, ביז איך האָב נישט פאַרקויפט די צוויי גאָלדענע „טשוועקעס" אין מיין מויל.

# דער לאַגער־„דענטיסט״

די טראַנזאַקציע מיט מיינע גאָלדענע ציין האָב איך אָפּגעשלאָסן מיט די קיך־אַרבעטער לויט גענוי־באַשטימטע באַדינגונגען: צוויי ברויט מיט פיר זופּן. דאָס ברויט וועל איך באַקומען גלייך נאָכן צושטעלן דאָס גאָלד, די זופּן — יעדן צווייטן טאָג אַ זופּ. איצט דאַרף איך נאָר אַרויסנעמען די ציין פון מויל. דער גאָלדענער צאָן איז באַהאַפטן מיט דער קאָראָנע. מוז מען קודם כל זי אַראָפּנעמען. צוליב דעם מוז איך אָנקומען צו אַ דריטן צד. אין צווייטן בלאָק איז געווען אַ ספּעציאַליסט, אַ „דענטיסט״, אַרויסצורייסן די גאָלדענע ציין. ער האָט געהאַט אַן אַלט, פאַרזשאַווערט צוועגל, און פאַר אַ האַלבע פּאָרציע ברויט האָט ער אַרויסגעריסן די גאָלדענע ציין. אויך איך האָב געמאַכט אַזאַ געשעפט מיטן „דענטיסט״, און ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט.

איך האָב אויפגעמאַכט דאָס מויל, דער „דענטיסט״ האָט מיט זיין שמוציק שטיק אייזן אָנגעהויבן צו טרייסלען, רייסן, מאַניפּולירן אַהין און אַהער. אָבער אַ נעכטיקער טאָג, די קאָראָנע רירט זיך נישט פון אָרט. האָב איך מיטביידע הענט אָנגעכאַפּט דעם „דענטיסטס״ הענט, אַוועק־געדרייט דעם קאָפּ און זיך אויפגעשטעלט.

— ניין, איך וויל נישט! — זאָג איך צו אים — איך רעזיגניר פון דעם גאַנצן עסק.

— וואָס רעדט איר! — טענהט דער „דענטיסט״ — איך האָב דאָך כמעט שוין אַרויסגענומען די ציין. איר האָט נישט קיין געדולד? נאָך אַ ריר, און איך גיב אייך דאָס גאָלד אין די הענט אַריין.

— איר זענט אַ דענטיסט? פרעג איך אים — איר רייסט דאָך מיר אָפּ דעם קאָפּ, נישט די קאָראָנע פונעם צאָן. — איך האָב זיך אויסגעדרייט און געוואָלט אַרויסגיין. איך וויל נישט קיין ברויט פאַר די ציין, נאָר ער זאָל מיר נישט אָפּרייסן דעם קאָפּ. איך האָב אָבער דערפילט, אַז עס שטעכט מיר אין דער צונג, ווי אַ שאַרפע שפּילקע. די קאָראָנע האָט ער טאַקע נאָך נישט אַראָפּגענומען, אָבער ביים ראַנד האָט ער אַוועקגעבויגן די שאַרף פון דער קאָראָנע גלייך צו דער צונג. בין איך צוריקגעגאַנגען

און געפּאַדערט פון אים, ער זאָל צוריק אויסגלייכן די קאַראַנע אַזוי ווי ס'איז פריִער געווען.

— איך האָב נאָך נישט געזען אַ מענטש זאָל זיין אַזוי נערוועיִש, נישט האָבן קיין געדולד — זאָגט ער צו מיר — איך האָב דאָך שוין כמעט די גאָלדענע צייִן אין די הענט; נאָך אַ ריר און די זאַך איז דערליידיקט.

האָב איך ווידער אויפגעמאַכט דאָס מויל, דער „דענטיסט" איז ווידער אַריין מיטן שוואַרצן זשאַווער אין מיין מויל, אויף ס'ניי אָנגעהויבן שלעפּן, רייסן, דרייען אַהין, אַהער, אָבער אַ נעכטיקער טאָג — די קאַראַנע גייט נישט אַרויס. האָב איך ווידער זיך אַרויסגעריסן פון זיינע הענט, מיט ביידע הענט זיך געהאַלטן ביים קאָפּ, געקרעכצט פון יסורים. איצט האָב איך שוין געפילט נישט בלויז אַ שפּילקע אויף דער צונג, נאָר ווי מעסערס וואָלטן מיך געשניטן אין דער צונג און אין די יאַסלעס. ווען איך וואָלט געווען געוווּסט, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט אַזעלכע יסורים, וואָלט איך דאָס זיכער נישט געטאָן. אָבער איצט בין איך אין גרויס פאַרצווייפלונג. ס'איז שוין נישטאָ קיין וועג אויף צוריק. די קאַראַנע איז רוּיִנירט, דער צאָן שאָקלט זיך, ס'שטעכט פון אַלע זייטן. קיין אַנדערע עצה האָב איך נישט, איך מוז שוין ענדיקן. האָב איך ווידער אַנגעשטעלט דאָס אָפענע מויל. דער „דענטיסט" האָט ווידער גענומען רייסן, דרייען, שלעפּן — און ענדלעך האָט ער, נאָך שווערער מי, אַרויסגענומען מיינע גאָלדענע צייִן.

באַלד האָב איך געליפערט די סחורה אין קיך אַריין און אָפּגענומען די צוויי ברויטן. איך האָב דאָס באַהאַלטן צוקאָפּנס, צווישן מיינעם און נאָוואַקס געלעגער.

## טויזנט יידישע מענער און איין פוילישע פרוי

דאָס ערשטע מאָל האָב איך זי געזען אין סוף אָקטאָבער 1944, ווען איך האָב געאַרבעט אין דער שיילעריי אין שאַטערווערקער לאַגער. אין דער טיר, וואָס האָט געפירט פון דער קיך צו דער שיילעריי, איז געבליבן שטיין אַ יונגע פרוי פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר; זי האָט שווייגנדיק

באַטראַכט די צוויי גרופּעס יידן, וואָס זענען געזעסן אויף נידעריקע בענקעלעך און געשיילט קאַרטאָפל פאַר דער קיך. זי האָט געשוויגן, נישט אַזוי צוליב דעם, וואָס זי האָט זיך געשעמט, ווי אַן איינציקע פרוי אין דעם יידישן מענער־לאַגער, ווי צוליב דעם, וואָס מיטן עצם שטיין אין דער טיר האָט זי שוין געבראָכן די דייטשישע דיסציפּלין, וואָס האָט פאַרבאָטן צו זיין מיט די יידישע שיילערס אונטער איין דאַך. איבערגעריסן איר שוייגן האָט איינער אַ שיילער אין איר עלטער. ער האָט דערקענט אין איר הלבשה און איר מינע, אַז זי איז אַ פּוילישע פרוי, אַ פאַרשיקטע אויף צוואַנגס־אַרבעט ביי די דייטשן.

— פּאַני פּראַצויע או שעפאַ קוכני ? (איר אַרבעט ביים שעף פון דער קיך ?)

זי האָט געענטפערט מיט אַ לייכט שמייכעלע און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— פון וואַנען זענט איר ? — האָט זי געפרעגט דעם יונגן יידישן קאַרטאָפל־שיילער.

— פון לאָדזש.

— איך בין אויך אַ לאָדזשערין, — האָט זי געענטפערט. באַלד האָט זי זיך צוריק אַריינגעשאַרט צו איר אַרבעט אין קיך.

דאָס איז געווען אין די ערשטע חדשים אין שאַטערווערקער לאַגער, ווען דער לאַגער איז נאָך געווען אַן אַרבעט־לאַגער. יעדן טאָג זענען די אַרבעט־קאָמאַנדעס געגאַנגען אַ מרחק פון עטלעכע קילאָמעטער צו דער קאַטאַרגע־אַרבעט און געבליבן זענען נאָר די קראַנקע, וואָס זענען געלעגן אין רעוויר, און די, וואָס האָבן נאָך געקענט שיילן קאַרטאָפל. אויף די דאָזיקע „גליקלעכע" העפּטלינגע, וואָס זענען אין די קאַלטע ווינטערטעג געזעסן אונטער אַ דאַך און געשיילט פאַר דער קיך, האָבן די אַרבעט־קאָמאַנדעס, נאַטירלעך, געקוקט מיט קנאה. אָבער אויך די שיילערס האָבן געהאַט וועמען מקנא צו זיין: זעענדיק די פאַרשיקטע יונגע פּוילישע פרוי, וואָס האָט געאַרבעט ביים דייטשישן אונטער־אָפיציר, דעם שעף פון דער קיך, קוקנדיק אויף איר פולן קערפּער, געזונטן, יונגן פּנים האָבן זיך די קאַרטאָפל־שיילערס געפרעגט: „ווו זענען היינט אונדזערע מוטערס, אונדזערע

שוועסטערס, די טעכטער, וואָס זענען געווען אין איר עלטער אָדער יינגער? לעבן זיי נאָך? זענען זיי אויך זאַט, ווי אָט די פּוילישע פאַרשיקטע יונגע פרוי וואָס איז אַ צוואַנגס־דינסט?"

די גאַנצע צייט, וואָס דער שאַטערוועקער לאַגער האָט עקזיסטירט, האָט זי געדינט ביים דייטשישן שעף פון דער קיך, און פון דעם פענצטער פון איר צימער האָט זי טאָגטעגלעך אַרויסגעקוקט אין לאַגער־הויף. פון יענעם הויז האָבן מיר אויך געהערט שפּילן אַ ראַדיאָ: קלאַנגען פון מוזיק, שאַלן פון מלחמה־נצחונות. די קלאַנגען פון ראַדיאָ און די בליקן פון דער יונגער פּוילישער פרוי האָבן אונדז כסדר דערמאָנט וועגן אונדזער געפאַלנקייט, דער קאָנטראַסט צווישן דער דייטשישער שטוב אין לאַגער שאַטערווערק און די יידישע העפטלינגע אין דעם זעלבן לאַגער איז געווען שווער צו באַגרייפן.

דעם טיפן תהום פון אונדזער אונטערגאַנג האָבן מיר צום שאַרפסטן דערפילט אין די פרילינג־מאָנאַטן, ווען דער שאַטערווערקער לאַגער איז שוין געווען דורכויס אַ קראַנקן־לאַגער. די פרילינגזון האָט געשיינט און ליבלעך געוואַרעמט. די קראַנקע, וואָס האָבן זיך נאָך געקענט שטעלן אויף די פיס, זענען אַרויס פון די בלאָקן אין לאַגער־הויף. די שטעכל־דראָטענע פלויטן אַרום דעם לאַגער האָבן נישט פאַרשטעלט די וואַרעמע זון־שטראַלן פאַר די קראַנקע יידישע העפטלינגע. די פרילינגדיקע לופט פון נידערשלעזיע האָט אונדז אויך נישט דיסקרימינירט אינעם לאַגער־הויף, האָט מען ליבערשט געוואָלט זיין אונטערן פרייעם הימל איידער אין די פאַרלייזיקטע בלאָקן. מיטן גאַנצן גוף האָבן די קראַנקע לאַגער־יידן געשעפּט די פרילינגס־לופט און וואַרעמקייט; די אינערלעכע שטרעבונג אויסגעהיילט צו ווערן האָט זיך געשטאַרקט אונטערן שמאָלן פּאַס הימל און אויף דער נאַקעטער ערד פון שאַטערווערקער לאַגער־הויף. מען האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס שמוציקע אָנטון, אויך די פאַרלייזיקטע אונטערוועש. נאָר נאַקעטערהייט האָט מען געקענט אָפּשאָקלען און אָפּרייניקן דעם גוף פון די פאַרשידענע אינסעקטן און פּאַראַזיטן, גרויסע און קליינע, ברוינע, גרינע און געלע, די אַלע וואָס האָבן זיך איינגעביסן אין אונדזערע איברים.

איין מאָל, אַזוי ווי איך בין באַשעפטיקט ביי מיין פערזענלעכער

טרוקענער דעזינפעקציע אין לאַגער־הויף, זע איך, אַז די פּוילישע פרוי קוקט אַרויס פון איר פענצטער. זי קוקט און זעט די אַלע קראַנקע נאַקעטע יידן, וואָס שינדן זיך די הויט פון דעם אומפליייט.

זי, די יונגע פּוילישע פרוי, די פאַרשיקטע אויף צוואַנגס־דינסט ביי די דייטשן, האָט טאָג־טעגלעך געקוקט אויף אונדז — אין אָנהייב מיט באַדויער־בליקן, אָבער שפּעטער בלויז מיט גלייכגילטיקייט, וואָס קומט פון געוווינהייט.

אין דעם תהום, וואָס צווישן די באַדינגונגען פון די קראַנקע, אויס־שטאַרבנדיקע יידן, און פון דער פּוילישער דינסט ביים דייטש — אין אָט דעם תהום איז פאַרזונקען געוואָרן יעדער פונק פון מענטשלעכן געשלעכט־לעכן בושה־געפיל.

# לעגענדעס און ווירקלעכקייט אין שאַטערווערקער לאַגער

מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז אין דער וועשעריי נעמען די אַרבעטער אַן צו וואַשן וועש אויך פון די לאַגער־יידן. פאַר אַ קליין פּענעצל ברויט וואַשן זיי אויס אַ העמד. פאַרשטייט זיך, אַז זיי מאַכן דאָס אין געהיים, די דייטשן זאָלן זיך וועגן דעם נישט דערוויסן, — די וועשעריי אין שאַטערווערקער לאַגער האָט עקזיסטירט נאָר פאַר די ס.ס.־זעלנער. די דאָזיקע ידיעה איז אויפגענומען געוואָרן ווי אַ חלום, וואָס האָט נישט קיין פּראַקטישע אָנווענדונג אין אונדזער לאַגער־לעבן. אַין קלייניקייט: אַ פּענעצל ברויט! ווו זאָל מען דאָס נעמען? אַז די טעגלעכע פּאַרציע ברויט קלעקט אפילו נישט די נשמה צו דערהאַלטן.

איך האָב זיך אָבער דאָס יאָ געקענט דערלויבן. גלייך דעם ערשטן טאָג נאָכן אַרויסרייסן די צוויי גאָלדענע ציין פון מיין מויל. טראָץ די שמערצן און די לערקייט, וואָס האָבן מיר געשטערט צו רעדן און עסן, בין איך דאָך געווען צופרידן. איך האָב דערלעבט צו האָבן אין מיין רשות צוויי גאַנצע ברויטן — 2,60 ק״ג. האָב איך, פאַרשטייט זיך, קודם כל אָפּגעשניטן אַ שטיקל ברויט און עס אויפגעגעסן, דערנאָך האָב איך אָפּ־געשניטן נאָך אַ פּענעצל און עס אַריינגעטראָגן צוזאַמען מיט מיין העמד

אין דער װעשערײ. דאָס שװאַרצע פּיצל ברױט האָט װײס געמאַכט מײן העמד, װאָס איז במשך פֿון זעקס חדשים, די גאַנצע צײַט פֿון מײַן זײַן אין לאַגער, נישט געװאַשן געװאָרן. אַ טאָג שפּעטער, װען איך בין אױפֿגע־שטאַנען מיט מײַן אױסגעװאַשן העמד, האָבן די חברים געשפּאַסט פֿון מיר:

— װאָס שיבסטו זיך? האָסט דאָך שױן אױסגעװאַשן דײַן װעש.

— ס׳איז אַן עבירה דאָס שטיקל ברױט — ענטפֿער איך — אַז מיר ליגן 16 מאַן אױף אײן קױקע. ס׳איז גענוג, אַז אײנער זאָל זיך נישט האַלטן רײן, װערן שױן אַלע פֿאַרקראַכן.

— די „האַלץ־װאַללע״ איז שױן דורכגענומען מיטן אומפֿלײט — זאָגט שלמה אײכנבױם — מיר ליגן דאָ, װי אין אַ מיסטקאַסטן, נאָר אַ שנעלע באַפֿרײַונג קען אונדז אַרױסראַטעװען פֿון דאַנען.

פּלוצלינג, װי אַ דונער פֿון הימל װאָלט מיך געטראָפֿן: עס זענען אַרײַנגעקומען דער לאַגער־עלטעסטער גינזבורג און דער דעמאָלטדיקער בלאָק־עלטעסטער, דער לאַמער גוטמאַן, און זײ האָבן שטרענג באַפֿױלן, אַז איך זאָל תּיכף אַריבערגײן אין צװײטן בלאָק. אין אַ בהלהדיקן געיעג האָב איך געמוזט אַראָפּגײן פֿון דער אױבערשטער קױקע און גײן אין 2טן בלאָק.

אין 2טן בלאָק האָב איך באַקומען אַן אָרט אױף דער אונטערשטער קױקע אין עק, בײַ דער װאַנט. ליג איך און טראַכט זיך אײַן אין דער פּלוצלינגדיקער ענדערונג פֿון מײַן מצב. ערשטנס, בין איך געװאָרן אַװעק־געריסן פֿון אונדזער גרופּע חברים, מיט װעלכע איך האָב זיך שױן געהאַט אַזױ האַרציק אײַנגעלעבט. צװײטנס, בין איך דערנידעריקט געװאָרן מיטן אַריבערגײן פֿון אַ טרוקענער, אױבערשטער קױקע אױף אַן אונטערשטער, װוּ די „האַלץ־װאַללע״ ליגט אױף דער נאַקעטער ערד. אָבער דאָס אַלץ איז אַ קלײניקײט אַנטקעגן דעם, װאָס איך בין אַװעקגעריסן געװאָרן פֿון מײַן ברױט. האָב איך אַ גאַנצע נאַכט געקלערט װעגן דעם ברױט, װאָס איך האָב איבערגעלאָזט אין 5טן בלאָק. דאָ אַהער קאָן איך אַזאַ „מאַגאַזין״ מיט ברױט נישט נעמען. ס׳איז אַ גרױסע סכנה. איך װעל דאָס נישט קענען פֿאַרהיטן פֿון די פֿרעמדע העפֿטלינגען. בין איך צו מאָרגנס אין דער פֿרי געגאַנגען אין 5טן בלאָק צו נאָװאַקן:

— נאָוואַק! דו מוזסט ביי זיך באַהאַלטן מיין ברויט, איך בין איצט אין 2טן בלאָק צווישן פּרעמדע מענטשן, איך קען ביי זיך קיין ברויט נישט האַלטן.

נאָוואַק האָט גענומען צו זיך מיין גאַנץ ברויט, און יעדן טאָג בין איך געקומען אָפּשניידן אַ שטיקל פון דעם ברויט, וואָס כ׳האָב איינגעהאַנדלט פאַר מיינע גאָלדענע ציין.

# די 25 שמיץ

אין די ערשטע וואַרעמע טעג פונעם פריִען פרילינג, אין מערץ 1945, האָבן די העפטלינגע וויניק געקענט געניסן פון דעם שיינעם וועטער. זיי זענען געלעגן אין די שמוציקע בלאָקן און האָבן זיך געראַנגלט מיט פאַרשידענע קראַנקייטן. בלויז די קראַנקע, וואָס האָבן זיך נאָך געקענט שטעלן אויף די פיס, זענען אין מיטן טאָג דאָך אַרויס אין לאַגער־הויף, כדי צו געניסן פון דער לופט אין דרויסן און פון די וואַרעמע זון־שטראַלן. אויך איך האָב זיך געדרייט אין לאַגער־הויף.

איינעם אַ טאָג ווערט אַ באַוועגונג פון די עלטעסטע און קאַפּאָס. זיי באַפעלן די אַלע, וואָס געפינען זיך אין לאַגער־הויף, אַז זיי זאָלן זיך צוזאַמענקומען אויף איין אָרט און זיך צוקוקן צו דעם, וואָס דאָרט וועט פאָרקומען.

שטייען מיר, אַ גרופּע העפטלינגע פון איין זייט, און פון יענער זייט שטייט ער, דער דייטשישער לאַגער־פירער, דער אַלמעכטיקער הערשער איבער די קראַנקע, און גיט אַכטונג אויף דער „אָרדנונג". די הענט הינטערן רוקן, אין אַן עלעגאַנטן נאַצי־אוניפאָרם, מיט אַ רויִקן געמיטלעכן שמייכל אויפן פנים — קוקט ער זיך צו מיט הנאה. עס קומט פאָר אַן עקזעקוציע פון שמייסן.

דער נאַקעטער הינטן פונעם קרבן שיינט אַרויף צום הימל, דאָס פנים איז געבויגן צו דער ערד, זיינע צוויי דאַרע לאַנגע פיס זענען איינגעקלעמט אין די הענט פון אַ קאַפּאָ. די אויבערשטע העלפט פון זיין קערפּער איז צוגעדריקט פון אַ צווייטן קאַפּאָ צו דער ערד, אַ דריטער קאַפּאָ האַלט דעם שטעקן און שמייסט, און אַ פערטער ציילט די שמיץ:

— איינס! צוויי!...

ביי יעדן מאָל, ווען דער שטעקן קלאַפּט אָן אין זיין נאַקעטן לייב, גיט ער זיך אַ טרייסל. ער וויל זיך אַרויסרייסן פון קלעם און גיט דערביי אַ יאָמערדיקן קרעכץ. די קאַפּאָס אַליין גיבן אַזש אַ ציטער און שטרענגען זיך אָן, קוים וואָס זיי האַלטן אים צו. אַלע קוקן אויפן טיפן, שוואַרצן פּאַס אויף זיין מאָגערן הינטן, און מען כאַפּט אויך אַ בליק צום דייטש. אָבער ער שטייט זיך רויִק, גלייכגילטיק, ווי אַ מומיע.

די שטעקנס האָבן זיך איינגעביסן אין דעם קרבנס לייב און ס׳האָט זיך געדוכט, אַז ער ברעכט זיך איין אין צווייען. זיין יאָמערלעך קרעכצן איז געוואָרן שטילער און שטילער. איך האָב געוואָלט זיך אַרויסגנבענען פון דער גרופּע צוקוקערס און זיך אַריינשמוגלען צוריק אין בלאָק אַריין, אָבער איך האָב זיך נישט געקענט אויף דעם דעצידירן. פון איין זייט האָב איך נישט געוואָלט דאָס אַלץ צוזען, אָבער פון דער צווייטער זייט האָב איך געפילט, אַז יענער, וואָס קורטשעט זיך אין טויט־יסורים, דאַרף כאָטש האָבן מענטשן, וואָס זאָלן מיט אים מיטפילן, מיטווייטיקן און זיין עדות פאַר הימל און ערד. בין איך ווייטער געשטאַנען. דאָס ציילן האָט שוין געהאַלטן ביי דרייצן. דעמאָלט האָט דער ציילער געזאָגט: „אַכצען!״ — פון דרייצן איז ער גלייך אַריבער צו אַכצן. ס׳הט זיך אויסגעדאַכט, אַז די עקזעקוציע פון די 25 שטעקנס וועט פאַרקלענערט ווערן מיט עטלעכע שמיץ. אָבער דער דייטש האָט דערהערנדיק דעם „אַכצען״, באַפוילן מיט אַ חוזק־שמייכל:

— האַלט! פירצען איזט יעצט, ניכט אַכצען!

דער ציילער האָט זיך צוריקגעכאַפּט צו די „פירצען״, ווי ער וואָלט נישט ווילנדיק זיך „פאַרפּלאָנטערט״ אין מיטן ציילן. די גרויליקע עקזע־קוציע קומט ווייטער פאָר. ס׳דאַכט זיך, אַז דער געשמיסענער וועט שוין אַזוי בלייבן ליגן אויף אייביק. ס׳וואָלט זיך געוואָלט, אַז די ערד זאָל זיך עפענען און אַלץ איינשלינגען, אָדער דער הימל זאָל זיך שפּאַלטן און אַ דונער זאָל דערשלאָגן די גאַנצע עקלדיקע „שפּיל״. אָבער די ערד איז האַרט און דער הימל — שטום. דער שטעקן האַקט ווייטער און צעקאַטעוועט אים דאָס הינטערלייב. דער ציילער ציילט ווייטער, ער האַלט שוין ביי

נײַנצן און ער זעצט פאַר אויף „פיר און צוואַנציק״! ווידער האָט זיך געדוכט, אַז דאָס מאָל וועט די שפּיל אַדורכגיין. האַלט דאָך שוין ביים סוף. אָבער דאָס דײַטשישע מערדערישע האַרץ איז נאָך אַלץ נישט ווײכער געוואָרן. אויף זײַן פּרצוף האָט זיך ווידער באַוויזן דער חוזק־שמייכל:

— האַלט! נײַנצן וואָר געווען, יעצט איזט צוואַנציק. צוואַנציק זאָלסטו ציילן, ניכט פיר און צוואַנציק.

מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן זענען זיך צעגאַנגען די העפטלינגע צוריק אין זייערע קראַנקען־בלאָקן, יעדערער אויף זײַן קויקע. איך האָב זיך אויך צוריקגעלייגט אויף מײַן קויקע. אין מײַנע אויערן איז געבליבן דאָס קרעכצן פון דעם געשמיסענעם, אין מײַנע אויגן — די שוואַרצע שטעקנס־פּאַסן אויף זײַן נאַקעטן לײַב, און אין מײַן זכרון איז אויף אײביק אײַנגעבאַקן געוואָרן דער עקלדיקער אַקט פונעם דײַטשישן סאַדיזם.

## דער גריכישער „חזן״

אַ טראַדיציאָנעל־יידישע פאָרמאַליטעט איז דורכגעפירט געוואָרן אין לאַגער שאַטערוועק שוין אין די לעצטע וואָכן פון זײַן עקזיסטענץ, אין אַפּריל און אין די ערשטע טעג פון מאַי 1945.

יעדן טאָג, אין די פרימאָרגן־שעהען, איז דער „חזן״ געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, פון בלאָק צו בלאָק און אָפּגעזונגען דאָס קאַפּיטל פון זײַן חזנישער תפילה.

צי איז דער חזנישער גאַנג געקומען אויף אַ באַפעל פון אויבן? איז דאָס געווען אַזאַ אַלגעמיינע פאַראָרדענונג פון דער נאַצישער מאַכט, אַזאַ צביעותדיקער זשעסט, ווען זיי האָבן שוין געוווסט, אַז זייער מפלה איז אַ נאָענטע און זיכערע? אָדער איז דאָס געווען אַ לאָקאַלע באַשטימונג פון די יידישע לאַגער־עלטעסטע און בלאָקאוועס אין שאַטערווערקער לאַגער?

אַזוי צי אַזוי, האָב איך טאָגטעגלעך זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט צו אַט דער לאַגער־פּראָצעדור, וואָס האָט געמאַכט אויף די קראַנקע העפטלינגע אַ שוידערלעכן אײַנדרוק.

ווער איז געווען דער „גריכישער חזן״, וואָס האָט געזונגען פאַר די

לעצטע קראַנקע העפטלינגע אין לאַגער שאַטערוועדק? ער איז געווען איינער פון אונדז, אַ יונגערמאַן פון גריכנלאַנד; די תפילה, וואָס ער האָט אָפּגעזונגען מיט אַ ספּרדישן עברית־לשון, איז געווען אַן „אל מלא רחמים״.

אין יעדער שטובע האָט אין יענע טעג די עפּידעמיע אַרויסגעריסן פון אונדז עטלעכע העפטלינגע. אין די פרימאָרגן־שעהען, ווען די העפטלינגע זענען דערוועקט געוואָרן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ 2־3 מאָן האָבן די לעצטע נאַכט אויסגעהויכט די נשמה. האָבן די שטובאָוועס זיי אַוועקגענומען פון די קויקעס צו דער טיר, ווו זיי זענען געלעגן ביז דער „גריכישער חזן״ איז אַריינגעקומען, זיך דאָרט אַנידערגעשטעלט און געמאַכט פאַר זיי אַ קאָלעקטיוון „אל מלא רחמים״.

פאַרשטייט זיך, אַז אַלע קראַנקע העפטלינגע האָבן זיך אויסגעדרייט מיט די פּנימער צו די טויטע ביי דער טיר און דעם יונגן „גריכישן חזן״, וואָס באַגלייט זיי מיט דער יידישער טראַדיציאָנעלער תפילה אין דער אייביקייט.

דער „גריכישער חזן״ האָט פאַר זיין הייליקער פונקציע באַקומען דעם גרעסטן לוין: גלייך נאָך דעם, ווי ער איז שנעל דורכגעגאַנגען אַלע שטובעס און אָפּגעזונגען זיין „מזמור״, איז ער אַריין אין דער קיך און דאָרט האָט ער באַקומען אַ זופּ.

## ביים ראַנד פון דער שטילער אייביקייט

דאָס איז געשען אין חודש אַפּריל 1945. איך בין דעמאָלט געלעגן אויף דער אויבערשטער קויקע. איבער דער גאַנצער לענג, פון ביידע זייטן, ליגן די קראַנקע העפטלינגע. ס'איז שוין געווען גרויסער טאָג, רעד איך צו מיין שכן פון דער רעכטער זייט, וועגן אונדזער לאַגע:

— געדענקסט, מאַניעק! ווען מיר האָבן געאַרבעט אין דער שיילעריי איז נאָך נישט געווען אַזאַ הונגער ווי איצט. קען מען דען אויסהאַלטן מיט 12 ד״ג ברויט טעגלעך? נאָר אַ גיכע באַפרייונג קען אונדז ראַטעווען פון אונטערגאַנג. — איך רעד, אָבער ער ענטפערט מיר נישט. — שלאָפסט? — ער רופט זיך נישט אָן. ליג איך נאָך אַ ביסל און פרעג אים נאָך אַ מאָל:

וואָס איז מיט דיר? — ער שווייגט ווידער. זיין שווייגן איז געווען פאַר־דעכטיקט, ס׳איז נישט געווען זיין טבע.

— האָסט שוין נישט צו וועמען צו רעדן — זאָגט מיר זיין שכן פון דער צווייטער זייט.

קוק איך אויף אים. זיינע ביינער שטופן אַרויס די געלע הויט, און איך טראַכט דערביי: ווען איך וואָלט איצט געהאַט אַ קליין שפּיגעלע, זיך אָנצוקוקן; איך ליג דאָך אויך אויף דער קויקע גלייך מיט אים. זע איך אויך שוין אַזוי אויס? וועל איך אויך בלייבן ליגן אַזוי פאַרשטומט?

דערווייל לעב איך נאָך און ליג פּנים אל פּנים מיט אַ בר־מינן. ס׳איז שוין אין שפּעטן טאָג, דער „גריכישער חזן" איז שוין לאַנג אַוועק, און די טויטע נעמט מען אַרויס בלויז איין מאָל אין טאָג, יעדן אינדערפרי. וועל איך דאַרפן ליגן מיט מיין טויטן שכן אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט, ביז מאָרגן אין דער פרי. דריי איך זיך אויס אויף דער לינקער זייט, אַז איך זאָל נישט ליגן מיטן פּנים צו אים. אַזוי ציט זיך די צייט. ס׳ווערט נאַכט, און איך ליג אַ גאַנצע נאַכט אויף דער לינקער זייט. איך שלאָף געדענק איך, אַז איך דאַרף זיך איצט נישט איבערדרייען. קיין שרעק פיל איך נישט; ס׳איז נישט דאָס ערשטע מאָל, אַז איך בין אַן עדות פון אַזאַ געשעעניש; איך געדענק נאָך גוט פון 11טן צעלטל די אַלע חברים און באַקאַנטע, וואָס זענען געבליבן ליגן פאַר מיינע אויגן אין אַזאַ מעמד.

צו מאָרגנס אין דער פרי איז דאָס אָרט פון שכן פון דער רעכטער זייט געוואָרן פריי, ליידיק. איך קען שוין ליגן אויך אויף דער רעכטער זייט. אָבער עפּעס נאָגט אין מיר אַ פאַרדאַכט: איך הער נישט דאָס באַליבטע לידעלע פון מיין שכן פון דער לינקער זייט. יעדן טאָג, אַפילו נעכטן, האָט ער געזונגען, כאָטש האַלב ווייַנענדיק, מיט אַ פאַרשטיקט קול, אָבער דאָך געזונגען:

— וטהר לבנו, וטהר לבנו לעבדך באמת!...

איך דריי זיך אויס צו אים און וועק אים אויף מיט זיין לידעלע:

— דודטשע, וטהר לבנו! נו זינג! וואָס שלאָפסטו? — אָבער דודטשע איז שוין אויך אויף אייביק שטיל געבליבן. פונקט צום מעת־לעת, ווען מיין שכן פון רעכטס איז אויסגעגאַנגען.

איך האָב זיך אויסגעדרייט צוריק אויף דער רעכטער זייט. מיין האַרץ האָט האַסטיקער געקלאַפּט. אין מיר איז איינגעזאַפּט אויף אייביק זייער פאַרשטומטקייט.

## נייע טערמאָמעטערס און אַלטע בגדים

ס׳איז כדאי צו נאָטירן, אַז אין די ערשטע חדשים, ווען די לאָדזשער יידן זענען געקומען, ווען פיל הונדערטער געזונטע יידן זענען טעגלעך געשיקט געוואָרן אַרבעטן עבודת פרך, האָט אַפילו דער לאַגער־דאָקטער קיין טערמאָמעטער נישט געהאַט. די דייטשן האָבן אונדז נישט געגעבן קיין אָנטון, נישט אין האַרבסט פון יאָר 1944, און נישט אויף ווינטער. מיר זענען געווען געקליידט אין די לייכטע פּאַשאַקן ביז אין טיפן ווינטער אַריין. וועש האָבן מיר נישט באַקומען אַפילו קיין איין איינציק מאָל.

אין די פרילינג־חדשים מערץ־אַפּריל און אין די ערשטע טעג מאַי 1945, האָט מען געקענט זען דעם טראַגישן גורל פון לאַגער שאַטערוווערק — אין די בערג בגדים, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין לאַגער. נישט בלויז אין די 2 צעלטלעך, אין 11טן און 12טן, נאָר אויך אין די בלאָקן און אין לאַגערהויף: דיקע וואָלענע מאַנטלען פון פאַרשידענע קאָלירן, הויזן, וועסטן און אונטער־מלבושים. דאָס זענען געווען די בגדים פון די פיל הונדערטער פאַרשיקטע יידישע העפטלינגע פון פוילן, גריכנלאַנד, אונגאַרן, דייטשלאַנד א״אַ, וואָס זענען סיסטעמאַטיש געוואָרן אויסגעהונגערט, פאַרפּייניקט, דער־שעפּט און דערמאָרדעט. ווען אוישוויץ איז שוין נישט געווען אין די דייטשע הענט, ביזן לעצטן טאָג, דעם 8טן מאַי 1945, זענען די יידן אין שאַטערוווערקער לאַגער סיסטעמאַטיש געוואָרן אומגעבראַכט.

אין דעם קראַנקען־בלאָק, ווו איך בין דעמאָלט געלעגן, אין אַפּריל 1945, איז דער שטובאָווע מיטאַגצייט געקומען מיט עטלעכע נייע „גלעזלעך״ אין האַנט. ער האָט דאָס געטיילט צו עטלעכע קראַנקע אויף מעסטן די היץ. צו מאָרגנס אין דער פרי איז ער געקומען מיט אַ רשימה פון די, וואָס האָבן געהאַט היץ, און די אַלע האָבן געדאַרפט פאַרלאָזן דעם בלאָק. אין אַ געוויסן פרימאָרגן האָב איך אויך זיך געפונען אויף דער רשימה, און איך האָב אויך באַקומען אַ באַפעל צו פאַרלאָזן דעם קראַנקען־בלאָק

און איבערגיין אין איזאָלאַציע־בלאָק. דאָס איז געווען אַ טייל פונעם 2טן בלאָק, אַרומגענומען מיט שטעכלדראָטענע ווענט, איזאָלירט פון אַלע אַנדערע בלאָקן אין לאַגער. אין אַט דעם בלאָק האָב איך דערפילט, אַז איך געפין זיך אויפן לעצטן שטאַפּל פון דער לעבעדיקער וועלט. מיט וואָס פאַראַ נאָמען מיין עפּידעמיע־קראַנקייט האָט זיך גערופן, האָב איך זיך דערוווּסט ערשט נאָך דער באַפרייונג: דאָס איז געווען פלעקן־טיפוס.

## מיין לעצטער ברויט־„מאַגאַזין"

אין איזאָלאַציע־בלאָק האָב איך געהאַט קאַשמאַרע טעג און נעכט. איך בין געלעגן „זאַט". דאָס טעגלעכע שטיקל ברויט האָב איך נישט געקענט נעמען צום מויל. איך האָב אין גאַנצן אָנגעווירן דעם אַפּעטיט צום עסן. אויך שלאָפן האָב איך נישט געקענט. גאַנצע נעכט האָב איך זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער, זיך געשוגדן די הויט און נישט געקענט איינשלאָפן. ערשט די דריטע נאַכט האָב איך איינגעדרימלט.

ווען איך האָב באַקומען די טעגלעכע פּאָרציע ברויט, האָב איך דאָס געהאַלטן אין דער האַנט, באַטראַכט מיט די אויגן די 12 דק"ג „בריליאַנטן": וואָס טוט מען דערמיט? עסן קען איך טאַקע נישט, אָבער ס'איז דאָך אַ גאַנצע פּאָרציע ברויט, אַ גרויס פאַרמעגן אין לאַגער! האָב איך מיט מיין נאָדעלע, וואָס איך האָב געהאַט אין לאַגער, אַרויסגעצויגן דרימען גאָרן פון די אַלטע בגדים, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט, און האָב זיך אויפגענייט אַ טאָרבעלע. דאָס טאָרבעלע האָב איך זיך אָנגעהאָנגען מיט אַ שטריקל אויפן האַלדז. יעדן טאָג, ווען איך האָב באַקומען מיין פּאָרציע ברויט, האָב איך דאָס אַריינגעלייגט אינעם טאָרבעלע.

אַזוי איז אַדורך 10 טעג פון אַפּאַטיע, ביז איך האָב אָנגעהויבן דער־פילן, אַז ס'נאָגט מיך עפּעס ביים האַרץ, ס'פעלט מיר עפּעס: אפשר זאָל איך עסן אַ שטיקעלע ברויט? אָבער ניין, איך קען דאָס ברויט נישט נעמען צום מויל. איך פיל אַ נאָגנדיקן הונגער, אָבער דאָס ברויט איז האַרט, אַלט און איך קען דאָס נישט עסן. דאַן לייג איך אַרויף אַ שטיקל ברויט אויפן אייזערנעם אייוועלע, וואָס ברענט זיך אין דער שטובע. דאָס

שטיקל ברויט ווערט וואָרעם, אַ ריח פון פריש געבעקס שמעקט און דערוועקט דעם הונגער. לאַנגזאַם הייב איך אָן צו בייסן, און יעדעס קרישקעלע, וואָס עס גיט זיך מיר איין אַראָפּצושלינגען, וועקט־אויף די אָפּגעטויטע געדערעם. אָבער מער ווי אַ האַלבע פּאָרציע ברויט האָב איך דאָס ערשטע מאָל נישט געקענט אויפעסן. יענע נאַכט בין איך איינגעשלאָפן אין אַ טיף־געשמאַקן שלאָף, אָבער ווען איך בין אויפגעשטאַנען, אַ קוק געגעבן אין מיין טאָרבעלע, האָב איך דאָרט געפונען בלויז 1½ שטיקלעך ברויט. מיין גאַנצן איבעריקן „מאַגאַזין" פון 8 פּאָרציעס האָט מען מיר אַרויסגעצויגן ווען איך בין ביי נאַכט געשלאָפן.

דעם פאַרדראָס האָב איך דעמאָלט באַהאַלטן אין זיך. ערשטנס, בין איך נישט געווען בכוח צו רעאַגירן, צווייטנס, בין איך זיכער געווען, אַז ס'וועט מיר סיי ווי גאָרנישט העלפן. דאָס צוגעגנבעטע ברויט וועל איך שוין צוריק נישט באַקומען. איך בין דעמאָלט געלעגן מיט פרעמדע מענטשן, וואָס האָבן אַפילו נישט גערעדט צווישן זיך קיין יידיש, נאָר אונגאַריש. איך בין צוריק אַריין אין געראַנגל פאַרן לעבן, איך האָב אויפגעפרישט די שטיקעלעך ברויט צו דערהאַלטן די נשמה.

# די 1טע־מאַי־סעודה אין יאָר 1945 אין 5טן בלאָק

שלמה אייכענבוים האָט זיך אָפּטער אַריינגעגנבעט צו מיר אין איזאָלאַציע־בלאָק. דעם 1טן מאַי 1945, אין די אָוונט־שעהען, האָט ער מיר אָפּגעגעבן אַ גרוס פון נאָוואַק און דערציילט וועגן דער 1טער־מאַי־סעודה, וואָס נאָוואַק האָט געמאַכט פאַר זיינע נאָענטע קויקע־חברים. איך בין געלעגן און אויסגעהערט די וווּנדערלעכע געשיכטע פון לאַגער שאָטערוועק, דערציילט פון שלמה אייכענבוים:

דער לאַגער־עלטעסטער גינזבורג איז געקומען אין 5טן בלאָק און באַפוילן נאָוואַקן און שוואַרצן צו גיין אַרבעטן. זיי האָבן באַקומען אַ טראָגע צו ברענגען פרישע זשוויר־שטיינדעלעך אויף אויסצוגלייכן די גריבלעך פון באָדן אין לאַגערהויף.

אויף יענער זייט פון לאַגער־טויער איז געווען די פאַבריק פון שאַטער (זשוויר), דאָס אייגנטלעכע שאַטערווערק. די פאַבריק האָט שוין לאַנג נישט געאַרבעט, אָבער גרויסע בערג מיט שאַטער־שטיינדעלעך זענען געלעגן לעבן דער פאַבריק; פון דאָרט האָט מען געשלעפּט די שטיינדלעך אין לאַגער אַריין. ביי נאָוואַקן און שוואַרצן זענען געווען אָנגעהאָנגען אויף די אַקסלען די פּאָסן פון דער טראָגע און זיי האָבן געשלעפּט די שאַטער־שטיינדלעך. די טראָגע האָט אַראָפּגעצויגן צו דער ערד, די קני‏ען האָבן געבראָכן און ס'איז שווער געווען צו שלעפּן די פיס. דער ס.ס.־זעלנער, וואָס איז געשטאַנען אויף זיין פּאָסטן ביים טויער, האָט כסדר נאָכגעקוקט, ווי די יידן, דערשעפּטע און קראַנקע, שלעפּן די טראָגע מיט שטיינדלעך אַריין און אַרויס. פון זייערע איינגעפאַלענע באַקן שטאַרצן אַרויס די ביינער, די צעעפנטע אויגן זענען פאַרצויגן מיט אַ מאַטן גלאַנץ, די קעפּ אַראָפּגעבויגן, די הענט אָנגעצויגן צו די הענטלעך פון דער טראָגע, די פיס אויסגעבויגן, ווי מיט אונטערגעהאַקטע קני‏ען. די גרויסע האָלץ־טרעפּעס קלאַפּן אָן אין די שטיינדלעך אויף דער ערד און עס הילכט אָפּ די שווערע פּיין פון עבודת־פרך.

דער טעמפּער ריטעם פון די צוויי פּאָר האָלץ־טרעפּעס האָבן געשטערט דעם פּאָסטן צו לייענען זיין ציישונג. יעדעס מאָל וואָס זיי זענען פאַרביי דעם לאַגער־טויער, האָט ער זיי נאָכגעקוקט, דערנאָך ווידער געלייענט. זעט אויס, אַז די נאַכריכטן פון פראָנט האָבן אים איבערצייגט, אַז די מפּלה פון זיין „פירער" איז שוין נאָענט. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דער ווירקלעכקייט און געוואָלט זיך באַווייזן ווי אַ גוטער דייטש לגבי די קראַנקע יידן, וואָס טראָגן די שווערע טראָגעס מיט שאַטער:

— מוזולמענער! זאָגן זי, וואָרום זען זי זאָ שלעכט אוס — פרעגט ער נאָוואַקן.

— מיר באַקומען קיין עסן — ענטפערט נאָוואַק — אויף אַ גאַנצן טאָג באַקומען מיר בלויז צוועלף דק"ג ברויט. יעדעס מאָל ווערט די פּאַרציאָן ברויט פאַר אונדז פאַרקלענערט.

ווען זיי זענען נאָך אַ מאָל פאַרבייגעגאַנגען דעם טויער, האָט דער פּאָסטן געזאָגט נאָוואַקן, אַז ער זאָל אויפהייבן דאָס פּאַפּיר, וואָס ליגט אין

בודקע. דער פּאָסטן איז אַרויס פון דער בודקע, זיך פאַרדרייט אין אַ זייט, געמאַכט זיך נישט זען. נאָוואַק איז אַריין און אויפגעהויבן דאָס פּאַפּיר. דאָס איז געווען אַ פּעקל פרישׁ געקאָכט פלייש. אַז נאָוואַק מיט שוואַרצן האָבן געענדיקט די אַרבעט, זענען זיי אַרויף צו דער „קויקע־משפחה". נאָוואַק האָט אויפגעוויקלט דאָס פּאַפּיר און איינגעטיילט דאָס שמעקענדיקע, פרישע פלייש — יעדן אַ שטיקעלע, אַלעמען גלייך.

— לאָמיר אַלע, כאָטש מיט אַ שטיקעלע פלייש אין לאַגער, געניסן פונעם אַרבעטער־יום־טוב, דעם 1טן מאַי — האָט נאָוואַק געזאָגט.

שלמה אייכענבוים איז מער נישט געקומען אין מיין איזאָלאַציע־בלאָק. ערשט אין טאָג פון דער באַפרייונג זע איך אים אין לאַגער־הויף. דער־ציילט ער מיר, אַז דער לאַגער־עלטעסטער גינזבורג איז שוין אַוועק פון לאַגער, גלייך נאָך די ס.ס.־זעלנער. אויך דער קאַפּאָ מאַרקאָוויטש איז אַוועק.

— אָבער ווו איז נאָוואַק? — פרעג איך אים. ער ענטפערט מיר נישט און לאָזט אַראָפּ די אויגן.

— פאַר וואָס רעדסטו נישט? ווו איז נאָוואַק?

— ער, ער האָט מיט צוויי טעג צוריק אויסגעהויכט זיין נשמה...

# אַ לעפל זופּ וואָס איז מחיה מתים

די לעצטע טעג אין לאַגער בין איך געלעגן אין 2טן בלאָק אויף דער אונטערשטער קויקע. אַקעגן איבער, אויף דער אויבערשטער קויקע, זענען געלעגן עטלעכע יחסנים; אַ טייל פון די לאַגער־דיגניטאַרן, וואָס זענען געשטראָפט געוואָרן אין די סאַמע לעצטע טעג פון דער לאַגער־עקזיסטענץ צו ליגן אין זעלבן בלאָק מיט אַלע העפטלינגע.

ווער זענען דאָס געווען די יחסנים, וואָס זענען געלעגן אויף דער אויבערשטער קויקע קעגן איבער מיר? דאָס זענען געווען עטלעכע קיך־אַרבעטער, אונגאַרישע יידן־העפטלינגע, וואָס זענען געווען פּריווילעגירט צו אַרבעטן אין דער וואַרעמער, זאַטער קיך. זיי זענען געווען אין נאָענטער „אינטערעסן־געמיינשאַפט" מיטן דאָקטער גאָלדשטיין און מיט די בלאָק־

עלטעסטע. זיי האָבן געהאַט די מעגלעכקייטן צו דיספּאָנירן מיט קעסלען זופּ. דאַרף מען דען אין לאַגער אַ גרעסערע קאַריערע ווי „שאַרן־זיך" אַרום אַ קעסל זופּ? כאַטש זיי זענען געווען אונטער אַ שטרענגער אויפֿזיכט פֿון דייטשישן קיך־מייסטער, געמוזט קאָכן פֿאַר די ס.ס.־זעלנער נאַרהאַפטע, געשמאַקע זופּן און פֿאַר די יידישע העפטלינגע — וואַסערדיקע זופּ, מיט אַלטע, האַלצערנע, פֿאַרשטונקענע קילעריבן, גאַנץ שטאַרק געזאַלצן, כדי די קראַנקע זאָלן וואָס שנעלער אויסשטאַרבן.

אָבער די עפּידעמיע פֿון פֿלעקן־טיפֿוס האָט זיך אַזוי פֿאַרשפּרייט די לעצטע וואָכן אין שאַטערוועקער לאַגער, אַז זי האָט אויך אָנגעגריפֿן עטלעכע מאַן פֿון די קיך־אַרבעטער. דאָס זענען זיי געווען, וואָס זענען געלעגן אויף דער אויבערשטער קויקע קעגן איבער מיר.

נאָך דעם, ווי מען ברענגט אַריין פֿאַר די קראַנקע העפטלינגע דעם קעסל זופּ און מען גיסט אַריין יעדערן אין שיסל די פּאַרציע „לאַגער־מיטאָג", קומען 2 קיך־אַרבעטער מיט נאָך אַ קעסל זופּ. זיי גייען גלייך צו זייערע חברים, די יחסנישע קיך־קראַנקע, און גיסן זיי אַריין אין די שיסלען די „צולאַגעס". דאָס איז געווען אַן אַריינגעשמוגלטער האַלבער קעסל זופּ, פֿון דעם, וואָס איז געקאָכט געוואָרן פֿאַר די ס.ס.־זעלנער. אַז ס'איז געבליבן אין קעסל נאָך אַ ביסל זופּ, האָבן זיי צעטיילט צו ביסלעך זופּ די קראַנקע אונגאַרישע העפטלינגע.

איין מאָל, ווען זיי האָבן שוין געהאַט צעטיילט די „צולאַגעס" און געהאַלטן ביי אַוועקגיין, האָב איך זיי געבעטן:

— גיט מיר אויך, כאַטש אַ לעפֿל זופּ!

— און אַז מ'וועט דיר שוין געבן אַ לעפֿל זופּ, וועסטו שוין בלייבן לעבן?

— יאָ! — ענטפֿער איך. זיי זענען געבליבן שטיין מיטן ליידיקן קעסל לעבן מיר. ר'איז געווען גאַנץ ליידיק, בלויז אַרום די ווענט איז געווען צוגעקלעפּט פֿאַרטריקנטער אָפּזאַץ פֿון דער געדיכט־געשמאַקער זופּ. מיטן לעפֿל האָט איינער פֿון זיי אַרומגעקראַצט די ווענטלעך פֿון קעסל, אַריינגעוואָרפֿן אין מיין כלי און אַוועק.

ווען איך האָב געשלונגען פֿון דעם איינעם לעפֿל זופּ, האָב איך דער־

פילט, ווי אַלע אברים צעשפּילן זיך אין מיר, דערוועקן זיך צום לעבן. גלייך ווי איך וואָלט אויפגעשטאַנען תחית־המתים.

## די לעצטע ליל־שימורים אין שאַטערווערקער לאַגער

דעם 7טן מאַי 1945 האָבן די קראַנקע העפטלינגע, די וואָס האָבן זיך נאָר געקענט אויפזעצן, אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער אין לאַגער־הויף. אַ דערפרייענדיקע נייעס: אַ סוף צו זייער פּאַרריסענער גדלות. אין הויף שטייט אַ פור, אַ דאַרפישע פור אין איין פערד געשפּאַנט, און מען לייגט אַרויף די געפּעק פונעם קיך־מייסטער, דער דייטשישער מערדער, וואָס האָט פּלאַנמעסיק און סיסטעמאַטיש אויסגעהונגערט די לאַגער־יידן ביז צום טויט פון 90% פאַרשיקטע אין „אַרבעטס"־לאַגער שאַטערווערק.

ביי נאַכט איז דער דאָקטער גאָלדשטיין אָפּטער געקומען אין דער שטובע ווו איך בין געלעגן און יעדעס מאָל געבראַכט פרישע נייעס. גלייך נאָך זיין אַרויסגיין פון שטובע האָבן די קראַנקע זיך געטיילט מיט די פרישע ידיעות, וואָס דער דאָקטער גאָלדשטיין האָט געבראַכט.

ער איז געווען אינפאָרמירט דורך דעם לאַגער־שרייבער און לאַגער־עלטעסטן. געקומען איז ער צו זיינע ידידים, די קיך־אַרבעטער, וואָס זענען געלעגן אויף דער אויבערשטער קויקע. ער איז געשטאַנען און גערעדט צו זיי אונגאַריש, אָבער זיין סודותדיקע מימיק האָט עדות געזאָגט, אַז זייער וויכטיקע נייעס געשעט אין די איצטיקע שעהען. מיינע אונגאַרישע שכנים פון דער אונטערשטער קויקע האָבן נישט געקענט באַהאַלטן די „סודות" פאַר מיר. פון גרויס צופרידנקייט האָבן זיי מיר פאַרטייטשט אויף יידיש די נייעס. איין מאָל האָט מיין שכן מיט אַ פריידיקן געלעכטער געזאָגט צו מיר — בערלין ברענט! אַ צווייט מאָל — די דייטשן קאַפּיטו־לירן! די געשפּרעכן וועגן דער פּאָליטישער ווענדונג האָבן אַ גאַנצע נאַכט נישט געלאָזט אונדז קיין אויג צוטאָן.

ס'איז שוין געווען אין דער טיפער נאַכט, ווען דער דאָקטער גאָלדשטיין איז ווידער געקומען מיט אַ פרישן „סוד" צו זיינע ידידים, איז ווידער

געשטאַנען אַ לענגערע צייט און האָט קאָמענטירט מיט זיי. נאָך זיין אַרויס־גיין איז אויך דער „סוד" מגלה געוואָרן פֿאַר אַלע אין דער שטובע: די פֿאַסטנס, די ס.ס.־זעלנער, אונדזערע „שומרים", האָבן באַקומען אַ באַפֿעל די נאַכט נישט אויסצוטון די שיך צום שלאָפֿן. פֿאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַזאַ פֿריידיקער ידיעה, האָט קיינער נישט געקענט איינשלאָפֿן.

די געשפּאַנטקייט האָט זיך געשטאַרקט מיט יעדער שעה. גלייך מיט די ערשטע ליכט־שטראַלן איז געוואָרן אַ באַוועגונג: ס'איז אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז די דייטשישע זעלנער שטייען שוין נישט אַרום די לאַגער־דראָטן, אויך ביים לאַגער־טויער שטייט שוין נישט דער פּאָסטן!

די רעשטלעך לעבן־געבליבענע האָבן אָבער די באַפֿרייונג נישט געקענט אויפֿנעמען מיט דער פֿולער פֿרייד; אַלע זענען געווען קראַנקע, אַ גרויסער טייל זענען אַפֿילו נישט געווען בכוח אַרויסצוגיין אויפֿן הויף. זיי זענען געלעגן און בשום־אופֿן זיך נישט געקענט שטעלן אויף די פֿיס. די שטאַרק קראַנקע זענען נאָך עטלעכע טעג נאָך דער באַפֿרייונג געלעגן אויף די שמוציקע, פֿאַרלייזטע קויקעס, ביז מען האָט זיי איבערגעפֿירט אין אַ סאַנאַטאָריע. די האָלץ־בלאָקן זענען שפּעטער אונטערגעצונדן געוואָרן און דער שאַטערווערקער לאַגער איז אַוועק אין פֿלאַמען.

## עפּילאָג

אַז די קראַנקע פֿון שאַטערווערקער לאַגער האָט מען איבערגעפֿירט אין אַ סאַנאַטאָריע — האָב איך זיך דערוווּסט ערשט עטלעכע חדשים נאָך דער באַפֿרייונג. אָבער דעם 8טן מאַי 1945, דעם ערשטן טאָג פֿון דער באַפֿרייונג, האָט קיינער נישט געוואָלט ליגן אין פֿאַרלייזיקטן, וויסטן לאַגער. די קראַנקע וואָס האָבן, ביי דער גרעסטער אָנשטרענגונג, זיך נאָך געקענט שטעלן אויף די פֿיס, זענען אַרויס פֿון לאַגער און אַוועק אין דער פֿרייער וועלט אַריין.

איך בין אויך אַרויס פון לאַגער דעם 8טן מאַי 1945. כאָטש איך בין געווען קראַנק און נישט געקענט גיין, האָט אָבער די פרייע וועלט געלאָקט, גערופן, און איך האָב לאַנגזאַם „געלערנט" זיך גיין. ביי יעדער שטיקל וועג, בערך 50 מעטער, האָב איך זיך אַנידערגעזעצט זיך אָפּרוען אויף דער ערד. אַזוי האָב איך מיט לאַנגזאַמע טריט זיך געלאָזט אין דער וועלט אַריין. אויפן וועג האָב איך אויפגעהויבן אַ שטיקל האָלץ פון אַ צעבראָכענעם צווייג. דאָס איז געוואָרן מיין שטעקעלע צו פאַרלייכטערן זיך די וואַנדערונג אין דער פרעמדער וועלט אַריין.

מיין ציל איז געווען: אַנצוקומען צוריק קיין לאָדזש, זען וואָס עס טוט זיך דאָרט, וואָס איז דער גורל פון מיין משפחה, פון מיין שוועסטער, ברודער, פון אַלע אייגענע. אָבער דער וואַנדערוועג צום ציל האָט געדויערט ביזן 14טן יוני 1945. ווו האָב איך אַלץ נישט געוואַנדערט! וואָס האָט זיך אַלץ נישט געטאָן מיט מיר במשך פון די 37 טעג וואַנדערן! אָבער דאָס איז אַ לאַנגע פּרשה, וואָס קען זיך נישט אַריינפּאַסן אין דעם קורצן עפּילאָג. אָבער איין געשעעניש וויל איך דאָ נאָטירן:

אין מיין וואַנדערן בין איך אָנגעקומען קיין אָפּאָלע (אָפּעלן). דאָרט האָב איך זיך אַריינבאַקומען אין אַ סאָוויעטיש־מיליטערישן שפּיטאָל. איך בין דאָרט געווען איין ציווילער קראַנקער, צווישן די קראַנקע פאַרוווּנדעטע זעלנער. יעדן צווייטן טאָג האָט מיך די שפּיטאָל־דאָקטאָרין, פרוי דאָקטאָר שטיין, אונטערזוכט (זי איז געווען אַ יידישע פרוי פון רוסלאַנד). יעדן 2טן טאָג האָט זי פאַרשריבן פאַר מיר פאַרשידענע מעדיקאַמענטן. אויך האָט זי פאַראָרדנט אין שפּיטאָל־קיך אַ ספּעציעלע דיעטע פאַר מיר. אין דעם דאָזיקן שפּיטאָל בין איך געלעגן 4 וואָכן צייט, ביז איך האָב זיך געקענט שטעלן אויף די פיס.

אַרויסקומענדיק פון שפּיטאָל, בין איך באַלד געפאָרן מיט דער באַן קיין לאָדזש. דאָ האָב איך געטראָפן מיין זון, וואָס איז אויך דעם זעלבן טאָג צוריקגעקומען פון די דייטשישע קאַצעטן.

# אינהאלט


אויפן וועג שטייט אַ בוים (במקום אַ הקדמה) — — — — — — 5

אין לאָדזשער געטאָ — — — — — — — — — — — — 7

אוישוויץ — — — — — — — — — — — — — — 103

אָבערוויסטעגירסדאָרף — — — — — — — — — — — — 138

לאַגער שאַטערוועריק — — — — — — — — — — — — 153

לאַגער דערנאַו — — — — — — — — — — — — — 220

צוריק אין שאַטערוועריק — — — — — — — — — — 232